קרית ברסלב בלעטל

שנה ה'
פסח
תשפ"ה
נומער 262

צום פינטל:
פעי-סאח

געדאנקען:
ווער עס קושט די מזוזה איז באוויליגט פארן אייבערשטן

קוק אהער:
מכות ביים סדר

א בריוו:
גיין חול המועד צו א שפיל?

מתלמידיו של אהרן

זיין נאמען איז באקאנט אלץ מלמד, גבאי, און וועכנטליכע שאלה פרעגער ביים ליל שישי שיעור | דער בלעטל אין א זאפטיגן שמועס מיט מו"ה חיים אהרן קליטניק הי"ו

א כשר'ן פסח

משגיח הכשרות מו"ה ישראל פוקס הי"ו טוט זיך אן דעם משגיח היטל און נעמט אונז אריין אין די גרעסטע עסן פירמע'ס ביים היימישן ציבור

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

דער בלעטל אין א היסטארישע פראיעקט שטאט אפ א באזוך אינעם נאציאנאלע האלאקוסט מוזעאום אין וואשינגטאן עיר הבירה, אין א צוזאמארבעט פון עטליכע שרייבערס ברענגען זיי לעבעדיג די וועגן אהין און צוריק און דעם באזוך אינעם מוזעאום

שְׂמֵחִים בְּבִנְיַן עִירֶךָ וְשָׂשִׂים בַּעֲבוֹדָתֶךָ וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים

קרית ברסלב בלעטל

פרשת פסח תשפ"ה • 262

רעדאקטאר
אברהם הערש וועבערמאן
רעדאקציע
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ל. סאקס
ש. טראכטער
ניקוד
יודא לייב ווייס
גראפיקס
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
קינדער אפטיילונג
שמואל בער שניטצלער
מעלערס
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייגצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


פעי-סח 6

הלכות ע"פ שחל בשבת 86

הכנות לפסח אין חדר 91

22 מעבדות לחירות
53 א כשר'ן פסח
78 מתלמידיו של אהרן
91 געשעעניש

זמנים
פסח ט"ו ניסן

הדלקת נרות 1. 07:17
מוצאי יו"ט 1 .... 08:50
הדלקת נרות 2. 07:25
מוצאי יו"ט 2 ... 08:57

STAY COOL.

No need to swelter, just have the air on by contacting the right people.

RevealAir

845.747.5080
office@revealair.com

SPLIT UNITS + DEDUCTED UNITS // INSTALLATION + SERVICE

dominogrp.com

שער בלאט

ווען די קרעדיט קומט זיך

מיט דאנק און לויב צום אייבערשטן האבן מיר די זכי' אייך פארצושטעלן דעם הערליכן 'קרית ברסלב בלעטל - פסח תשפ"ה'.

ווי איר ווייסט זיכער אז דער ראש ישיבה שליט"א בעט און מאנט כסדר פון אנשי שלומינו נישט אריינצונעמען קיין שום פרעמדע צייטונגען און מאגאזינען אינדערהיים, וואס פאר דעם ציל האבן מיר אנגעהויבן ארויסגעבן דעם קרית ברסלב בלעטל, בפרט יעצט פאר פסח ווען עס מערן זיך ווי שוועמלער די פארשידנארטיגע אויסגאבעס וואס זוכן זיך איבערצושטייגן איינער דעם אנדערן מיט ווי מער בלעטער פון אינהאלט, וואס רוב דערפון איז בכלל נישט פאסיג פאר אנשי שלומינו וואס ווילן האבן פאר זיך און פאר די משפחה נאר ערליכע און אויסגעהאלטענע ליין מאטריאל אן קיין שום חשש פון לשון הרע, רכילות אדער ח"ו ליצנות אויף זאכן וואס זענען הייליג און טייער ביי אונז, שפירן מיר פאר א זכי' צו קענען ברענגען פאר אנשי שלומינו דעם הערליכן פארברייטערטן קרית ברסלב בלעטל וואס וועט מיטן אייבערשטן'ס הילף קענען צופרידנשטעלן די גאנצע משפחה מיט פאסיגע מאטריאל פאר יעדע יארגאנג באזונדער.

אט ליינט וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן א שטיק צייט צוריק אין א בריוו אין עצתו אמונה פרשת עקב, שנת תשפ"ד.

"מיר האבן אייגענע ליין מאטריאל וואס איז ריין פון ליצנות, אונזערע ליין מאטריאל, די שטעטל בלעטל איז אנגעפילט מיט יראת שמים, מיט אמונה און חיזוק אויף תפילה,"

עס בלייבט בלויז איבער צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז ער האט אונז געגעבן די זכי' צו קענען ערפילן דעם וואונטש פונעם ראש ישיבה שליט"א אויפן שענסטן און בעסטן פארנעם וואס נאר מעגליך, צו די צופרידנהייט פון אונזערע טייערע ליינער.

ווי איר קענט מן הסתם אליינס זען האבן מיר אריינגעלייגט גאר אסאך כוחות אינעם פסח בלעטל, יעצט בשעת'ן ליינען קענט איר שפירן די דיקקייט פון די בלעטער וואס איז נישטא יעדע וואך, דאס איז די פירות פון הונדערטער שעות שווערע ארבעט און הארעוואניע וואס אונזערע געטרייע שטאב האט אריינגעלייגט די לעצטע פאר וואכן איבערמידלעך אן קיין שום פרסום אדער פאר סיי וועלכע געלט באלוין.

מיר האבן געזוכט אהערצושטעלן פאסיגע מאטריאל וואס זאלן זיין העכסט אינטערעסאנט פאר די גאנצע משפחה, פאר די סיבה האבן מיר צוטיילט דעם בלעטל מיט א באזונדערע ביילאגע פאר די פרויען און אויך א עקסטערע אפטיילונג פאר די קינדער.

צום ערשט האבן מיר די זכי' אייך צו ברענגען אן הערליכע ערשטמאליגע היסטאריע פראיעקט 'מעבדות לחירות', וואס איז א צוזאמארבעט דורך אונזערע געניטע שרייבערס מו"ה שמואל אייכענשטיין נ"י און מו"ה ישראל דוד העסקל נ"י, וואו זיי זענען צוזאמען אראפגעפארן צום בארימטן האלוקאסט מוזעאום אין וואשינגטאן די. סי. און באזונדער באשריבן די וועגן אהין און צוריק, אזוי אויך דעם מוזעאום און אלע היסטאריע ארום, צו ברענגען פאר אייך - אונזערע חשובע ליינער א שטיקל געפיל אין חירות, לכבוד זמן חירותינו.

דערנאך האט אונזער פרישער שרייבער מו"ה יואל נחמן גלויבער נ"י אהערגעשטעלט א הערליכע שמועס אינאיינעם מיט'ן מלמד און גבאי מו"ה חיים אהרן קליטניק הי"ו, אונטערן נאמען 'מתלמידו של אהרן', ווי מען שמועסט אדורך די עצות פון רבי'ן אינאיינעם מיט הערליכע שמועסן איבער חינוך און אלעס ארום.

דאן ברענגען מיר אייך די באדייט פון די באקאנטע ווערטער וואס מען וואונטש זיך אין די יעצטיגע טעג "א כשר'ן פרייליכן פסח", ווען מו"ה ישראל דוד העסקל נ"י שטעלט פאר א שמועס וואס ער האט אפגעהאלטן מיט דעם משגיח כשרות מו"ה ישראל פוקס הי"ו, וואס דערציילט אונז אלעס ארום כשרות, הערליך שיין אויסגעשמועסט.

אונזער שרייבער מו"ה ישראל דוד העסקל עפנט אצינד אינעם פסח בלעטל זיין פרישן קאלום מיט'ן נאמען 'כאפ מיין אויג', וואס וועט רעדן איבער מארקעטינג און אלעס ארום דעם.

אין די קינדער אפטיילונג האבן מיר אין א צוזאמארבעט מיט די בארימטע 'מכון עצתו אמונה' אהערגעשטעלט דעם פראיעקט "דעם בעל שם טוב'ס נסיעה" ווי מיר ברענגען אראפ טיילן פונעם בעל שם טוב'ס באקאנטע נסיעה קיין ארץ ישראל וואס האט פאסירט טיילווייז אין די צייטן פון פסח, ווי געשריבן דורך דער ראש ישיבה שליט"א אין די מעשה'לעך פאר קינדערלעך.

הערליכע מעשיות אונטער די קאלום 'לאמיר שפילן', צוויי מעשיות אויסגעשטעלט ווי א שפיל מיט די נעמען 'דיינו' און 'דער אפיקומן' געשריבן דורך ש.

ראדאקטארישע אריינפיר צום בלעטל

אברהם הערש וועבערמאן

טראכטער ספעציעל פאר אונזערע טייערע קינדער.

א פרישע קאלום וואס מיר האבן אנגעהויבן לכבוד פסח און וועט אי"ה לויפן יעדע וואך אין די קינדער אפטיילונג מיט'ן נאמען 'מענטשערליך', א הערליכע מעשה פאר קינדער גאר שיין אראפגעשריבן אינאיינעם מיט פראפעסיאנאלע בילדער דורך ח. שטיינבערג.

אזוי אויך האבן מיר אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין די פרויען אפטיילונג:

א שיינע פאנעל דורך עטליכע נשות אנשי שלומינו מיט'ן נאמען 'יציאת מצרים 2025', פרויען וואס פארציילן זייערע פערזענליכע ערציילונגען ווען זיי און זייערע משפחות האבן זיך דערוויסט פון דער אור פונעם הייליגן רבי'ן, פאכמאניש ארקעסטרירט דורך אונזער שרייבערין ש. טראכטער.

אונזער שרייבערין מ. פאפענהיים שטעלט פאר אין א דראמאטישע איבערלעבעניש 'די 10 מכות' דורך די אויג פון א פרוי אין מצרים וואס נאר זי פון איר גאנצע פאמיליע ווייסט און גלייבט אינעם צדיק הדור משה רבינו, און ווי אזוי צום סוף איז זי זוכה ארויסצוגיין פון מצרים.

מיר ווילן דא באדאנקען אונזער געטרייע שטאב פון די רעדאקציע ווי אויך אונזערע שרייבערס וואס האבן אלע ווי איינס שלא על מנת לקבל פרס זיך אונטערגענומען צו ארויסהעלפן ארויסגעבן דעם הערליכן בלעטל, אלעס מיטן ציל אז אנשי שלומינו זאלן נישט דארפן אריינעמען קיין שום פרעמדע ליין מאטריאל אין שטוב.

מו"ה אברהם יצחק אייזנער נ"י אונזער מגיה ראשי, וואס איז איבערגעגאנגען יעדן ארטיקל עקסטער און עס געמאכט גרייט לעלות על שלחן של אנשי שלומינו, סיי עס זאל זיך ליינען פליסיג און געשמאק ווי אויך אז עס זאל נישט אריינפאלן קיינע טעותים.

מו"ה בערל שניצלער נ"י מלמד מומחה, דער רעדאקטאר פונעם קינדער בלעטל, וואס ווער נאך ווי א מלמד ווייסט און פארשטייט ווי אזוי צו קענען צוציען די הערצער פון די אינגע תינוקות של בית רבן צו גוטע ערליכע זאכן, און האט וועקגעגעבן אסאך טייערע צייט אז די קינדער אפטיילונג זאל זיין בהידור רבה און געשמאק, אז אונזערע לעכטיגע קינדער זאלן האבן נאר דאס בעסטע צו ליינען פאר פסח.

מו"ה ישראל דוד העסקל נ"י אונזער שרייבער און גרעפיקער וואס האט אריינגעלייגט אסאך צייט צו ברענגען עטליכע הערליכע ארטיקלען און אינטערוויוס פאר אונזערע חשובע ליינער, אז אלע זאלן טרעפן עפעס אינטערעסאנט וואס זאל 'רעדן' צו אים, ווי אויך האט ער אויסגעשטעלט א גרויסע טייל פון די ארטיקלען אז עס זאל זיין שיין און ציענד.

מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א מנהל תלמוד תורה היכל הקודש, וואס האט אונז ארויסגעהאלפן סיי ווען מיר האבן נאר געהאט א שאלה, און האט וועקגעגעבן פון זיין צייט אונז צו העלפן ברענגען דעם שיינעם בלעטל צו אייך.

מו"ה יואל נחמן גלויבער נ"י א פרישע שטערן אין די ראמען פון אונזער בלעטל, וואס האט אהערגעשטעלט צום ערשטן מאל א הערליכע ארטיקל צו קענען ברענגען א שמחת יום טוב פאר אונז אלע, מיר קוקן ארויס צו אנקניפן א שטארקע קשר מיט אים צו קענען ברענגען נאך שיינע זאכן פאר אנשי שלומינו.

מו"ה שמואל אייכענשטיין נ"י וואס האט זיך אונטערגענומען דעם ערשטמאליגן היסטאריע פראיעקט פאר די פסח בלעטל, צו קענען ברענגען אינהאלטסרייכע ארטיקלען פאר די חשובע ליינער, ביחד אתו מו"ה יואל וועבערמאן נ"י וואס האט באגלייט די נסיעה און צוגעשטעלט די הערליכע בילדער וואס זאלן באשיינען די ארטיקלען.

מרת ש. טראכטער וואס האט געברענגט פאר די פרויען און קינדער אפטיילונגען עטליכע הערליכע מייסטערווערק פאר די אינגע און עלטערע ליינער.

מרת מ. פאפענהיים וואס האט אהערגעשטעלט א הערליכע ארטיקל פאר די פרויען אפטיילונג ספעציעל צו ברענגען א שמחת יום טוב פאר נשות אנשי שלומינו.

דא איז אויך דאס פלאץ צו באדאנקען אונזערע וועכענטליכע שרייבער, וואס ארבעטן יעדע וואך ארום דעם זייגער, לילות כימים צו אהערשטעלן דאס בעסטע פאר אייך-אונזערע טייערע ליינער.

תנו-לה מפרי ידיה, אן עקסטערע יישר כח פאר די חשובע משפחות פון אונזער שטאב וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער צייט צו קענען אהערשטעלן דעם בלעטל, בפרט אין די יעצטיגע פארנומענע ערב פסח טעג, די זכותים פון העלפן פארשפרייטן דעם רבי'ן אויף די וועלט טיילן מיר זיך אייניג מיט זיי.

שגיאות מי יבין, מיר האבן אריינגעלייגט גאר אסאך ארבעט און כוחות צו קענען צושטאנד ברענגען דעם הערליכן בלעטל אז ס'זאל זיין אויף די העכסטע ניווא וואס נאר מעגליך, אבער ווען מיר ארבעטן אויף א בלעטל בערך פיר מאל די גרויס פון יעדע וואך קענען זיך אלץ מאכן סיי וועלכע אומפאראויסבאמערקטע טעותים, ווילן מיר זיך אנטשולדיגן פון פאראויס פאר סיי וועלכע טעות ס'איז נאר אריינגעפאלן, מיר בעטן אז אויב איר זעט סיי וועלכע טעות ס'איז נאר אריינגעפאלן זאלט איר אונז לאזן וויסן.

מיר ענדיגן צו מעין הפתיחה מיט דאנק און לויב צום אייבערשטן אז איר האלט שוין יעצט דעם הערליכן בלעטל אין די הענט און אז מיר האבן געקענט אריינברענגען ערליכע אויסגעהאלטענע ליין מאטריאל אין אייער שטוב לכבוד יום טוב, מיט א תפילה צום אייבערשטן אז די בלעטל זאל ברענגען פאר יעדן איינעם באזונדער א שמחת יום טוב.

אברהם הערש וועבערמאן

זמנים ערב פסח שחל בשבת - קרית ברסלב

סוף זמן אכילת חמץ 10:21
סוף זמן ביעור חמץ 11:39

D&S APPLIANCES

מיר וואונטשן פאר גאנץ כלל ישראל א חג כשר ושמח

718-938-8605 | Sales@dshomeappliances.com | dshomeappliances.com

*sruliHeskel

בס"ד

מוהרא"ש פלעגט אונז שטענדיג אנזאגן:

רענט קומט פאר אלעס!

(איש אמונות, תש"פ)

רופט אן די געטרייע גבאים
מיט אייער ברייטהארציגע נדבה

זכות שותף	זכות פרנס היום	זכות פרנס השבוע	זכות פרנס החודש	זכות פרנס השנה
$1,200	$1,800	$3,600 ($75 לשבוע)	$7,200	$15,000

שבתי מארקוס
347.735.9688

אשר דוב אינדארסקי
347.997.2348

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין

א פרייליכ'ן כשר'ן פסח וואונטשט די **'רענט קאמפיין'**

*sruliHeskel

צום פינטל

פעי-סאך

פסח איז מלשון פעי-סאך, יא מען צאלט א טייערע פרייז פארן פה-סח. איך מוז דיר זאגן אז מיר האבן א געווער וואס האט נישט איר גלייכן אין די וועלט: "די מויל", מיטן מויל קען מען טון זאכן וואס קיין שום זאך אין די וועלט קען נישט טון, די טבע קען מען טוישן... אלעס מיט די מויל.

די גאנצע וועלט ווערט געפירט דורכן מויל.

די מויל איז די זאך וואס קאנעקט'ט צוויי מענטשן, עס ברענגט נאנט איין מענטש מיטן צווייטן.

פירער ווערן אויפגענומען נאר וועגן זייער מויל, א מענטש קען איבערדרייען א לאנד און אפילו די גאנצע וועלט! מיט די מויל!

גאנצעטע פעלקער זענען פארטיליגט געווארן דורך די מויל, ווען א (פאר)פירער האט געפרעדיגט מיט'ן מויל קעגן א לאנד און איינגעשפאנט זיין לאנד צו פארטיליגן א צווייטן לאנד.

קולטור טוישט זיך אלעס מיט די כח פון די מויל.

בפרט מיר אידישע קינדער האט מען אויסגעלערנט ווי אזוי צו ניצן דעם שטארקן... אנטשולדיגט! שטארקסטע... כח וואס איז נאר פארהאן וואס דאס איז די מויל.

מען קען שיסן פיילן צום אייבערשטן, און עס איז נישט קיין חילוק וואס דער מענטש איז, ווער דער מענטש איז, אז א איד מאכט אויף די מויל און שמועסט זיך דורך מיטן אייבערשטן, איז נישט דא קיין ווערטער אין די וועלט וואס זאל באשרייבן די שטארקייט פון אזא זאך.

דער הייליגער זוהר זאגט: די מלאכים פרעגן "וואס טוט דער אייבערשטער?" דער אייבערשטער האט א פריוואטע מיטינג מיט א צובראכענע ארימאן. גלייך שפרינגען זיי אויף און שרייען: "באשעפער פארוואס דארפסטו דיך מטפל זיין מיט דעם צובראכענעם, מיר וועלן מיר שוין קער נעמען". אבער דער אייבערשטער זאגט "איך מיט אים, קיינער קומט נישט דא אריין".

ווייל א צובראכן הארץ דאס איז די ליבלינג פונעם באשעפער.

און בפרט אז מיר האבן באקומען א מתנה פון דעם הייליגן רבי'ן, פון מוהרא"ש, פונעם ראש ישיבה, אראפגעברענגט צו אונזער שוואכע כוחות, דאס איז די ענין פון שמועסן, דערציילן פארן אייבערשטן דאס און דאס איז געווען, דאס און דאס איז געשען, איך פיל אזוי... איך פיל אזי... איך קען עס קיינעם נישט דערציילן ווייל... אבער דו ווייסט דאך אלעס, פליז אייבערשטער העלף מיר, ווייל איך זע נישט קיין וועג ארויס.

און דער אמת איז, פארוואס טו איך עס

נישט? ווייל ווען עס קומט מיר אריין די עצה אין געדאנק טראכט איך גראד 'איך ווייס נישט ווי אנצוהייבן, איך ווייס נישט וואס צו רעדן', פיל מאל זענען די פראבלעמען העכער פון ווערטער, מען קען זיך נישט טרעפן.

אבער דער הייליגער רבי האט אונז מגלה געווען א סוד וואס דער סוד איז נאך אלץ א סוד.

דער סוד הייסט: אביסל! אביסל! אביסל!

הערסט? ווייל איך רעד זייער שטיל! אביסל!

איז לאמיר צילייגן דעם סוד פון אביסל, ווי מוהרא"ש האט עס מסביר געווען.

שאלה: וויפיל מינוט איז דא אין א טאג?

תשובה: 24 שעה איז דא אין א טאג, אין יעדע שעה איז דא 60 מינוט.

יעצט 24x 60 איז.... אממממ 1440.

יעצט נעם איין מינוט, נישט מער ווי איין מינוט, געדענק! עס איז נאר א הונדערט פיר און פערציגסטל פון א טאג... און אין די מינוט (מיט א טיימער... ווייל אן א טיימער מיינט מען אז עס איז ימים ושנים) דערציֵיל, דערציֵיל אביסל, די מינוט וועט טוישן די טבע, און אז ס'מאכט זיך נאך א מינוט זאל זיין נאך א מינוט.

און וואס רעדט מען? דאס: "הייליגער באשעפער איך ווייס אז די שליסל פון מיין הצלחה ליגט אין די פאר ארימע ווערטער וואס איך גיי רעדן צו דיר, האב רחמנות אויף מיר ווייל איך קען נישט רעדן, איך בין אזוי פארמאכט, מיין מויל עפנט זיך נישט, איך פיל אז איך טו גארנישט אויף מיט די קליינִיקייט, און דאס מאכט מיך אז איך זאל נישט עפענען מיינע וואונדן פאר דיר, אבער באשעפער דו האסט מיך באשאפן, צו וועם זאל איך גיין, טאטע עפן מיר מיין מויל, אז דו קענסט טוישן טבע קענסטו מיר אריינלייגן אין מויל די ריכטיגע ווערטער וואס וועלן דיך איבעררעדן מיך צו העלפן".

און אזוי ווייטער און ווייטער.

אז דו ווועסט נעמען א טיימער ווועסטו נבהל ונשתומם ווערן וויפיל מען קען צאמרעדן אין איין איינצעלנע איינציגע מינוט.

איך בעט דיך זייער: טו עס! טו עס!

עס איז נישט דא אין די וועלט קיינער וואס קען מיך העלפן, וואס קען דיך העלפן, נאר דער אייבערשטער, און דער אייבערשטער

העלפט ווער עס רעדט צו אים, טו עס, רעד אפאר ווערטער, אפילו דיין הארץ איז פארמאכט, אפילו די פילסט גארנישט, אפילו אפילו אפילו אפילו.....

ער פארשטייט דיך, ער וועט דיך פירן צו די ריכטיגע זאך, ער וועט פירן צו די ריכטיגע וועג.

נאר טו די עצה, וואס דאס איז די עצה פון אלע עצות, ווייל אפילו א מענטש האט שוין א עצה, ווייסט ער דאך נישט אפשר די עצה וועט נישט העלפן, אפשר די עצה וועט גאר ערגער מאכן, מוז ער זיך אינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן און זאגן: "באשעפער, מיין עצה איז אזוי און אזוי, אפשר זאגסטו מיר, זאל איך טון אזוי אדער נישט, פליז אייבערשטער נעם אן מיינע ארימע ווערטער און מאך פון דעם א ישועה".

דער אייבערשטער נעמט צדיקים און צדקניות און ער מאכט זיי פראבלעמען כדי זיי זאלן זיך ווענדן צו אים, און אפילו זאכן וואס עס קען נישט זיך טוישן, אבער תפילה, שמועסן רעדן צום אייבערשטן קען טוישן אלעס.

דו האסט קאנאנען, דו ביסט א וועלט פירער, דו קענסט אריינקריכן יענעם אין קאפ דורך תפילה: "באשעפער איינציגער גוטער טאטע, העלף אז עס זאל זיך עפענען זיין שכל, אז ער זאל טראכטן גראד". קיין שום זאך אין די וועלט קען נישט שטיין קעגן תפילה פון א איד בפרט א צובראכענע איד.

אפילו עס וועט דיר אויסזען, איך האב שוין געבעטן און געבעטן און געבעטן און דערוווייל זע איך נישט קיין ישועה, זאלסט וויסן אז דאס אלעס איז וועגן די בחירה, אבער א מענטש וואס געבט נישט אויף און קומט נאכאמאל און נאכאמאל צום אייבערשטן, אזא מענטש וועט זיכער זען א ישועה.

אברהם משה שטראססער

דער שרייבער אדער דער ליינער

שרייבן סתם,

חק בלי טעם,

ווי א תם,

נע ס'האט נישט קיין טעם,

ווייטער שרייבן מיט גראם.

קומט דער גלייך וויינען,

גראמען גייט ער נישט ליינען.

נו ווערטיך געבעטן... ווייז נישט,

אז ס'גראמט ליין נישט,

געב א מיש,

גענוג ארטיקלען געשריבן תמ'יש,

נא חס ושלום נישט תמיש טעמ'יש.

אדער... דער שרייבער ער זאל,

טוישן זיין צוגאנג און שרייבן,

אן קיין גראמען.

-

א צווייטער,

מישט ווייטער,

ער וויל דוקא א פארדרייטער.

ער שרייט,

נעם מיך אויף א רייד,

ערגעץ ווייט,

ליינען גראד? ווער האט דען צייט,

א גראדע ארטיקל האט נישט קיין באדייט.

פארן דריטער,

איז ביטער,

נו אז ער איז נישט אזוי כיטער,

שרייט מיט ציטער,

און ער איז נאך א גוטער,

וואס טוט ער.

אז ס'איז געדרייט,

ער האט נישט קיין אנונג וואס ס'שטייט,

נו.. ווערטיך געבעטן ליינען,

גיי פליי א קייט.

אדער... דער שרייבער זאל זיך פלאגן,

זאגן גראד וואס ער האט צו זאגן,

ווער זאגט דו דארפט די ליינער יאגן,

מיט דיין פעדער אוועקטראגן,

די דם התמצית אים אויסנאגן,

-

א פערטער שרייט... אלס דארפסטיך שלאגן?

שרייבט מיט האס,

פול מיט כעס,

אן קיין דעת,

וואסי מצוה יענעם אראפרייס?

עס גייט דאך ארויס אין גאס,

אויפן רבי'ן זיי חס,

שרייב ווי ס'פאסט.

שטייט מיט א גאן,

פון יעדעם מאכט פאן,

עס איז דאך דא א טאן,

זאכן וואס מ'קאן,

שרייבן וועל דאן.

עס איז נישט קיין הלצה,

דו הרגעסט די הפצה.

עס קאכט אין דיר העיט,

נו מאך א געבעט,

דאונט וועיט,

שריי צו דער וואס אלעס זעט,

ער פארשטעיט.

ווילאנג עס איז געדרוקט,

ער שיקט צוריק,

מען דארף וויסן,

אז מען האט אויף מוהרא"ש געקריגט,

אדער דער ליינער הערט אויף מיט דיין שטיק,

ליין אנדערע זאכן עס איז דא גענוג,

פילסט א פליק?

לייג צוריק,

און דו קוק,

נאר וואס געבט דיר חיזוק,

וויל,

אפשר איז עס א טריק,

ווען דו וועסט אנטרעפן דעם שטריק,

אדע א צווייטן ביק,

ער וועט מאכן אזא... עם בליק,

און די גאנצע זאך וועט ווערן ביליג,

וועסט אריין אין פינסטערניש צוריק.

נו קען מען געפעלן,

צופרידנשטעלן,

יעדער זאל קוועלן,

אדער זיך אפשטעלן,

אדער ס'איז נאר פאר די וואס וועלן,

נישט פארפעלן.

איז החלטה געבליבן,

דער שרייבער מאכט א גדר,

בלי שבועה ובלי נדר,

קודם יעצט פאר א וואך איך לייג אוועק דעם פעדער.

וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער

אמעריקע פארקויפט בירגערשאפט

אין די לעצטע וואכן זענען געווען פילע אנטוויקלונגען אין אמעריקע בנוגע אימיגראציע, צום ערשט האט זיך די רעגירונג גענומען זייער שטרענג, די אייס אגענטור לויפט ארום אין די שטעט און נעמט אויף פילע פארברעכערישע באנדעס פון אימיגראנטן, א טייל פון זיי האט מען אפגעשיקט צום לאנד "על סאלוואדאר" וואס פארמאגט די שטרענגסטע תפיסה אין דער וועלט. דער תפיסה איז געמאכט פאר די ערגסטע פון די ערגסטע פארברעכער רוצחים און אכזרים, וואס זענען פאראורטיילט געווארן אן איין וועג טיקעט צום טורמע, און עס האט נישט אפיציעל קיין לעבעדיגע וועג ארויס.

פילע אימיגראנטן וואס זענען אומלעגאל אין אמעריקע האבן שטארק מורא פאר זייער צושטאנד אין אמעריקע, און פארשטייט זיך, די אומלעגאלע אימיגראציע איז דראסטיש געפאלן צו איבער נייציג פראצענט נידריגער.

די אימיגראנטן וואס האבן אזוי שווער געארבעט אריבערצוגייין הונדערטער מיילן פון אויסמאטערנדע וועגן, צאלנדיג זייער אפגעשפארטע גרייצער פאר די שווערצער, ווערן יעצט פון איין מינוט אויפן צווייטן צוריק געשיקט צו זייער היימלאנד, ווי זיי דארפן זיך ווידער ספראווען מיט די פילע שוועריקייטן דארט, ווי ארעמקייט, קרענק, און קרימינאלע באנדעס וואס קאנטראלירן דארט.

אסאך מענטשן טראכטן אז נאר זיי מאכן מיט, נאר זיי האבן פראבלעמען, פאר יעדעם גייט אלעס גוט, יעדער קומט, יעדער גייט, נאר ביי מיר גייט אלעס פארקערט ווי איך וויל, אבער דער אמת איז אז יעדער מאכט מיט, און יעדער האט שוועריקייטן, און עס איז אזא גרויסע רחמנות אויף א מענטש נאכדעם וואס ער האט מיטגעמאכט די זיבעציג יאר, ער קומט שוין ארויף אויף יענער וועלט זאגט מען אים, גיי צוריק, האסט נישט אויפגעטון וואס דו האסט געדארפט, און דו דארפסט נאכאמאל איבערגיין כיתה א', דורכגיין די שווערע בחורישע יארן, זוכן א שידוך, ברענגען פרנסה.

פון די אנדערע זייט האט אמעריקע אנאנסירט א נייע וועג אריין, מען רופט עס די "גאלד קארד", פאר פינף מיליאן דאלער, קען מען קויפן לעגאלע בירגערשאפט קיין אמעריקע, און ווערן א פערמענאנטע רעזידענט מיט אלע רעכטן. עס זענען באריכטעט געווארן אז בערך טויזנט אזעלכע קארטלעך זענען שוין פארקויפט אין די לעצטע וואכן, אריינברענגענדיג פינף ביליאן דאלער פאר אמעריקע. פארשטייט זיך עס זענען דא וואס ברענגען ארויס אז דאס וועט אריינברענגען שפע קיין אמעריקע, מענטשן וואס וועלן עפענען ביזנעסער און געבן דזשאבס פאר אמעריקאנער, פון די אנדערע זייט זאגן קריטיקירער אז דאס בעפארצוגט געלט איבער ווירדן, און נישט דאס איז וואס דארף אויסמאכן וועמען אריינצונעמען קיין אמעריקע.

פאר אונז אבער איז דאס גוטע נייעס, ווייל מיר קענען באקומען א גאלד קארד אויף אָן געלט. מיר האבן פראטעקציע, דער הייליגער רבי' האט אונז געגעבן א גאלד קארד וואס הייסט "תיקון הכללי", דער וואס זאגט די צען קאפיטלעך תהלים - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ, ק"ה, קל"ז, ק"נ, דער פארררעכט אלעס. ווען ער קומט ארויף אויף יענער וועלט הייסט מען אים נישט צוריק קומען.

בפרט אויב מען קען זיך אריבערכאפן צום הייליגן ציון פון רבי'ן, גיין אין מקוה, געבן א פרוטה לצדקה, איז נישט דא קיין גרעסערס פון דעם, דער רבי' האט צוגעזאגט אז נאכדעם זאגט אז די צען קאפיטלעך, אויסער וואס עס איז מסוגל צו פרנסה, צו רפואות, איז עס א תיקון אויף אלעם. אבער מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן עס טאקע טון, ווייל דער רבי' האט געזאגט, אז אפילו עס איז אזוי גרינג, אבער וויבאלד עס איז אזא גרויסע זאך, איז דא דערויף א גרויסע יצר הרע.

איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע פלעקן!

פנינים

מוהרא"ש שעפט נחת

ברוך השם שבת פרשת יתרו, קבלת התורה איז געווען א אויסנאם הערליכע שבת במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א אין קרית ברסלב, אין טווין ברידזש געגנט.

דער ראש ישיבה שליט"א איז איינגעשטאנען ביי זיין איידעם הרב נתנאל פארקאש שליט"א אויף דענמען, און האט געדאווענט אינעם שכינות'דיגע בית המדרש, אויף די ירושלים גאס.

מיין פערזענליכע שבת מיט דער ראש ישיבה האט זיך שוין אנגעהויבן אנהויב וואך, ווען מ'האט שוין אנגעהויבן צוצוגרייטן אין שטוב אש"ל פאר די חשוב'ע געסט, און דאנערשטאג נאכמיטאג האבן מיר געהאט זייער א שיינע איבערלעבעניש. עס האבן זיך איינגעליידנט ביי אונז דריי חשוב'ע בחורים פון די ישיבה אין שטעטל צו עסן א סעודה, די טאטע פון איינע פון די בחורים וואס וואוינט מעבר לים האט מיך אנגערופן, אז היות זיין זון ענדיגט יעצט די זעקסטע מאל ששה סדרי משנה, וויל ער אים מאכן אן איבעראשונג און אים קויפן א פיינע טארט אדער אן אייזקריעם, און ער האט מיר געגעבן זיין קארטל דאס צו באצאלן.

איך האב געטראכט צו מיר, 'כמותו ירבו בישראל...' הלוואי אויף אלע מקורבים געווינטשן אז די עלטערן זאלן זיך מיטפרייען מיט זייער התקרבות, און די אלע שיינע מתנות און נחת וואס מ'באקומט אין היכל הקודש.

פרייטאג נאכמיטאג זענען מיר [איך און מיין קאלעגע ארבעטער ר' שמואל אייכנשטיין] אריבערגעגאנגען צום ראש ישיבה אין זיין אכסניא צו איבערגעבן די נארוואס געדרוקטע תורה ו' פון ליקוטי מוהר"ן מיטן פירוש שפתי תפתח, וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן און איז געווארן באארבעט און צוגעגרייט צום דרוק דורך מכון עצתו אמונה.

דער ראש ישיבה איז געווען אויסטערליש פרייליך ביים באקומען די תורה, ער האט דאס געבלעטערט און זיך אויסגעדרוקט: "ס'איז אזוי שיין, אזוי שיין..." דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער ענדיגט שוין יעצט תורה ז', און האט געגעבן פארשידענע אנווייזונגען פאר די מכון אנטבאלאנגט דאס ארויסגעבן דעם ליקוטי מוהר"ן, און ווי אזוי מ'זאל זיך ווייטער רוקן מיט די ספר מיטן הארטן דעקל, דער ראש ישיבה האט גערעדט פון מאכן די תפילות אויף די תורות פון ליקוטי תפילות - אויף אידיש, און נאך.

פרייטאג צו נאכטס איז זייער שיין געווען דאס דאווענען, מו"ה אייזיק קאהן הי"ו האט פארגעדאווענט מנחה, און דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעדאווענט קבלת שבת.

עס איז געווען זייער שיין און בעלערנד צו זען ווי דער ראש ישיבה דאווענט פארן עמוד ארומגענומען מיט זיינע קינדער כשתילי זיתים, ווי ער לערנט אונז כסדר אז חינוך איז די וויכטיגסטע זאך.

די געטרייע גבאים פון בית המדרש האבן אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות צו מאכן אלעמען באקוועם און געשמאק, און זיכער מאכן אז יעדער זאל האבן א פלאץ.

נאכן דאווענען האבן זיך אנשי שלומינו באגריסט מיטן ראש ישיבה, מ'האט אויסגערופן צו אלעמענ'ס פרייד אז עס וועט זיין א באטע, און די עזרת נשים וועט אויך זיין אפן.

ביי די באטע האט דער ראש ישיבה ארומגערעדט וועגן דאס התקשרות צו מוהרא"ש זי"ע, אז אפילו די אלע וואס האבן הויפטזעכליך נישט זוכה געווען צו זען מוהרא"ש באשיינפערליך, זאלן נישט שפירן ביי זיך אז זיי האבן עס פארפאסט, ווייל מוהרא"ש איז ווייטער דא, און דורך גלייבן אין די עצות, פאלגן די עצות, בעטן דעם אייבערשטן מ'זאל קענען מקיים זיין די עצות פון מוהרא"ש - איז מען מקושר צו אים.

דער ראש ישיבה האט דערציילט די מעשה פון יוסל פאראנטשיק, מיר וועלן ציטירן די מעשה פון א בריוו, ווי אזוי דער ראש ישיבה שרייבט דאס:

רבי נחמן טולטשינער האט אמאל געכאפט א היטש מיט איינעם יוסל פאראנטשיק, אזוי שמועסנדיג זאגט ער פאר רבי נחמן טולטשינער: "איך האב געקענט דעם רבי'ן", רבי נחמן איז געווארן זייער פריילך און ער האט אים אביסל מקנא געווען, איז ער געקומען צו רבי נתן און אים געזאגט אז ער האט געטראפן איינער יוסל פאראנטשיק וואס

שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

יואל שניצלער

ער האט געקענט דעם רבי'ן, זאגט אים רבי נתן: "יוסל פאראנטשיק האט נישט געקענט דעם רבי'ן, ער האט נאר געזען דעם רבי'ן, אבער דו קענסט דעם רבי'ן", ווייל דו לערנסט די ספרים פון רבי'ן, אזוי ווי דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קצב): "פניו שכלו ונשמתו נמצאים בתוך ספרו", אז די פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק געפונט זיך אין זיינע ספרים, קומט אויס אז איינער לערנט די ספרים פון הייליגן רבי'ן, דער קען דעם רבי'ן, און ער איז א ברסלב'ער חסיד, אבער אז מען לערנט נישט די ספרים האט מען נישט קיין שייכות מיטן רבי'ן, אפילו דו האסט דעם בענקל פון רבי'ן. ע"כ.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז מענטשן זאגן אים: "הלוואי וואלט מוהרא"ש דערלעבט צו זען די נחת וואס טוט זיך היינט אפ אין די הערליכע קהילה היכל הקודש, ליידער האט דאס מוהרא"ש נישט דערלעבט". האט דער ראש ישיבה געזאגט: "מוהרא"ש איז דא און שעפט די נחת; איי וועסטו פרעגן וואו איז מוהרא"ש?

האט דער ראש ישיבה דערציילט די מעשה פונעם זיידן פון רבי'ן, רבי נחמן הורודענקער זכותו יגן עלינו, אז דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט פאר זיין תלמיד דער צדיק רבי נחמן הורודענקער זכותו יגן עלינו, וואס האט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל. ער איז געגאנגען זיך טובל'ן, שפעטער האט אים דער בעל שם טוב געפרעגט: "וואס האסטו געזען ביים זיך טובל'ן?" האט ער געזאגט אז ער האט געזען ארץ ישראל, ירושלים, דעם הר הבית, ביזן קודש הקדשים, אבער דער ארון האט ער נישט געזען, האט אים דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט: "דער ארון איז אין מעזיבוז"; האט ער פארשטאנען נישט צו פארן קיין ארץ ישראל, נאר בלייבן נעבן זיין רבי; האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט אז דער ארון איז אין מעזיבוז, אז מוהרא"ש איז דא, מוהרא"ש לעבט, און די עצות זענען דא פינקט ווי אמאל".

נאכדעם האט דער ראש ישיבה אפשטעלט די שמועס און מען האט געזינגען זמירות לכבוד שבת.

> ווילאנג עס בארירט נישט דעם מענטש אין מח קען מען עס דורכשוויצן, נישט קיין חילוק די אומשטענדן, אבער איינמאל עס גייט אריין אין קאפ, דעמאלט קען עס זיין זייער שווער , אפילו די מצב איז בעצם נישט אזוי שווער.

נאך די זמירות האט דער ראש ישיבה ממשיך געווען צו רעדן, ער האט דערציילט אביסל פון זיין סיפור התקרבות; ווי אזוי ער האט זיך באפריינדעט אלס יונג בחור'ל מיט ידידינו מו"ה יצחק יודא ב"ר משה ני"ו, נאכדעם וואס זיין טאטע שליט"א האט געעפנט א ישיבה וואס האט אנגעהאלטן פאר א שטיק צייט, עס האבן דארט געלערנט א קליינע צאל בחורים, און ר' יודל איז געווען איינער פון זיי, דער ראש ישיבה פלעגט גיין שפאצירן מיט אים און זיי פלעגן שמועסן איבער נגינה, אזוי האט אים ר' יודל אנגע'שדכנ'ט די ברסלב'ע ניגונים וואס דער ראש ישיבה האט זייער געגליכן, און דורכדעם האט ער אריינגעשלעפט דעם ראש ישיבה אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג, ווען עס איז געווען אויף דעוויזשן עווענין, און אום זומער פון תשס"ד האט דער ראש ישיבה באקומען דעם ספר אשר בנחל חלק כ"ז, און די רעסט איז היסטערי... (שכח אייבערשטער).

אנשי שלומינו זענען זיך צוגאנגען מיט א שטארקע פרישקייט זיך צו מחזק זיין אין די ליכטיגע עצות און לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס בעז"ה.

שבת צופרי בין איך ב"ה אויפגעשטאנען גאר פרי, איך האב נישט געקענט שלאפן רואיג, וויסנדיג אז אט אט קומט דער ראש ישיבה אין מקוה, אין בית המדרש עצתו אמונה. איך און מיין חשוב'ער גאסט וואס איז איינגעשטאנען ביי אונז אויף שבת האבן זיך געזעצט לערנען אין בית המדרש און געווארט אויף דער ראש ישיבה. (מיין גאסט איז געווען מסופק צי ער זאל זאל זיך טובל'ען פאר דער ראש ישיבה אדער נאך דער ראש ישיבה, איך האב אים געזאגט אז איך בין נישט מסופק, ווייל אין הכי נמי, עס איז אן ענין זיך צו טובל'ען אין א מקוה נאכדעם וואס א צדיק האט זיך גע'טובל'ט דארט, אבער איך וויל נישט פארפאסן די דיבורים און שיחות פון דער ראש ישיבה נאכדעם וואס ער קומט ארויס פון מקוה).

אויפן וועג קומענדיג האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט דאס וואס מענטשן זאגן אז זיי ווילן נאר העלפן דער ראש ישיבה, דאס הייסט אויב דער מנהל

אדער א צווייטער איינגעשטעלטער אין די קהילה אדער מוסדות בעט הילף וועלן זיי דאס נישט טון אזוי גערן, אבער ווען דער ראש ישיבה וועט עפעס בעטן וועלן זיי דאס געוויס טון מיט חשק און שמחה, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז דאס איז נישט ריכטיג, נאר יעדער וואס העלפט די קהילה, איינער פון די הנהלה אדער פון די מוסדות וכו', איז אזוי ווי ער העלפט אים, און מ'דארף נישט ווארטן אז דער ראש ישיבה זאל אים אליינס אנרופן בעטן הילף....

דער ראש ישיבה איז אנגעקומען אומגעפער צוואנציג מינוט צו אכט, ער האט געפרעגט אויב ער קען ניצן די מקוה (כדרכו בקודש, אז אלץ פרעגט ער רשות פון גבאים און פון סתם מענטשן ווען זיי טוען אים עפעס, און ער באדאנקט זיך פאר אלעמען פאר יעדע קלייניקייט. אביסל שפעטער ווען א צווייטער אינגערמאן איז אנגעקומען דארט און געוואלט גיין אין מקוה, האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט צי ער האט געבעטן רשות פון די גבאי צו גיין אין מקוה....).

ביי אונז אין בית המדרש האט די סינק אן איינצעלנע שטיקל וואס מ'רוקט אויף הייס אדער קאלט, נישט ווי די אמאליגע וואס די רעכטע זייט איז געווען פאר קאלט און די לינקע זייט פאר הייס, און ווען דער ראש ישיבה האט זיך געוואלט וואשן די הענט נאכן ארויסקומען פון מקוה האט ער מיך געפרעגט וואו ס'איז הייס און וואו ס'איז קאלט, ער זאל ח"ו נישט צוקומען צו אנצינדן די הייסע וואסער אום שבת, און איך האב געזאגט אז ווען מ'רוקט עס ארויף קומט הייס און ווען מ'רוקט עס אראפ קומט קאלט (ער האט אונז מעורר געווען צו לייגן א צעטל ביי די סינק, וואס זאל אנווייזן אז מ'זאל נישט אנצינדן די הייסט וואסער שבת).

דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען אין בית המדרש און געזאגט ברכת התורה און די דרייצן אני מאמין, דערנאך האט ער אנגעהויבן שמועסן שיינע דיבורים מיט די אנוועזנדע. קודם האט זיך דער ראש ישיבה געמאכט א קאווע, ער האט געפרעגט אויב ס'איז דא קאצקע צוקער, האב איך אים געזאגט אז נישט, אבער סתם צוקער איז יא דא, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז סתם צוקער גייט ער נישט ניצן, אויב ס'איז דא קאצקע צוקער וועט ער דאס ניצן, (למעשה האט מען יא געטראפן ביי אונז אין שטוב א שאכטל קאצקע צוקער, שיריים פון א פדיון הבן, און מ'האט דאס אראפגעברענגט פארן ראש ישיבה), ווען דער ראש ישיבה האט דאס באמערקט האט ער זיך באדאנקט, ער האט אפגעבראכן א שטיקל קאצקע צוקער און דאס געניצט פאר זיין קאווע, און ער האט געזאגט אז ער האט געהערט פון א מלחמה איבערלעבער, אז איינע פון די וועגן ווי אזוי די נאציס ימ"ש האבן בודק געווען אויב מען איז א איד, איז געווען דורך קאצקע צוקער, ווייל נאר א איד קען מיט זיינע פינגער צעברעכן א קאצקע צוקער...

עס זענען געווען אנוועזנד אפאר קלענערע קינדער, דער ראש ישיבה האט זיי באגריסט און געפרעגט אויב זיי האבן א מעשה פון תפילה צו פארציילן.

דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט אפאר שטארקע יסודות, צום ערשט האט ער גערעדט פון די מלחמה אין מיטל מזרח, אז ווי עס זעט אויס וועט פאסירן וואס די צדיקים האבן געזאגט, אז די ציוניסטישע מדינה וועט זיך אויפלעזן דורכדעם וואס אמעריקע וועט עס איבערנעמען, און נאכדעם וועלן מיר בעזר ה' זוכה זיין צו די גאולה שלימה, נאכדעם וואס אברהם וועט צוריק רופן ישמעאל, ער זאל אפלאזן זיין גלויבן און גלייבן נאר אינעם איינציגן באשעפער, און יצחק וועט אהיים רופן עשיו ער זאל אפלאזן זיין גלויבן און גלייבן נאר אינעם היילגן באשעפער, און יעקב וועט צאמנעמען אלע שבטים, און די גאנצע וועלט וועט דינען דעם היילגן באשעפער.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון ווען א מענטש גייט דורך א פינאנציעלע שוועריקייט, אז ווילאנג עס בארירט נישט דעם מענטש אין מח קען מען עס דורכשוויצן, נישט קיין חילוק די אומשטענדן, אבער איינמאל עס גייט אריין אין קאפ, דעמאלט קען עס זיין זייער שווער, אפילו די מצב איז בעצם נישט אזוי שווער, און דורכדעם וואס א מענטש האט אמונה, און רעדט צום אייבערשטן, קען דאס אים אפהיטן עס זאל אים נישט איבערנעמען זיין מח און ער זאל זיך קענען דערהאלטן.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס פון די וועג ווי אזוי מ'טוט היינט ביזנעס, אז יעדער איינער פרובירט צו גיין ביליגער ווי דער צווייטער אבי צו באקומען א דזשאב, אפילו ער מאכט נישט קיין געלט, און מ'דארף ארבעטן גאר גאר שווער צו פארדינען א דאלער.

דער ראש ישיבה האט גערעדט ווי מענטשן וואס האבן א השפעה אויף אנדערע ארבעטן אויף מענטשן אויף כל מיני וועגן, און מ'פארנארט מענטשן, מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אז דער רבי געבט אונז אזויפיל גוטס און די האנט, אזויפיל תורה, רעדן צום אייבערשטן, שלום בית, א געזונטע חינוך, און אזוי ווייטער.

עס איז נאך דא אסאך צו שרייבן וואס מיר האבן אלץ זוכה געווען צו הערן פון דער ראש ישיבה ביי דעם שמועס, און דורכאויס די המשך פונעם שבת, אבער דער הייליגער רבי האט אונז געזאגט אז אביסל איז אויך גוט.

כָּל דִּכְפִין
יֵיתֵי וְיֵיכוֹל
כָּל דִּצְרִיךְ
יֵיתֵי וְיִפְסַח
הָשַׁתָּא הָכָא
– לְשָׁנָה הַבָּאָה
בְּאַרְעָא
דְיִשְׂרָאֵל
די סגולה
האבן מיר
שוין פון
יארן
רופט היינט דעם
גבאי מיט אייער
ברייטהארציגע שטיצע
און זעהט ישועות
347.466.2410
יישר כח פאר אלע וואס העלפן אונז
בויען די מוסדות א גאנץ יאר על
טהרת הקודש. יעצט אין די טעג פון
פסח וועלן אונזערע ברידער ארץ
הקודש קענען פראווען יו"ט מיט א
רואיגע געפיל און מיט א ברייטקייט
אדאנק אייערע נדבה!
מוסדות
היכל הקודש
בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני
*sruliHeskel

מעשיות פון תפילה

אלחנן זויבערמאן

צפת

1. "יואלי קליין נ"י האט חתונה אין יבנאל - קומסט?" אזוי האב איך געפרעגט איינער פון אנ"ש אין צפת וואס פארמאגט א קאר.

'איך קום מיט מיין ווייב, סארי...' האב איך געבעטן דעם אייבערשטן פאר א וועג, און צום סוף געטראפן א צווייטער פון אנ"ש.

2. איין טאג שטיי איך אויף מיט משונה'דיגע פלייצע-ווייטאג, איך האב ממש נישט געקענט שטיין גראד און גיין מיט מיין פוס. כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיך אויסהיילן.

שפעטער האב איך געזעהן אין עצתו אמונה אז ס'קומט פון דעם וואס מ'נעמט אויף זיך צופיל זארגן - ס'איז ממש געווען אזוי...

האב איך אראפ גענומען פון מיך יעדע זארג, און געבעטן דעם אייבערשטן - און פארדינט צוויי זאכן, די ווייטאג איז אוועק, און יענע זארג האט זיך אליינס מסדר געווען.

3. אסאך צייט בעט איך שוין דעם אייבערשטן אז איך וויל גיין הפצה, אבער יעדעס מאל האט זיך געמאכט אן אנדערע תירוץ און די טאג האט שוין אויסגעלאפן.

איין טאג, פיל איך עפעס א משונה'דיגע כח וואס שלעפט מיך צום אונטערסעקשן, און אן צו פארשטיין וואס ווי און ווער, טרעף איך מיך מפיץ זיין אפאר שעה. איך האב געשפירט אז דאס איז געווען אין די כח פון תפילה. שכח אייבערשטער.

4. פארגאנגענעם פורים האב איך געוואלט פארן פון בני ברק קיין ירושלים. מיר האבן באשלאסן אז איך וועל נעמען די רענצל מיט מיר צום שול, איך וועל נאכן סעודה ארויף גיין דארט אויפן באס, און מיין ווייב וועט ארויפגיין מיט די בעיבי נעבן וואו זי איז.

איך גיי ארויף אויפן באס און איך זאג מיין ווייב זאל ארויסגיין צו די סטאנציע נעבן איר ווייל ביז אפאר מינוט זעמער דארט. איך האב איר געזאגט אז זי דארף גיין צו די סטאנציע אויף 'עזרא' גאס

למעשה איז מיין באס געפארן אן אנדערע וועג דורך 'הרב כהנמן' גאס, כ'האב געקלונגען מיין ווייב, צו גיין צו הרב כהנמן גאס סטאנציע. מיר האבן ביידע געבעטן דעם אייבערשטן אז זי זאל אניאגן, ווען אינמיטן הרב כהנמן גאס איז געפארן טרעפיק, און מיין באס האט זיך כמעט נישט געקענט זיך רירן פון פלאץ.

למעשה האט מיין ווייב נאך אפילו געדארפט אביסלווארטן אויף אים...

גֵיין חוֹל הַמּוֹעֵד צוּ אַ שְׁפִּיל?

שאלה

די וָואךְ בְּרֶענְגְעֶן מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער גֵיין חוֹל הַמּוֹעֵד הַאלְטְן בַּיי אַ שְׁפִּיל.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָּבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

דַיין זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר מֶעג גֵיין חוֹל הַמּוֹעֵד צוּ דִי פְּלֶעי, הָאט אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר אִים עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין. עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען דָארְט; דִי יוּנְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל פַּארְקוֹיפְן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט אִים הַאלְטְן מִיט דִיר חוֹל הַמּוֹעֵד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֶענֶער פוּן זַיין רֶבִּי, עֶר פְרֶעגְט זַיין רֶבִּי אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים, דָאךְ פְרֶעגְט עֶר אִים נָאךְ אַלְץ זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי 'מְפִיבֹּשֶׁת' אַלֶע זַיינֶע שְׁאֵלוֹת, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי מְפִיבֹּשֶׁת. דֶעם זוּן הָאט מֶען גֶערוּפְן 'כִּלְאָב' וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְשֶׁעמֶען; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס רֶבִּי מְפִיבֹּשֶׁת אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

וָואס הָאט דָאס פְרֶעגְן אַ רֶבִּי אוּן זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן – צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אִים עֵצוֹת וִוי צוּ הָאבְן אַ זִיס לֶעבְן, עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ אוּן עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט סַיי עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר הָאבְן קִינְדֶער צַדִיקִים. וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ טוּן אַזוֹי וִוי דֶער טַאטֶע, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן פָאלְגְן; אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַלֵיינְס מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם קָאפּ, אָדֶער עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים וָואס צוּ טוּן, וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

ישראל דוד העסקעל

חלק א'

כאַפּ מיין אויג

א בליק אריין אינעם וועלט פון מארקעטינג

אריינפיר

ברוכים הבאים טייערע חשובע קרית ברסלב בלעטל לייענער צום נייעם קאלום "כאפ מיין אויג".

דא וועלן מיר בעזהשי"ת שרייבן און דיסקוסירן די טעמע פון מארקעטינג, גראפיק דיזיין, ברענדינג און אדווערטייזינג.

אזוי ווי מיר לעבן היינט אין וועלט פון מארקעטינג, וואס מ'גייט און וואו מ'שטייט איז מען פון אלע זייטן ארומגענומען מיט עדס למיניהם און ס'איז געווארן גאר א הייסע טעמע וואס ציט די אינטערעסע פון מערערע וואס ווילן פארשטיין וואס עס ליגט טאקע אונטער די חכמה מארקעטינג.

דעריבער האבן מיר באשלאסן צו עפענען דעם קאלום טאקע דא צווישן די שפאלטענעס פונעם "קרית ברסלב בלעטל" אז איר זאלט קענען זען אז נאך אלע חכמות און שטודיעס פון די גרעסטע חכמים און עקספערטן אינעם פעלד און נאכדעם וואס מענטשן האבן פארברענט שווערע טויזנטער דאלארן און אפילו מער זיך שפירנדיג פארזיכערט מיט גוטע סטראטעגיעס אבער זיי האבן נאר אין זאך פארגעסן... זיי האבן פארגעסן צו בעטן דעם אייבערשטן און אן תפילה קען מען דאך גארנישט און ווי פארזיכערט זאכן האבן אויסגעקוקט אויב בעט מען נישט דעם אייבערשטן און מ'פארלאזט זיך נישט אויפן אייבערשטן גייט אלעס לטמיון.

מיר וועלן קודם אנהייבן מיט א הקדמה, צולייגן אויף קליין געלט די פריער דערמאנטע ווערטער אביסל.

אין די וועלט פון פרינט מארקעטינג איז איינגעטיילט אויף פיר:

א' - ברענדינג

ב' - מארקעטינג

ג' - אדווערטייזינג

ד' - גרעפיק דיזיין

עס איז נאך אסאך אנדערע סארטן וועגן פון מארקעטינג ווי ווידיאו, אודיא, סאושל מידיע אבער אין דעם קאלום וועלן מיר פאקוסירן בלויז אויף פרינט מארקעטינג און אפשר מיט די צייט וועלן מיר אויך אנהייבן צו באררן די אנדערע סארט מהלכים.

מ'גיימיר קודם אנהייבן מיט 'ברענדינג' געבן אביסל צו פארשטיין וואס מיינט דיווארט און וואו שפילט עס א ראלע אין א ביזנעס.

די ווארט ברענדינג ווערט דאס מערסטע באנוצט אויף לאגאס ווייל ביי א לאגא שיינט דאס מערסטע ארויס די וויכטיקייט פון ברענדינג, הגם וואס עס איז אויך דא ברענדינג ביי עדס, ספעציפיש יעצט אינעם פסח סעזאן איז עס גאר שטארק פארשפרייט, אלע מאגאזינען זענען פול מיט ברענדינג עדס (מיר וואונטשן פאר גאנץ כלל ישראל חג כשר ושמח...) אבער נישט פון דעם וועלן מיר היינט רעדן ועוד חזון למועד בעזהשי"ת.

היינט וועלן מיר זיך באציען צו דאס מערסטע באקאנטע נוצן פון ברענדינג וואס דאס איז א לאגא.

צום ערשט דארף מען וויסן 'וואס איז די מטרה פון א לאגא' פארוואס דארף א קאמפאני האבן א לאגא, וואס געבט עס צו צום "ברענד" און פארוואס איז עס די טייערסטע און מערסט ווערדפולע דיזיין און מארקעטינג פראדוקט.

די מטרה פון א לאגא וועל איך בעזהשי"ת מסביר זיין מיט א משל... די לאגא דינט פאר א קאמפאני די זעלבע ווי א פנים דינט פאר א מענטש - דאס מיינט: אזוי ווי איר ווייסט ביי א מענטש ווען איר ווילט כאפן א שמעק אויף א מענטש, איז ער א שטרענגער איז ער א פריילעכער, איז ער א נאכגעלאזטער אדער גאר א סנאב און אזוי ווייטער גייט מען נישט קוקן אויף זיינע פוס נאר מ'גייט באטראכטן זיין פנים, זיינע תנועות און דאס גייט ארויסגעבן ווער איז דער מענטש...

ווען ס'קומט צו רעדן פון געפילן פון שעיפס און פון קאלירן ברענגט עס ארויף א שמייכל ביי אסאך מענטשן מעער דמיונות... אבער מיט די הקדמה אז א ברענד נוצט די זעלבע פאר די קאמפעני ווי די פנים דינט פארן מענטש קען מען עס ער מער פארשטיין.

איי פארוואס אויב זיינע אויגן זענען מער צוזאמען געגומען און זיינע פיאות שטארק צוזאמען געדרייט, זיין מויל איז נישט פריילין און נישט טרויערדיג, זיינע ברעמען קומען אביסל אראפ אויף זיינע אויגן האסטו שוין פאר אים דרך ארץ, דו געבסט שוין אכטונג ווי אזוי דו רעדסט צו אים ווייל נאך פארן זיך בכלל באקענען מיט אים שפירסטו שוין בערך וואספארא סארט מענטש דאס איז. די זעלבע איז מיט א פריילעכער מענטש נאך פארן אים קענען שפירסטו שוין באקוועם צו שטיין נעבן אים.

יעצט שטעלט אייך פאר אז איר טרעפט אן א מענטש און ער געבט א פריילעכע אנשטעל אבער למעשה איז ער א קאלטער פארביטערטער וואס אין אים וואלסטו קיינמאל נישט

דא קענט איר זעהן א לאגא וואס איך האב געמאכט פאר א פלעי גרופ איז האב געמאכט די ווערטער און שעיפס זייער קינדעריש און פרייליך אבער די קאלירן זענען שוין מער אחריותדיגע קאלירן אבער נאכאלץ האבן די קאלירן דעם קינדערישן באלאנס אז ס'זאל זיך שפירן לעבעדיג און געשמאק אפילו ס'איז מער צו דער ערענסטע זייט.

א חלק פון די געפילן וואס געפונען זיך אלץ אין קאלירן.

אריינגעביסן... ס'ווערט אייך נישט גוט... איר ווילט נאר מאכן אן עושה שלום און נעלם ווערן פון שטח...

דאס געַנוי קומט פאר ביי ברענדינג!

די וועג ווי אזוי ברענדינג ארבעט איז אז ס'נעמט אסאך עלעמענטן ווי למשל שעיפּס (פארעמס) פאַנטס (אותיות) קאלירן און אויסשטעל און וויסנדיג ווי אזוי צו פלאצירן וואס יעדע זאך אין זיין פלאץ קומט פון דעם ארויס פארשידענע אנדערע מיני געפילן וואס וועט פאטענציאל צו ציען די ריכטיגע קונדן.

לדוגמא...

אויב רעדט מען פון א לאגא פאר א פלעי גרופּ מוז עס שפירן קינדעריש און ווארעם, אבער אויך סעיף. יעצט אויב וועט מען לייגן דעם דגוש צו שטארק אויף סעיף לאמיר זאגן, און ווען דער מענטש קוקט אויף דעם וועט ער שפירן באמת אז דא איז א פלאץ ווי מ'געבט שטארק אכטונג און מ'קען עס טראסטן אבער ס'וועט נישט האבן דעם קינדערישן באלאנס דאן וועט זיין געפיל אים זאגן ר' איד, טראסט זיי צו האלטן דיין געלט אבער דיינע קינדער שיק נישט אהין ווייל ס'פעלט פון די ווארימע קינדערישע געפיל.

און די זעלבע פארקערט אויב וועט עס זיין צו קינדעריש און פאָן וועט עס שפירן ווי א פלאץ וואס איז אומאחריות'דיג און ווערט געפירט ביי קינדער, קיינער וואלט זיין קינד אין אזא פלאץ נישט אריינגעלייגט...

די וועג ווי אזוי אנצוקומען צו די ריכטיגע באלאנס איז אין אזא פאל ווי די הויפט פריאריטעט איז געבן א גוד טיים פאר די קינדער און זיין אחריות'דיג איז טפל, דעריבער מוז די הויפט פאקוס זיין אויף פאָן קינדערישע געשמאקע חלק, און א קליינע דגוש אויף די סעיפטי חלק.

פון אויבן אויף איז דא צוויי וועגן אנצוקומען צו דעם, איינס איז צו מאכן די ווערטער קינדעריש און פרייליך אבער האלטן די קאלירן מער ערנסט *קוקט בילד (ניין נישט אזוי ערנסט ווי א באנק אדער קארפארעט ביזנעס אבער אויך נישט קיין שרייעדיגע קינדערישע קאלירן נאר עפעס אינצווישן) און די צווייטע וועג איז פארקערט, מאכן שרייעדיגע קינדערישע קאלירן אבער האלטן די אותיות מער ערנסט און שטייף.

עס איז דא בעיסיק כללים ווען עס קומט צו ברענדינג, וועלכע מיני שעיפּס מיינען וואס, און וואס טוט יעדע מין קאליר רעפרעזענטירן, און וואספארא מיני אותיות נוצט מען וואו, אבער אזוי ווי איר ווייסט דאך אוודאי אז יעדער כלל האט א יוצא מן הכלל...

איז פון אויבן אויף זענען די כללים אזוי:

רינדעכדיגע שעיפס וואס ווערן אויך אנגערופן ווייכע שעיפס, רעפרעזענטירט ווארעמקייט, צוגעלאזנקייט, מער לופטיג און פאָן און ווערט בעיקר באנוצט ביי ברענדס וואס זייער ברענד מעסעדש איז אז יעדער איז וועלקאם, זיי האבן פאר יעדן א שמייכל, זיי זענען צוגעלאזן (איך טראכט יעצט אוודאי נו, ווער וויל דען נישט האבן די אלע זאכן פאר זיין ברענד מעסעדש... געדענקט די משל פון די פנימער, נישט יעדער איז דער דשאַללי מענטש וואס האט פאר יעדן איינעם נערוון... און די זעלבע איז ביי אייער קאמפאני, דער אקאונטענט איז נישט קיין אמיוזמענט פארק און אזוי אויך פארקערט...).

שארפע שעיפס וואס האבן שפיציגע עקן רעפרעזענטירט שטארקייט, פראפעסיאנעליזם, מסודר'דיגקייט און קלאסיש (טראכט פון דער אינגערמאן מיטן צוגעמאכטן רעקל מיט שיינע גלעזער וואס איז אלס צוזאמען געגומען... ער האט שארפע שפיצן... דא מעגט איר געבן א שמייכל...).

דאס איז שעיפס ממש אויפן שפיץ גאפל...

ביי קאלירן זענען שוין מענטשן מער באקאנט, ס'איז דא קאלירן וואס זענען אויסגעשעניטן, דער קאליר מיינט דאס ווי למשל טונקל בלוי - טינקל בלוי איז א קאלטע קאליר עס איז א קאליר וואס איר וועט זעהן ביי א באנק, ביי קאנסאלטענטס, ריעל עסטעיט פירמעס, קאמפעניס וואס שטעלט זיך לכתכילה אהער צו זיין הויך געשטימט אביסל סנאָבי, אפילו ס'איז א קאליר וואס באגריסט אייך מיט א קריספי שלום עליכם און נישט מיט א ווארימע האָג אדער היי פייוו וכו'...

דערנאך איז דא טינקל רויט וואס איז א קאליר וואס האט אסאך ענערגיע דאס וועט איר מער זעהן ביי א שטייגער ווי ארגאנעזאציעס, שפיטעלער, עירליינס און סיי וועלכע פירמע וואס וויל נוצן ענערגיע אין זיין ברענד מעסעדזש וועט ניצן דער קאליר רויט.

אז איך האב שוין דערמאנט וועגן עירליינס איז טאקע אינטערעסאנט צו דערמאנען דא די זאך פון צוזאמען שטעלן געפילן צו קענען כאפן דעם ריכטיגן קלייענטעל - עירליינס באניצן זיך בעיקר על פי רוב מיט די קאלירן פון טינקל בלוי וואס ווי פריער דערמאנט רעפרעזענטירט שטארקייט און פעסטקייט צוזאמען מיט רויט וואס רעפרעזענטירט ענערגיע, ווייל דאס איז די ברענד מעסעדש פון רוב עירליינס - מיר זענען א ריזיגע קאמפאני, מיר פארטרעטן קארפארעיט ביזנעס, מיר זענען הויכקלאסיגע מענטשן אבער מיר האבן אויך די ענערגיע צו זיך מיר וועלן זיך פארען פאר אייך און מיר וועלן אייך טראגן ביזן אנדערן עק וועלט. *בילד בייגעלייגט

דאס איז א טיפה מן הים פון די סוגיא פון קאלירן וואס מיר וועלן בעזהשי"ת אין די קומענדיגע וואכן ברייטער אויסשמועסן.

דערנאך קומט פאָנטס וואס דאס וועט אנגערופן טייפאגראפיע - דאס מיינט וואס פאר סארט אותיות ניצט מען.

עס איז דא דריי קאטעגאריעס פון אותיות, איינס - מערסט באקאנטע הייסט סענס סעריף, דאס מיינט די אות אליין אן שפיצן. די צווייטע, אויך שטארק באניצט הייסט סעריף, דאס מיינט אותיות מיט מילדע שפיצן אויף איין זייט. די דריטע און ווייניגסטע באניצטע הייסט סלעב סעריף, דאס מיינט גראבע שפיצן ארום דעם אות *זעט בילד.

דערנאך איז דא די אותיות געהעריג שטייעדיג, עס איז דא באָלד - די דיקערע ווערטער און אייטעליקס - די שיפע ווערטער.

דערנאך פארשטייט זיך קומט די מיליאנען פאָנטס וואס איז אלס פארהאנען, יעדע פאנט האט איינע פון די אויבן דערמאנטע זאכן.

ווען עס קומט צו אויסוועלן א פאנט פאר א ברענד, איז עס די שווערסטע חלק פונעם בויען די ברענד, ווייל די אות איז געמאכט פון שעיפס אבער נישט פון בעיסיק שעיפס ווי דער צירקל, באקס און טרייענגל נאר פון צענדליגע שעיפס און קנייטשן, יעדע אות פאר זיך עקסטער און צוזאמען קומען זיך צאם אסאך געפילן געוואנדן אין די כאראקטער פונעם פאנט.

דאס איז מער ווייניגער און אויבנאויף די וועלט פון פאָנטס וואס מ'רופט טייפאגראפיע.

עס איז דא דריי קאטעגאריעס פון אותיות, איינס - מערסט באקאנטע הייסט סענס סעריף, דאס מיינט די אות אליין אן שפיצן. די צווייטע, אויך שטארק באניצט הייסט סעריף, דאס מיינט אותיות מיט מילדע שפיצן אויף איין זייט. די דריטע און ווייניגסטע באניצטע הייסט סלעב סעריף, דאס מיינט גראבע שפיצן ארום דעם אות.

נסיעה
טרעוועל

דאס זענען די בעיסיק דריי עלעמענטן וואס שטעלן צוזאם דעם לאגא.

יעצט וועלן מיר צוריקגיין צו וואו מען האט אנגעהויבן אז די לאגא פאר א קאמפאני דינט ווי דעם פנים פונעם קאמפאני און כדי ס'זאל ציען צו זיך די ריכטיגע קליענטעל מוז עס האבן די ריכטיגע געפיל.

יעצט אז מיר ווייסן שוין וויפל זאכן עס ליגט אלס אין א לאגא און ווי דקות'דיג די ארבעט איז, קענט איר פארשטיין פארוואס עס איז אזוי וויכטיג און פארוואס עס קאסט אזוי טייער.

נאך א נקודה ארום ברענדינג צו נעמען אין באטראכט איז אז ברענדינג ברענגט נישט קיין סעילס, עס מאכט נאר דיין קליענטעל שפירן באקוועם צו קומען צו דיך, די לאגא זאגט נישט וואס דו טוסט, ס'זאגט נאר ווער דו ביסט, אזוי ווי איר פארשטייט אז קיינער גייט נישט ארום אין שול מיט א קלארע דעסקריפשן אויפגעשריבן אויף זיין רוקן פונקטליך ווער ער איז...

סעילס קומט מיטן אייבערשטנ'ס הילף דורך בעהטן דעם אייבעשטער, געבן גוטע קאסטימער סערוויס, מארקעטינג און אדווערטייזינג, אויסדריקלעך נישט פון ברענדינג, אבער בעפאר דו קענסט אנהייבן בכלל מיט סעילס, מוזטו אויסזען אפעטיטליך איך זאל בכלל וועלן הערן וואס דו האסט צו פארקויפן.

אין קורצן א ברענד איז ריין געפיל!

נאך א זייער וויכטיגע זאך וואס טיילט שטארק אפ ברענדינג פון אדווערטייזינג איז אז אן עד וואס דינט (געווענליך) פאר סעילס קען מען נאכגיין און זען אויב ס'איז נישט גוט, מאכט מען בעזהשי"ת א פרישע סטראטעגיע מ'פרובירט נאכאמאל און מ'בעט דעם אייבערשטן און ס'וועט געלונגען און ברענגען די ריכטיגע רעזולטאטן.

אנדערש איז מיט ברענדינג וואס מ'טוישט נישט די לאגא יעדן טאג ס'איז (כמעט) אן איינמאליגע זאך וואס מוז ווערן גוט געמאכט גראד ביים ערשטן מאל, נישט דא קיין 'אקי' מארגן וועט מען מאכן א נייע אויב ס'געלונגט נישט...'

די אויפטועון פון ברענדינג בכלל זענען פילפאכיג!

איך וועל נאר דערמאנען דא עטליכע נקודות און מיט די צייט אי"ה עס מער אויסשמועסן ווי אזוי עס ארבעט.

עס מאכט ברענד רעקאגנישן דאס מיינט אז די מער מ'זעהט דיין ברענד (פארשטייט זיך אויב ס'איז א גוטע ברענד) וועלן די קאלירן און סטייל ארייננגיין אין קאפ אז מענטשן וועלן שוין דערקענען דיין ברענד אן צו דארפן זוכן דיין לאגא!

און עקזעמפל לייג איך דא אן עקספערימענט וואס איך האב געמאכט אמאל פאר א ברענד וואס איז געווען אזוי געלונגען ב"ה אז האט איינמאל מחליט געווען ארויסצולייגן אן עד אן א לאגא

און עקזעמפל לייג איך דא אן עקספערימענט וואס איך האב געמאכט אמאל פאר א ברענד וואס איז געווען אזוי געלונגען ב"ה אז האט איינמאל מחליט געווען ארויסצולייגן אן עד אן א לאגא און קיינער האט נישט געכאפט!

און קיינער האט נישט געכאפט!

דערנאך מאכט א ברענד א פען בעים (חסידים) א שטייגער ווי קאקא קאלא עס איז דא זייער אסאך מיני קאלא געטראנקען וואס האבן גאר גאר און ענליכע טעם איינעם צום צווייטן אבער דער קאקא פען וועט נישט נאכלאזן אז גארנישט קומט צו דעם נישט צו!

דאס איז דא ביי זייער אסאך ברענדס ווי מ'קען עס זען (אדרבה פרעגט אייך אליינס פארוואס קויפט איר "נאר" אין יענע געשעפט? פארוואס מוזט איר האבן דעם פראדוקט "דווקא" פון יענע קאמפאני? או"וו)

עס איז פארשטייט זיך דא נאך אסאך מער בענעפיטן פון א גוטע ברענד אבער פאר די וואך וועלן מיר זיך דא אפשטעלן אינעם קומענדיגע ארטיקל וועלן מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף דיסקוסירן שלב ב' - מארקעטינג, און געבן אן אויבן אויף בליק אויף וואס דאס איז און ווי אזוי דאס ארבעט און און די קומענדיגע וואכן וועלן מיר אי"ה מער ארייננקריכן טיפער אינעם ברייטן מארקעט פון מארקעטינג דורכגיין די פארשידענע טשעלענדשעס וואס מאכט זיך כסדר סיי אין ברענדינג און סיי אין מארקעטינג און זען טאקע ווי אזוי מ'בעט יעדעס מאל דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער שיינט אריין גוטע געדאנקען ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן.

פאר סיי וועלכע הערות קענט איר שיקן אן אימעיל צו sruliheskel@gmail.com

געספאנסערט דורך:
נסיעה
טרעוועל

וואשינגטאן
בלעטל נסיעה
ARBEIT MACHT
HALT
מאושוויץ
לחירות

Fly anywhere
call us today
נסיעה
טרעוועל
845.444.TRVL
8785
*sruliHeskel

לחיים ולשלום

גוט יום טוב



TICKETS | TRIPS | TRAVEL ITINERARIES | VACATION PACKAGES | CAR RENTALS | HOTELS

דינסטאג פרשת ויקהל.

זיך איך מיר אינעם קרעמל אפיס, אינאיינעם מיט ידידי מו"ה בערל שניצלער נ"י, און כ'הער מיך אזוי אונטער א שמועס וואס ער האלט אפ מיטן רעדאקטאר מו"ה אברהם הערש נ"י.

צווישן די ווערטער וואס כ'האב געהערט זענען געווען, "מען דארף האבן חומר פאר פסח", "דער עולם דארף גוטע סחורה", "מען קען נישט מאכן עפעס אבי", "עפעס אינטערעסאנט".

כ'האב מיך גענומען די קוראזש אין די הענט און געלייגט די גאווה אויף האלד און זיך געוואגט צו בעטן אז מען זאל מיך ארויפלייגן אויפן ליין. כ'האב ארויפגעברענגט פארן רעדאקציע מיין געוואגטער פלאן וואס האט מיר שוין געווירבלט אין קאפ פאר א שטיק צייט און איך האב שוין געמאכט א שיין ביסל התבודדות אויף דעם, "מען גייט פארן קיין וואשינגטאן און עס באשרייבן פאר די ליינער".

אברהם הערש נ"י האט שוין געהאט געהערט פון מיר א צייט פארדעם אז כ'האב געטראכט פאר די 'שפיגל' קאלום צו אראפפארן צו אינטערעסאנטע פלעצער און באשרייבן די היסטאריע פון דעם ספעציפישן פלאץ. זיין רעאקציע איז גאר אנדערש ווי כ'האב מיך פארגעשטעלט געווען גאר פאזיטיוו. "אדרבה, נעם דיך צוזאם מיט נאך איינעם אדער אפשר נאך א שרייבער, פארט'ס און מאכט'ס א שיינע באשרייבונג פאר די חשוב'ע ליינער".

אביסל שפעטער האט ידידי מו"ה יואל וועבערמאן נ"י מסכים געווען מיטצוקומען נאכדעם וואס ער האט דאס איבערגערעדט אין שטוב און געמאכט אויף דעם התבודדות, אבער בתנאי אז זיין ברודער אברהם הערש גיבט אוועק זיין קאר פאר די וועג. אברהם הערש האט

יואלי נ"י האט אויפגעבליצט, "דער האלוקאסט מוזעאום" אין וואשינגטאן די. סי.

דארט אויפן פלאץ מסכים געווען אז זיין וואגן זאל גענוצט ווערן. (כ'מיין אז ער האט שוין חרטה געהאט פערצן מאל אויף דעם...)

עטליכע צענדליגער מינוט שפעטער האט דער פאכמאנישער שרייבער מו"ה ישראל העסקל נ"י באוויליגט מיטצוקומען.

אביסל שפעטער האבן מיר געמאכט א קאנפערענץ אויפ'ן טעלעפאן און אנגעהויבן דורכשמועסן די פלענער, פונקטליך וואס צו טון איז נישט געווען שווער, ווייל אלס תלמידי היכל הקודש ווייסן מיר מער וויניגער ווי אזוי זיך צו פירן מיט יראת שמים אין אלע סיטואציעס, ס'ערשטע איז געווארן איבערג'חזר'ט אז ביינאכט זענען מיר אינדערהיים אי"ה, פארן אויף טריפס און שרייבן איז זייער אינטערעסאנט אבער עס קען נישט קומען אויפן פרייז פון די שטוב-ווערטשאפט. ס'צווייטע האבן מיר איינגעזען אז זיין אונטערוועגנס איז נישט גענוג קיין גוטע תירוץ נישט צו דאווענען מיט מנין.

יעצט האט זיך אנגעהויבן די עיקר פראבלעם, די ליינער פונעם קרית ברסלב בלעטל זענען בכלל נישט קיין דומע מענטשן וועם מען קען פארפירן און מאכן א שמחת יום טוב מיט א לאנגע ארטיקל וואס ס'שטייט גארנישט דארט און/אדער ארויפקלעבן א בילד אז מיר האבן זיך געטראפן מיט עפעס א הויכגעשפיצטער גוי אין וואשינגטאן, מען קען נישט איינרעדן אונזער עולם אז ס'געווען עפעס אינטערעסאנט, אונזערע ליינער זענען אסאך מער פון דעם. עס מוז זיין העכסט אינטערעסאנט און באלערנד, מיר האבן געקלערט און זיך גע'ישוב'ט אהין און צוריק אויפצוקומען מיט עפעס אינטערעסאנטס פאר אונזערע ליינער, מיט אביסל תפילות האט דער אייבערשטער געהאלפן און יואלי נ"י האט אויפגעבליצט, "דער

די רעדאקציע ביי אן אומפארמאלע מיטינג דינסטאג נאכט

האלוקאסט מוזעאום", דארט ווי דער ראש ישיבה שליט"א איז געגאנגען מיט די בחורים און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערמאנט עטליכע וואכן צוריק אז ס'איז וויכטיג אז מען זאל אהינגיין באזוכן. דער פלאן איז אויסגעהערט געווארן און איינשטימיג באשטעטיגט געווארן און איז תיקף אריין אין אפעקט.

עס איז געווארן אפגעמאכט אז אי"ה דעם קומענדיגן זונטאג וועט זיין דער טאג וואס מען וועט בעז"ה זיך ארויסלאזן אין וועג אריין.

איר קענט זען דא אויפן בילד א קליינע מיטונג וואס דער רעדאקציע האט געמאכט פאר'ן ענטגילטיג באשטעטיגן דעם נסיעה.

מיטוואך פרשת ויקהל

מיר האבן אביסל שטודירט די מאפע פונעם הויפטשטאט און צוביסלעך אויסגעשטעלט דעם סדר היום, וואו מען קען גיין כאפן שיינע בילדער און וואו מען קען באקוקן אינטערעסאנטע היסטאריע פאר און נאכן גיין צום האלוקאסט מוזעאום, אויך האבן מיר נאכגעקוקט וואס די וועטער וועט זיין אין וואשינגטאן יענעם ספעציפישן טאג, דאן האבן מיר באשטעלט בילעטן צום מוזעאום פאר יעדן אז מיר זאל קענען גיין אינאיינעם אין די זעלבע צייט.

נאכן דורכקוקן די זמנים פון וותיקין איז קלאר געווארן אז אויב מיר לאזן זיך ארויס א סעקונדע נאכן דאווענען אין קרית ברסלב קענען מיר טעכניש אנקומען פונקט פונקט צום צייט וואס מיר דארפן זיין אינעם מוזעאום, אבער דאס מיינט אז מען פאלט אריין אינעם מוזעאום נאכן פארן קרוב צו 6 שעה אן קיין צייט צו אטעמען, קוים וואס ס'וועט זיין צייט צו פארקן דעם אויטא.

נאכן פרובירן צו דרייען און קוועטשן אויף אלע וועגן צו מאכן נאך צייט, האט אברהם הערש נ"י אונז געהאלפן באשטימען אז דאס בעסטע וועט זיין צו ארויספארן גאר פרי פארטאגס פון קרית ברסלב און זיך אפשטעלן אויפן וועג דאווענען שחרית אינעם גרויסן שטעטל באלטימאר וואס געפינט זיך עטליכע שעה אריין אינעם וועג.

מיר האבן געטראפן אז אין באלטימאר איז פארהאן איין שול וואס עס זענען פארהאן מנינים נאך 9 אזייגער, וואס דאס איז די פריעסטע וואס מיר וואלטן געקענט אנקומען אהין, א בית המדרש וואס ווערט געפירט דורך דער זידוטשוב'ער רבי שליט"א פון באלטימאר,

דער בית המדרש ווערט גערופן על שמו פונעם רבין'ס לעצטע נאמען, "אייכענשטיין'ס שול".

שוין, איז א מנין אויך מסודר געווארן, ערשט א טאג שפעטער איז מיר איינגעפאלן זיך צו נאכפרעגן אויב דער שול פארמאגט א מקוה, ווען כ'בין געוואויר געווארן אז נישט, איז געשען צוויי זאכן, קודם האב איך מיך דערמאנט די מיליאן דרשות פונעם ראש ישיבה איבער דאס גרויסקייט פון גיין אין מקוה, וואס סתם אזוי קוקט דאס אויס אזוי פשוט ווייל אין האשקי און אין רוב היימישע בתי מדרשים איז שוין דא א מקוה און ס'איז א פשטות אז פארן דאווענען גייט מען אין מקוה, אבער ווען ס'קומט צו אזוינע סיטואציעס אז מען דארף מאכן עקסטערע פלענער צו גיין אין מקוה וועקן זיך אויף די געפילן און מען דערמאנט זיך די זכי' וואס מיר האבן אז מיר ווייסן די גרויסקייט פון גיין אין מקוה און אז מען קען זיך זייער מחי' זיין אז מען גייט אין מקוה יעדן צופרי. די צווייטע זאך וואס איז געשען איז אז מען האט זיך אריינגעלייגט אין די לענג און אין די ברייט צו טרעפן א מקוה אין באלטימאר, נאך אסאך הארעוואניע און נאכן בעטן דעם אייבערשטן און געבן צדקה האבן מיר אויסגעפונען אז ס'איז פארהאן איין שול אין באלטימאר וואס צו זייער מקוה קען מען קען מען אנקומען אביסעלע שפעטער און עס עפענט זיך אויטאמאטיש סיי ווען מען וויל נאר, אבער דארט איז די לעצטע מנין אום אכט אזייגער, וועלן מיר דארפן פארן קודם אהין און פון דארט פארן צום גרויסן שול.

דאנערשטאג פרשת ויקהל

יעצט האט זיך אנגעהויבן די פרשה פון איינקויפן פארן וועג, ס'האט זיך מיר אויפגעוועקט מיין מיכקינד פון כתה ו', וואס אין יענע צייטן פאר מען פלעגט פארן אויף א טריפ איז מען געגאנגען אין גראסערי און געכאפט וואס ס'לאזט זיך נאר, כ'האב איינגעזען אז איך דארף פארגיטיגן דער מיכקינד פון יענע יארן, קודם בין איך געלאפן קויפן עטליכע זעקלעך פון יעדע סארט סנעק וואס די גראסערי האט נאר געהאט צו פארקויפן, כ'האב שנעל צוריקגעלייגט א גרויסע חלק ווען כ'האב זיך געכאפט אז רוב וועג אהין וועט זיין פארן דאווענען און מען וועט נישט קענען עסן. האבן מיר אנשטאט דעם געקויפט עטליכע גאלאנען פון טרינקען, אין א רואיגע מאמענט האט איך צוריקגעלייגט רוב פון די איבעריגע סנעקס ווען ס'האט זיך מיר דערמאנט אז די אלע זאכן זעטיגן נישט. האבן מיר איינגעקויפט עסנווארג צו מאכן סענדוויטשעס און נאך אביסל נארהאפטיגע עסן, ערשט שפעטער האב איך מיך דערמאנט אז ס'איז דא א כשר'ע גראסערי אין באלטימאר און אויב מען האט ח"ו פארגעסן סיי וואס וועט מען נישט אויסגיין פאר הונגער אויפן וועג. מה שלא יעשה השכל יעשה הזמן.

א קורצע טעלעפאן קאל מיט יואלי נ"י האט באשטימט אז ער וועט מיטברענגען א קעמערע מיט די בעטעריס וואס מען דארף האבן דערצו, נאכן זיכער מאכן מיט אברהם הערש נ"י וועלכע



"צוויישן די ווערטער וואס כ'האב געהערט זענען געווען, "מען דארף האבן חומר פאר פסח", "דער עולם דארף גוטע סחורה", "מען קען נישט מאכן עפעס אבי", "עפעס אינטערעסאנט".

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

טשארדשערס זיין קאר פארנעמט האבן מיר אויך פון דעם איינגעהאנדלט עטליכע שטיק.

נאכן אנפרעגן חוות דעת פונעם ראש ישיבה שליט"א, האט דער ראש ישיבה שליט"א זייער הנאה געהאט צו הערן און די הכנה שטאפלען זענען ארויפגעפארן א טאן. דער רעדאקטאר האט ארויסגעברענגט זיינע ספיקות אז ער איז נישט אזוי הונדערט פראצענט זיכער אויב מען קען ריכטיג באשרייבן דעם האלאקאסט מוזעאום, צוליב וואס ער האט געהאט באזוכט מיט אייניגע חדשים צוריק אינעם 'יד ושם מוזעאום' אין ארץ ישראל און די גאנצע זאך האט נישט געהאט קיין טעם, די גאנצע מוזעאום ווי עס איז אויסגעשטעלט היינטיגע צייטן איז דורכגעפוילט מיט ציוניזם און כפירה. אבער נאכן נאכקוקן און אויך הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א אז די אמעריקאנע מוזעאום איז נישט אזוי זענען מיר געגאנגען ווייטער מיט די פלענער.

אויך איז מען איבערגעגאנגען די פרטים פונעם נסיעה מיט מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א וואס איז אלץ בייהילפיג פון אינטער די קוליסן פארן קרית ברסלב בלעטל ווען מען דארף נאר.

פרייטאג פרשת ויקהל

איך האב אנגעפולט מיין מטבע קארטל מיט געלט גרייט צו אויפברענגען סיי וועלכע שטערונגען אין וועג מיט א קורצע טעקסט אויף bpay. זיכער געמאכט אז דער מהדרין gps איז געטשארדשט אויפן העכסטן גראד. אנגעפולט א זעקל מיט א קליינע חומש, א קליינע משניות און א קליינע תהלים. אזוי ווי מיר פארמאגן נישט קיין סמארטפאון ב"ה האבן מיר ארויסגעפרינט די בילעטן אריין צום מוזעאום זיך צו איינשפארן סיי וועלכע אומאנגענעמליכקייטן, ארויסגענומען די חתונה הוט פון קלאזעט און געפיצט די שיך אז מען זאל נישט זען אויף די בילדער ווי אזוי זיי קוקן אויס אין א גרינעם דינסטאג...

מיר האבן איינגענומען א פרישע דאזע פון נאך א היפש ביסל תפילה והתבודדות אז מען זאל מצליח זיין און אז עס זאל ארויסקומען א קידוש השם פון אונזערע מעשים.

ווידער אפאר פאון קאולס צו מסדר זיין עטליכע טעכנישע פרטים, און מיר זענען געגאנגען זיך גרייטן צום שבת קודש פארגעסענדיג פון אלעם.

מוצאי שבת קודש פרשת ויקהל

הארט נאכן מאכן הבדלה האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויף א קורצע באזוך קיין מאנטיסעלא צום ארטיגן גרויסן וואלמארט געשעפט, וואו מיר האבן איינגעקויפט אייניגע זאכן פאר די קעמערע וואס וועט אי"ה אפכאפן דעם באזוך, שטייענדיג דארט צווישן איין אפטיילונג און די צווייטע האבן מיר צוזאמען מיט אברהם הערש נ"י אפגערעדט מיט מו"ה אלי קנאלל נ"י פון די בארימטע 'נסיעה טרעוול' אז זיי וועלן מיטארבעטן מיט אונזער נסיעה און באצאלן אלעס וואס וועט נאר קאסטן צו צופרידן שטעלן די ליינער פונעם קרית ברסלב בלעטל. ארויספארנדיג פונעם געשעפט האבן מיר געמאכט א קורצע אפשטעל צו אנפילן דעם אויטא מיט בענזין אז ס'זאל האבן א פנים ווען אברהם הערש וועט עס באקומען...

אזוי צוריקפארנדיג אין שטעטל זענען מיר נאך איינמאל איבערגעגאנגען מיטן רעדאקטאר אין קורצן וואס מיר ווילן אויפטון מיט אונזער נסיעה און די בעסטע וועגן ווי אזוי עס צו קענען אויספירן מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

אנגעקומען צו ר' אברהם הערש זענען מיר אין א היפש שפעטע שעה, און אזוי האבן מיר געמאכט א קנאק יענקל, מיין שיינע פענסי קאר איז אריין אונטער זיין אייגנטום און איך האב מיך נעבער געמוזט אן עצה געבן מיט זיין קאר פאר דאס איבעריגע פון די נסיעה... פון דארט זענען מיר געפארן צו יואלי נ"י און אים געהאלפן אריינלייגן זיינע זאכן אין אויטא כדאי צו זיין גרייט ארויסצופארן פארטאגס דאס שנעלסטע וואס מעגליך.

אהיימגעלאפן עסן א שנעלע מלוה דמלכה און געליינט קריאת שמע גאר ערליך. כ'האב מיך גע'ישוב'ט אויב מען דארף זאגן פרשת וישלח...

און... מקיים געווען מיט א גרויסע הידור מצוה דאס וואס דער הייליגער רבי' שמועסט אויס אין ליקוטי מוהר"ן סימן קי"ז "הענין שקשה לישן במוצאי שבת", און זיך געדרייעט אין בעט פאר א שיין שטיק צייט ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן און דער מלאך החלומות איז אנגעקומען ממש קורץ בעפאר מען האט געדארפט אויפשטיין.

זונטאג פרשת פקודי

3:40 am

פאאאא פאאאא פאאאא פאאאא

מעמע מעמע מעמע מעמע מעמע

טריילי טרירי טריידירידיידיראם

פארפאלן, אז מען בעט דעם אייבערשטן און מען שטעלט אן דריי וועקער זייגערס וועקט מען זיך אויף, פון וואו בין איך אזוי זיכער אז דאס בעטן דעם אייבערשטן האט געהאלפן? ווייל כבר היה לעולמים אז מען האט אנגעשטעלט אומצאליגע וועקער זייגערס און מען איז געבליבן שלאפן...

יעצט איז געקומען די שווערע אויפגאבע פון אויפוועקן דעם עולם וואס איז ברוך השם אויך אריבער אן קיין איבריגע דראמא.

מען האט שנעל אריינגעלייגט אין קאר זיך מיט נאך אביסל זאכן וואס מען האט אויסגעלאזט די נאכט פריער און געפארן קיין האשקי אפנעמען יואלי נ"י, פון דארט קיין באורדיטשוב צו ישראלי נ"י, און אום 4:33 האבן מיר מיט א קורצע תפילה נאכ'ן זאגן תפילת הדרך און געבן צדקה, פארלאזט די ברסלב'ע שטעטל אויפ'ן וועג קיין באלטימאר, איך האב געהאט די זכי' צו דרייוון אויפן וועג קיין באלטימאר.

פאר די ערשטע שטיק וועג זענען מיר געפארן אויף לאקאלע שאסייען וואס האט אונז גוט אויפגעשאקלט (טראכט פון פארן אויף טווין ברידזש פאר א שעה אין א צי'...).

מען האט אביסל געקענט שפירן וואס דער רבי' זאגט אז ס'איז גוט צו מאכן התבודדות אויף א פלאץ ווי מענטשן דרייען זיך נישט, טאקע דאס האבן מיר געשפירט ווען אין די ערשטע שעה-צוויי פונעם וועג זענען מיר געפארן אויף פלעצער וואס כ'גלייב שוואך אז מענטשן בכלל און אידן בפרט דרייען זיך אדער פארן דארט דורך, די רואיגקייט און שטילקייט וואס הערשט דארט לאזט דעם מענטש דורך טראכטן און אויסשמועסן אלע מחשבות און מעשים מיטן אייבערשטן.

נאך א צייט אפשניט פון צוויי און האלב שעה האבן מיר אינצווישן געקענט מיטהאלטן דעם הערליכן זון-אויפגאנג אויף אונזער לינקע זייט

ארום א האלבע שעה נאכן פארלאזן אונזער שטעטעלע זענען מיר דורכגעפארן א קליינעם בריקל אריבער דעם דעלעוועיר ריווער און א קליינע טעוועלע דארט האט אונז אנגעוויזן אז מיר זענען יעצט אריינגעפארן אין די סטעיט פון פענסעלוועניע, פון דארט זענען מיר ארויף אויפן אינטערסטעיט פיר און אכציג וואס איז געווען מער צוגעשטעלט פאר היימישע אידן צו פארן, מיט די רואיגקייט וואס האט אונז ארומגענומען נישט ווערנדיג מער אויפגעשאקלט האבן מיינע קאלעגעס פרובירט צו פארזעצן מיט זייער פון פאראויס באשטימטע זיצונגען מיטן מלאך החלומות וואס כ'האב אזוי בארבאריש איבערגעריסן, אבער האבן אויפגעגעבן נאך א שטיק צייט ווען זייערע חלומות האבן זיך נישט מאטריאליזירט.

פון דארט זענען מיר געגאנגען צום אינטערסטעיט איין און אכציג און נאך א צייט אפשניט פון צוויי און אהאלב שעה האבן מיר אינצווישן געקענט מיטהאלטן דעם הערליכן זון-אויפגאנג אויף אונזער לינקע זייט. ווען עס האט אנגעהויבן טאגן האבן מיר געמאכט אן אפשטעל ביי א גאז סטאנציאן זיך צו אויסצוען די ביינער און אנפיטערן דעם וואגן מיט ברענשטאף. מען האט געליינט קריאת שמע וואס מיר האבן נישט געקענט זאגן ביים ארויספארן צוליב וואס עס איז נאך געווען דעמאלטס שטאק טונקל, און זיך צוריק ארויסגעלאזט אויפן וועג. אגב איז געווען מאדנע צו זען ווי אזוי די גוים פון דעם פארשטופן דערפל אין פענסעלוועניע קוקן אן די אידן וואס זענען אנגעקומען מיט גרויסע אויגן, ס'האט זיי זעט אויס געשמעקט צו זען אז די 'אידן' וואס מען זעט כסדר אין די נייעס זענען עכטע מענטשן און אז זייערע קארס דארפן פונקט אזוי געזאלין ווי א צווייטנ'ס...

בערך 7 אזייגער האט אונזער חשוב'ער רעדאקטאר אריינגערופן און זיך געלאזט הערן, אנפרעגנדיג וואו מיר האלטן און אויב מיר זענען וואויל אין זיין קאר...

ביים פארווארפענעם גאז סטאנציע אין פענסעלוועניע

ווען די צייט איז געווארן אביסל שפעטער בין איך אליינס געווען עדות צו דעם אז די "ברסלב'ע וואס האבן נישט קיין שלום בית ווייל זיי פארן קיין אומאן", האבן אלע אהיימגערופן און געגריסט גוט מארגן פאר די ווייב און קינדער און מיט אסאאאך גוטע ווערטער ארויסגעשיקט די קינדער אין חדר אריין.

פון דארט זענען מיר ארויפגעפארן אויפן אינטערסטעיט דריי און אכציג, די פאנאראמעס אויף ביידע זייטן זענען געווען ממש נישט צו באשרייבן, פילשטאקיגע בערג מיט באוואקסענע ביימער ווי כאילו ס'איז נישט יעצט געווען ווינטער האבן אונז באגריסט, ווי אויך זענען געווען אויף ביידע זייטן פונעם שאסיי ריזיגע בנינים פון פעקטאריס פון באקאנטע פראדוקטן, זעט אויס אז דארט ווי מיר זענען דורך געפארן איז א אינדוסטריאלע געגנט, אויך האבן מיר דארט געקענט מיטהאלטן צום ערשטן מאל ווי אזוי ישראלי נ"י שרייבט זיין וועכנטליכע ארטיקל פאר די בלעטל, מיר זענען דורכגעפארן 'באטלער פענסעלוועניע' דארט וואו דער גרויסער בעל גאוה טראמפ האט באקומען א פליק אין אויער און נאכדעם אויסגעשריגן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. ממש אביסל דערנאך זענען מיר אריינגעפארן אין די סטעיט פון מערילענד.

דינענדיג אלס בעל עגלה איז מיר נישט געבליבן מער ווי קוקן מיט קנאה ווי פרקים משניות און קאפיטלעך תהלים ווערן געזאגט אונטער מיין רוקן במלוא מובן המילה.

קורצליך פאר 9 אזייגער זענען מיר בעז"ה נאך א נסיעה פון איבער פיר שעה אנגעקומען קיין באלטימאר צום ארטיגן שול וואס פארמאגט א מקוה וואס איז אפן ביז שפעט, הגם איך האב ביז איצט נישט געוואוסט אז זונטאג ניין אזייגער אינדערפרי ווערט אנגערופן שפעט...

דער שול ווערט גערופן מיט'ן נאמען 'קהל

די שול וואו מיר זענען געגאנגען אין מקוה

"

איך האב אנגעפולט מיין מטבע קארטל מיט געלט גרייט צו אויפברענגען סיי וועלכע שטערונגען אין וועג מיט א קורצע טעקסט אויף bpay. זיכער געמאכט אז דער מהדרין gps איז געסטאנדארדשט אויפן העכסטן גראד. אנגעפולט א זעקל מיט א קליינע חומש, א קליינע משניות און א קליינע תהלים.

"

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

ערוגת הבושם בית עמרם ד'בריד'. זיי פארמאגן א הערליכע מקוה היפש אהערגעשטעלט לויט די היינטיגע סטאנדארטן. זיך ארומקוקנדיג צווישן די שטיבלעך זעען מיר א שיינע שול, מיטלגארטיג אין מאס מיט א פולע אוצר הספרים, מיר האבן באמערקט א שיינע פאר ספרי רבינו ווי אויך עטליכע ספרי מוהרא"ש זי"ע, מן הסתם אהערגעברענגט דורך א מפיץ מיט ווער ווייסט וויפיל יאר צוריק.

א לאקאלער בחור וואס האט ווארשיינליך דערשמעקט אז מיר קומען פון א ווייטן מהלך, האט אונז מיט די גרעסטע מאס העפליכקייט אנגעבאטן אז אויב מיר ווילן עפעס איבערבייסן איז פארהאן פרישע קוכן אין די זייטיגע שטיבל, מיר האבן זיך שיין באדאנקט אבער אזוי ווי מיר האבן נאך געהאלטן פארן דאווענען (בזכות וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט אריינגעקנאקט אין ישיבה אז אזא זאך זאל נישט פאסירן) האבן מיר געמוזט פארציכטן אויף די לאקאלע געבעקסן.

ארויסשפאצירנדיג פונעם שול/מקוה איז אונז איינער פון די לאקאלע איינוואוינער נאכגעלאפן מיט א שאל פרעגנדיג "ס'איז ענקער?" יואלי נ"י האט גראד דערקענט זיין חפץ און אפגענומען די אבידה.

פון דארט זענען מיר געפארן א מהלך פון זעקס-זיבן מינוט אריבער די לאקאלע גאסן צו 'מרכז תורה ותפילה ד'באלטימאר', וואס איז מער באקאנט מיט איר היימישע נאמען 'אייכנשטיין'ס שול'. אזוי ווי דער שול האט געטראגן מיין נאמען האב איך מיך געשפירט דארט היפש משה גרויס...

שוין פון א גאס ווייטער האבן מיר איינגעזען אז פארקינג איז בכלל נישט א פאפולערע זאך אינעם געגנט, מיר האבן זיך געמוזט באגנוגן מיטן טרעפן אן אפשטעל ארט א שטיקל שטרעקע ווייטער נאכ'ן שול און צוריק שפאצירן צום ביהמ"ד. אנקומענדיג צום בנין וואס האט אויסגעזען ווי די צענטראלע שול האבן מיר געהערט לעבעדיגע מוזיק ארויסקומען פון א ספיקער וואס געפונט זיך אויפן דאך פונעם בנין, כ'ווייס נישט אויב דאס איז יעצט לכבוד חודש אדר אדער ס'איז אלס אזוי. אריינגייענדיג אינעווייניג זוכענדיג אויפן צעטל וועגן און וואו ס'איז די נעקסטע מנין איז קלאר געווארן אז מיר שטייען בלויז אין איינס פון די בנינים פונעם בית המדרש, און די נעקסטע מנין וועט זיין צוויי הייזער ארויף, ווי אויך איז געשטאנען אויפ'ן צעטל אז איין מנין נאכדעם וועט זיין אינעם טענט פון הונטן פונעם גאנצן בית המדרש קאמפלעקס.

שפאצירנדיג צו די אנדערע בנין פונעם בית המדרש איז געווען היפש לאכעדיג ווי מיר אלע דריי האבן זיך אנגערופן אז דער בית המדרש ענדלט גאר שטארק צום שיינער'ס ביהמ"ד אין מאנסי, סיי די אטמאספערע אז ס'ווירבלען מענטשן פון אלע זייטן און יעדער גייט טרעפן זיין מנין ערגעץ אנדערש, ווי אויך דאס אז די בית המדרש איז נישט אין איין צענטראלע בנין און אז ס'איז דא מנינים אין א טענט, אויך אז ס'שפילט מוזיק אנדרויסן. ישראלי נ"י וואס האט געוואוינט אין מאנסי פאר אייניגע יאר האט עס אנגערופן די 'שיינער'ס ווייב'.

אנקומענדיג צו אונזער מנין האבן איך אויפגעפאסט אז די פארקינג פראבלעם איז אויך אינעווייניג אינעם שטיבל און קיין פלאץ פאר מיר און מיין טלית בייטל איז נישטא, אבער ווען כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן האבן צוויי ברייטהארציגע באלטימארישע אידן זיך אביסל גערוקט און געמאכט פלאץ פאר מיר אינדערמיט.

א הערליכע שחרית האט נאכגעפאלגט, אויפן ריטעם פון א געווענטליכע האשקי שחרית, נישט פארגעסנדיג צו זאגן תיקון הכללי מיט די רבינו תם'ס תפילין אפילו די געפילן האבן געשטופט צו ענדיגן וואס פריער און זיך ארויסלאזן אין וועג.

נאך שחרית ווען מיר האבן זיך ארומגעקוקט אינעם שטיבל ווי מיר האבן נארוואס געענדיגט דאווענען האבן מיר געזען גאר פרייליכע צעטלעך אויף די ווענט וואס מיר וועלן אי"ה ברענגען בילדער דערפון דא אינעם בלעטל. פון דארט האבן מיר צוריקשפאצירט צו די צענטראלע בנין פונעם בית המדרש ווי מיר האבן געטראפן דעם רב הרב ישכר דוב אייכנשטיין שליט"א אדמו"ר מ'זידוטשוב באלטימאר, מיר האבן באקומען יעדער עקסטער א הארציגן שלום עליכם וואס האט געפירט צו א קורצע שמועס.

פון דארט זענען מיר צוריק צום אויטא ווי מיר האבן זיך געוואשן נטילת ידים, געגעסן פת שחרית און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין שושן עיר הבירה... די וועג איז געווען היפש שנעלער ווי געראכטן אדער ווי דער וועג ווייזער האט געהאט געוויזן, אפילו אריינרעכענדיג די טרעפיק אין וואס מיר האבן זיך אנגעשטויסן הארט פארן אריינפארן אין שטאט אריין, פונעם הייוועי האט מען געקענט זען עטליכע אייקאנישע געביידעס פונעם הויפטשטאט ווי

ברסלב'ע ספרים אינעם פארווארפענעם באלטימאר

דער מנינים צענטער ביהמ"ד מרכז תורה ותפילה ד'באלטימאר וואו עס קומען פאר טעגליך צענדליגע מנינים נאכאנאנד. מערקט דעם שאטער אויף די לינקע זייט

מערקט דעם ספיקער וואס שפילט געשמאקע היימישע מוזיק

די מערכת אין א שמועס מיט דעם רב בר הרב ישכר דוב אייכנשטיין שליט"א אדמו"ר מ'זידוטשוב באלטימאר

למשל דעם גרויסן רינדעכיגן קאפל פונעם קעפיטאל געביידע און אויף דעם וואשינגטאן מאנומענט.

אנקומענדיג אין שטאט מיט נאך א היפש ביסל צייט צו אונזער פון פאראויס באשטימטע צייט צו גיין צום האלוקאסט מוזעאום האבן מיר באשלאסן צו מאכן א שטיקל שפאציר ארום דעם שטעטל, מיר האבן געזוכט פארקינג פאר איבער א האלבע שעה, נעמט אין באטראכט אז אין די קעפ פון די שטעטל אידן איז זוכן פארקינג א זאך וואס איז נישט פארהאן אינעם לעקסיקאן, ממילא פארגעסט מען צו בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם.

פאר די אידן ארום מיר איז גאר ווייניג אנגעגאנגען צו ס'איז יא דא פארקינג אדער נישט ווייל אין די משניות וואס זיי האבןביידע עקסטער פאר זיך געהאלטן אינמיטן לערנען איז נישט געווען קיין שום פארקינג פראבלעם...

קוק דארט איז די גראז גרינער... וואס האב איך מיט יענעם?

דעם אייקאנישען קאפל פונעם קעפיטאל געביידע ווי געזעהן פונעם הייוועי

אבער ברוך השם על דרך לא דרך האט דער אייבערשטער אונז צוגעשיקט א מקום מנוחה פאר'ן אויטא ממש דערנעבן פונעם קעפיטאל בילדינג.

מיר זענען באגריסט געווארן מיט א הארציגע ברוך הבא אין פארעם פון א געפערליכע מיסטעריעזע שמעק, כ'ווייס נישט ווי אזוי טויזנטער טויזנטער מענטשן וואוינען מיט אזא שמעק, שפעטער האבן מיר געזען אז די שמעק קומט פון צענדליגע טרעקלעך וואס פארקויפן עסן און שטייען א גאס ווייטער. אבער ברוך השם אז נאכדעם איז שוין געווען היפש איינגענעם, ווי אויך האט דער וועטער ברוך השם מיטגעשפילט, ס'איז נישט געווען צו קאלט און אויך נישט עפעס געפערליך הייס.

גייענדיג ווייטער אויף די זייטיגע געסלעך אין שטאט האבן מיר דורכשפאצירט איין מוזעאום נאכן צווייטן, אבער נישט סתם א מוזעאום נאר יעדער איינס פון זיי איז א גאנצע ריזן בנין פאר זיך. פונדערווייטענס האבן מיר געזען דעם בנין וואס ווערט גערופן דעם 'קעפיטאל'.

דער בנין איז אסאך גרעסער ווי ס'קוקט אויס אויף די בילדער, צו שפאצירן פון איין זייט צום צווייטן איז א שטיקל מהלך. אבער אין פארנט האבן מיר געזען א גרויסער סטאטוע פון פרעזידענט גארפיעלד שטיין אן

דעם קעפיטאל געביידע

פרייליכע צעטליך באצירן די ווענט פונעם ביהמ"ד מרכז תורה ותפילה ד'באלטימאר

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

אפגעפאטשטער, ער האט אונז אזוי אנגעקוקט און באטראכט, ווען ער האט באמערקט אז מיר זענען חסיד'ישע אידן האט ער אונז געפרעגט מיט וועלכע רשות מיר האבן גענומען זיין נאמען און עס ארויפגעלייגט אויפן הויפט גאס אין קרית יואל...

אבער ס'איז באמת אינטערעסאנט ווי ביי די אידן מיינט גארפיעלד א גאס ווי מען לערנט און דאווענט און ס'בויען זיך אויף צענדליגע אידישע שטובער, ווען ביי די גוים מיינט דער זעלבער גארפיעלד עפעס אן אלטער גוי וואס שימלט אין קבר און אויך איז פארהאן פון אים א סטאטוע אין פארנט פונעם קעפיטאל...

מיר האבן געמאכט איין שפאציר ארום דעם ריזן בנין וואס דאס האט גענומען א שיינע פאר מינוט, ס'איז געווען א חידוש אז אנדערש ווי מען טראכט אז ס'זענען פארהאן טאנקען מיט גאנצע באטאליאנען פון סאלדאטן צו באוואכן דעם קאמפלעקס, איז נישט פארהאן דארט מער ווי געציילטע וועכטער וואס שפאצירן אהין און צוריק.

נאכן מאכן איין הקפה ארום דעם בנין האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויף א כמעט צוויי מייל שפאציר אראפ דעם וועלט בארימטן 'פענסילוועניע עוועניו' וואס לויפט דירעקט פון די קעפיטאל ביזן ווייסן הויז, וואס אויף דעם גאס געפונען זיך די הויפקווארטירן פון פולע אפטיילונגען פון די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע.

אזוי האבן מיר דורכשפאצירט צווישן אנדערע דעם לאקאלן געריכט הויז פון וואשינגטאן, די גרויסע קאנאדישע אמבאסאדע וואס איז געווען באדעקט מיט זייער רויטע און ווייסע בלעטל פאן, א בנין וואס איז געווען פון גלאז און האט אויסגעקוקט היפש ניי האט ארויסגעשטארצט פון צווישן די ריזיגע אלטע ווייסע מארמוירענע פעסטונגען האט נאכגעפאלגט, ס'האט אויסגעקוקט ווי א געווענטליכע אפיס בנין וואס איז אריין געפאלן אויף די נישט ריכטיגע גאס. אויף די אנדערע

ר' יואל נ"י ביים אפכאפן די בילדער

זייט גאס האבן מיר געזען דעם בנין פונעם אפטיילונג אין די אמעריקאנע רעגירונג וואס גיבט זיך אפ אז ביזנעסער זאלן זיך פירן ביושר, די 'פעדעראלע טרעיד קאמישאן', ווייטער איז געווען א ריזן בנין וואס איז א מוזעאום פון אלע אינטערעסאנטע זאכן וואס געפונט זיך אין די נאציאנאלע ארכיוון.

דאן איז געקומען די הויפטקווארטיר פון די FBI, דער בילדינג וואס ווערט אנגערופן די 'דזשי' עדזשער האווער בילדינג' על שמו פון דער מענטש וואס האט געפירט די FBI פאר קרוב צו פערציג יאר. מיט א צייט צוריק ווען וועלט איז געווען וועלט האבן קרימינאלן און פארברעכערישע באנדעס געציטערט פון אט דעם בנין ווי פונעם טייוול אליין. היינט זענען זיי דארט בעיקר פאר די ציל אז ביידע פאליטישע פארטייען זאלן קענען שרייען אז די אנדערע צד נוצט זיי אויס פאר די אייגענע אינטערעסן...

פון די אנדערע זייט גאס האבן מיר געזען דעם בנין פונעם יוסטיץ דעפארטמענט, וואס דארף זיך אפגעבן זיכער צו מאכן אז די בירגער פון אמעריקע פירן זיך ווי עס ברויך צו זיין. א גאס ווייטער איז געווען דער פאסט אפיס פונעם געגנט, זייער א גרויסער בנין וואס איז עטליכע שטאק הויעך, א זאך וואס וואלט געדארפט אויסרופן בייז-וואונדער ווייל איבעראל ווערט די פאסט באנוצעריי וויינציגער און ווייניגער, אבער ברוכים הבאים צום היינטיגן כעלעם... דא

דער בילדינג וואס ווערט אנגערופן די 'דזשי' עדזשער האווער בילדינג' על שמו פון דער מענטש וואס האט געפירט די FBI פאר קרוב צו פערציג יאר

די גרויסע קאנאדישע אמבאסאדע

די כעלעמע פאסט אפיס

אין וואשינגטאן ארבעט עס אז אויב מען וויל שיקן א דאקומענט פון איין בנין צום צווייטן אפילו זיי זענען אויף איין גאס, אדער אפילו אין די זעלבע בנין פון איין אפטיילונג צו די צווייטע וועט מען עס שיקן אויף די פאסט... דאס איז די סיבה פארוואס די הויפטשטאט דארף האבן אזא גרויסע פאסט אפיס. איין בילדינג נאכדעם ווערט גערופן די אינטערנאציאנאלע האנדלס צענטער, וואס מען טוט דארט איז אונז נישט באקאנט.

פון דארט האבן מיר געמאכט א רעכטס ארויף אויף די 15'טע סטריט און אדורכגעגאנגען דעם אפטיילונג וואס ווערט אנגערופן די "אוצרות דעפארטמענט", אבער מיר האבן זיך גוט אויסגעלאכט ווי באמת זענען זיי לעצטנס געווארן די 'חובות' דעפארטמענט...

פון דארט האבן מיר געמאכט א לינקס אויף 6'טע עוועניו און נאך א מינוט האבן מיר געזען אויף די לינקע זייט די באקאנטע 'ווייסע הייזקע'.

עס איז געווען א גרויסע פאראדאקס פון ווען מיר זענען געוועןביים קעפיטאל געביידע און געזען אז דאס איז אסאך גרעסער ווי עס קוקט אויס אויף די בילדער, בשעת פון די אנדערע זייט די ווייסע הויז קוקט אויס אויף די בילדער ווי א גרויסער בנין ווען באמת זענען דא א שיינע פאר הייזער אין די שטעטל אומגעגנט וואס קענען זיך כמעט פארמעסטן מיט די גרויסקייט פונעם ווייסן הויז.

דער קעפיטאל

עס איז געווען הארט נאך וואס די פריש געגרינדעטע פאראייניגטע שטאטן האט זיך אנגעהויבן שטעלן אויף די פיס, נאכדעם וואס מען האט געהאט אוועקגעשטעלט אז מען וועט גרינדן דעם הויפטשטאט אינעם דאן זומפיגער שטח ביי די ברעגעס פונעם 'פאטאמעק ריווער', האט דער ערשטער פרעזידענט וואשינגטאן אויפגענומען א קליקע פון דריי אויפזעער וואס זאלן איבערזיכטן צו בויען דעם נייעם שטאט, די דריי האבן אויפגענומען א פראנצויזישער ארכיטעקט, איינער מיט'ן נאמען 'לענעפאנט', וואס זאל אויספלאנירן ווי אזוי מען זאל אויסשטעלן דעם נייעם שטאט דאס מערסטע פראקטיש און אהערגעשטעלט, ער איז געווען דער וואס האט באשטימט אז די קעפיטאל געביידע זאל מען בויען דארט ווי עס איז טאקע היינט פלאצירט.

ער האט אבער נישט קאאפערירט מיט זיינע אויפזעער ווען ער האט נישט באוויליגט צו ארייננגעבן פאר זיי א פלאן פון זיינע געדאנקען ווי אזוי ער וויל די געביידע זאל אויסקוקן, טענה'נדיג אז ער האט עס ארויס אין קאפ, וואס די שטרייטן צווישן אים און זיינע אויבערהארן האט געפירט צו דעם אז ער זאל פליען פון זיין פאזיציע.

אביסל שפעטער יענע יאר האט די אמעריקאנע רעגירונג ארויסגעשטעלט א פארמעסט מיט א באלוין פון 500 דאלער פאר ווער עס קען ארייננשיקן דאס בעסטע פלאן ווי אזוי מען זאל אויסשטעלן דעם געביידע.

עס איז אריינגעקומען 17 באזונדערע פלענער, וואס למעשה איז קיינער פון די פלענער נישט באשטעטיגט געווארן דורך די קאמיטע. נאכדעם וואס מען האט געזען אז מען האט נישט מיט וואס צו גיין צום טיש איז אנגעקומען א פלאן פון ערגעץ ווייט אוועק וואס האט אהערגעשטעלט א פלאן פאר'ן בנין אזוי ווי עס קוקט טאקע אויס היינטיגע צייטן, און דאס איז אנגענומען און באשטעטיגט געווארן.

די הנחת אבן הפינה (להבדיל) איז פארגעקומען אין יאר 1793 למספרם. מיט עטליכע יאר שפעטער ווי נאר מען האט געקענט, האבן די קאנגרעס און סענאט ווי אויך די סופרים קאורט און די לייברערי פון קאנגרעס ווי אויך די לאקאלע געריכט פון וואשינגטאן זיך אריינגעצויגן אינעם האלב פארענדיגטער געביידע, שפעטער ווען נאך בנינים זענען גרייט געווארן האבן זיי זיך אריבערגעצויגן אהין און אינעם קעפיטאל איז פארבליבן בלויז די סענאט און די קאנגרעס.

אין די קומענדיגע יארן איז דער בנין געווארן אויפגעבויעט צוביסלעך, ווען יעדעס יאר ענדיגט מען נאך א חלק און מען לאזט זיך צו די קומענדיגע שטאפל פון בויען.

אין יאר 1814 למספרם האבן די בריטישע איינגענומען דעם הויפטשטאט אין א שלאכט וואס איז געווען א טייל פונעם קריג וואס האט דעמאלטס געפלאקערט צווישן אמעריקע און ענגלאנד, ווען די ענגלישע סאלדאטן האבן זיך אנגעטראפן שטיין אין פארנט פונעם קעפיטאל האבן זיי אנגעצינדן א פייער מיטן ציל צו אפווישן דעם גאנצן קאמפלעקס, צום מזל פון די אמעריקאנער בירגער האט זיך פונקט דאן אראפגעלאזט א שלאקס רעגן וואס האט נישט געלאזט דעם פייער ברענען פאר צו לאנג און האט פארמינערט די שאדן צום סטרוקטור. ווען די קריג האט זיך געענדיגט האט מען זיך צוריק גענומען בויען דעם בנין, און אום יאר 1826 למספרם איז די סטרוקטור געשטאנען פולקאם גרייט. די נעקסטע דריי יאר האט מען געארבעט אויף די אינעווייניגסטע חלקים צו באצירן און צו אריינלייגן די פיטשעווקעס.

אין יאר 1852 למספרם איז דער בנין געווארן אביסל ענג, מיט דעם וואס עס זענען כסדר צוגעקומען נאך שטאטן וואס פאר יעדע פון זיי האט מען געדארפט צולייגן נאך זיצן אין די לעגיסלאטיווע הייזער, איז די אמעריקאנע רעגירונג אריינגעשפרינגען צו ווידעראמאל פארגרעסערן דעם געביידע, דעמאלטס איז צוגעקומען די צוויי עקסטערע ריזיגע זאלן פאר די קאנגרעס און די סענאט, ווי אויך די גרויסע הויכע אייקאנישע רינדעכיגע קאפל, די בוי ארבעט איז געענדיגט געווארן אין יאר 1868 לממספרם.

דאס איז מער וויניגער דעם בנין וואס מען זעט היינט. אין די לעצטע צוויי הונדערט יאר איז צוגעקומען אסאך טוישונגען און פארעכטונגס ארבעט, צוםביישפיל ביי די ציווילע קריג איז די קעפיטאל גענוצט געווארן פאר נישט מער ווי א דארמעטארי פאר סאלדאטן וואס האבן זיך אויפגעפירט דארט מעשה בעל הבית.

שפעטער האט מען צוגעלייגט צווישן אנדערע א ריזן נעץ פון טונעלן וואס זאלן פירן פונעם קעפיטאל צו אלע בילדינגס ארום ווי די קאנגרעסלייט און סענאטארן פארמאגן זייערע אפיסעס, ווי אויך ממש לעצטנס א ריזן באזוכער'ס צענטער.

א גרויסער חידוש איז געווען אז מיר האבן געקענט כאפן בילדער ממש אין פארנט פונעם ווייסן הויז און קיינער האט אונז נישט אפגעשטעלט אדער דורכגעקוקט אונזער באגאזשן אדער אונז געפרעגט וואס מיר טוען מיר דא, קיינער איז ניטאמאל דארט צו נאכקוקן די אלע וואס קומען, נו אויב קען קומען איינער און ארויסשלעפן א קעמערע און כאפן בילדערביים טיר פונעם ווייסן הויז אן איינער זאל דורכקוקן זיינע געצייג, קען דאך פונקט אזוי

דעם וואשינגטאן מאנומענט

דער הויפטקווארטיר פון די אמעריקאנע חובות אפטיילונג

קומען איינער און ארויסשלעפן א ביקס? תיקו.

נאכ'ן ווילן אין פארנט פונעם ווייסן הויז פאר עטליכע מינוט און נאכן איינזען אז חוץ פון כאפן בילדער איז נישטא וואס צו טון אויפן ארט, זענען מיר צוריקגעגאנגען צו 15'טע סטריט און געמאכט א לינקס. ווידעראמאל גייענדיג אדורך די חובות אפטיילונג בנין, וואס אגב האלט עס אינמיטן קאנסטראקשן. זעט אויס אז די בנין אזוי ווי ס'איז יעצט קען נישט פארנעמען אזויפיל חובות, בויען זיי איבער כדאי צו קענען מאכן נאך חובות...

אראפגייענדיג די גאס האבן מיר דורכגעשפרייזט דעם באקאנטן הויכן 'וואשינגטאן מאנומענט', וואס מיר האבן געשריבן דערוועגן אינעם שפיגל קאלום מיט עטליכע וואכן צוריק, מיר זענען אריבער איין גאס צו 14'טע סטריט, דארט האבן מיר זיך געטראפן שטיין ביים גרויסן האלוקאסט מוזעאום, וואס געפונט זיך איין געביידע פאר די

א בילד פונעם ווייסן הויז געכאפט דורך ר' יואל נ"י

נאציאנאלע פרינטינג ביורא פון אמעריקע, דער בנין ווי מען פרינט געלט, אבער אנדערש ווי איר טראכט אז "ווען איך וואלט געהאט וואו צו פרינטן געלט וואלט איך געווען א גרויסע עושר", זעט אליין אז די אמעריקאנע רעגירונג האט א ריזן געביידע וואס טוט בלויז דאס, און מיט דעם אלעם זענען זיי ארעם ווי די נאכט, מיט חובות אין די צענדליגע טריליאנען.

פון דארט זענען מיר אריין צום האלוקאסט מוזעאום, וועגן אונזער באזוך אינעם האלוקאסט מוזעאום זעט אונזער באזונדערע ארטיקל.

ארויסגייענדיג פונעם האלוקאסט מוזעאום האבן מיר געשפירט ווי די פיס קומט אראפ, נאך די עטליכע מייל שפאציר פון אנהייב טאג און

דער נאציאנאלע האלאקאסט מיוזיאום פון אמעריקע

ביים געלויף צום האלאקאסט מיוזיאום

דעם ווייסן הויז

הארט נאך וואס גענעראל וואשינגטאן איז געווארן דער ערשטער פרעזידענט האט מען זיך ארויסגעלאזט אויף די יארכע צו טרעפן א פאסיגע ארט ווי דער פרעזידענט זאל קענען וואוינען, אין איינקלאנג מיט די ווזיע פון די ערשטע 'טאטעס' פון אמעריקע, האבן זיי דוקא נישט געוואלט בויען א פאלאץ אזוי ווי אין אנדערע פרישע לענדער, וואס דאן איז געווען איינגעפירט אז וועלכע קעניג אדער מאנארך האט געקענט בויען דעם גרעסטן פאלאץ האט אויטאמאטיש געמיינט אז ער איז שטארק און מעכטיג, זיי האבן ענדערש געוואלט א פשוטע הויז וואס זאל מאכן דעם פרעזידענט אויסקוקן מער ווי א פשוטע בירגער וואס דינט יעדן צוגלייך און איז נישט אנדערש פונעם המון עם.

אין יאר 1792 האט וואשינגטאן באשלאסן אז מען וועט בויען דעם פרעזידענט'ס הויז אויפ'ן ארט ווי די ווייסע הויז איז יעצט. מען האט אויפגענומען אן ארכיטעקט וואס קומט אריגינעל פון אירלאנד, און יענער האט אויסגעשטעלט דעם געביידע ענדליך צום לעגיסלאטיווע בנין אין אירלאנד וואס דער ארכיטעקט האט געגליכן.

דעמאלטס איז אויפגעבויט געווארן דעם עיקר בנין וואס מען זעט היינטיגע צייטן, דער עיקר בנין איז געענדיגט געווארן אין יאר 1800 ווען דער דעמאלטסדיגער פרעזידענט עדמסם האט זיך אריינגעצויגן.

עס איז אבער געווען אביסל שפעטער אין יאר 1814 ווען די בריטישע קרעפטן האבן דורכאויס דעם דעמאלטדיגע קריג איינגענומען וואשינגטאן און פארברענט דעם ווייסן הויז, דערנאך פונעם פייער האט מען נאכאמאל אויפגענומען דעם אויבענדערמאנטן איירישן ארכיטעקט וואס האט געבויט דעם ווייסן הויז נאכאמאל צו איבערבויען דעם געביידע.

מיט יארן שפעטער אין די אנהייב 1900'ער יארן איז צוגעלייגט געווארן די לינקע פליגל צום ווייסן הויז, דארט ווי עס געפינט זיך די באקאנטע 'אוועל אפיס'. אין יאר 1942 למספרם האט מען צוגעבויט דעם רעכטן אפטיילונג, ווי מען האט געבויט נאך עטליכע צימערן פאר די באנוץ פונעם פרעזידענט און זיין סוויטע.

אין יאר 1948 למספרם האט מען איבערגעבויט דעם גאנצן סטרוקטור פונעם ווייסן הויז, מען האט אויסגעגראבן דעם גאנצן אינעווייניגסטן חלק פונעם ווייסן הויז און איבערגעלאזט נאר די דרויסענדיגע ווייסע ווענט און אראפגעגראבן נאך עטליכע שטאק אראפ, דאן האט מען אנגעהויבן פון פריש בויען יעדע שטאק עקסטער פון אונטן ארויף.

דעם ווייסן הויז איז נאך אלעם דער פרעזידענטס הויז, דאס הייסט אז יעדער פרעזידענט פון דער ערשטער וואס האט זיך אריינגעצויגן אהין קען טוישן וואס ער וויל און צוליגן און אראפנעמען סיי וואס ס'געפעלט אים נישט, יעדער פרעזידענט פארלאנגט וועלכע קאנאפעס ער גלייכט און מען ברענגט עס אויף א גאלדענע טאץ.

צום ביישפיל ווען מיר האבן יעצט באזוכט ביים ווייסן הויז האבן מיר געזען א גרויסן טראק וואס מען האט אנגעלאדנט און ארויפגעלייגט זאכן, מן הסתם איז דאס געווען זאכן וואס מען האט געברענגט פארן פרעזידענט. אגב איז דער ווייסער הויז דער איינציגסטער וואוינונגס ארט פון א פירער פון א לאנד ווי סיי ווער קען קומען באזוכן פריי אן אפצאל.

אין די בראשית יארן פון אמעריקע האט דער ווייסער הויז נישט געהאט קיין אפיציעלע נאמען, א טייל האבן עס גערופן דעם פרעזידענטס פאלאץ און א טייל דעם פרעזידענטס הויז צווישן נאך פארשידענע אנדערע נעמען וואס האבן זיך ארומגעדרייט פון מויל צו אויער, ביז ס'איז געקומען דער ערשטער פרעזידענט רוזעוועלט און האט אפיציעל דערקלערט אז זיין הויז וועט פון היינט און ווייטער גערופן ווערן 'דעם ווייסן הויז'.

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

ביהמ"ד אור החיים "שיינער'ס" אין מאנסי

נאך די כמעט צוויי שעה שטייענדיג אינעם מוזעאום אויף די פיס האט די קאר זיך געשפירט מיילן אוועק, ברוך השם אז דער אייבערשטער האט אונז געהאט אנגעגרייט ממש אין פארנט פונעם מוזעאום א גוי וואס זאל מסכים זיין פאר א צענער אונז צו צוריקטראגן צום קאר.

אנקומענדיג צום קאר האבן מיר אביסל מסדר געווען די זאכן צו קענען האבן א געשמאקע וועג צוריק, א פרישע רונדע פון ברכות האט נאכגעפאלגט ווען מיר האבן זיך דערכאפט דאס הארץ נאכ'ן שטיין אויף די פיס פאר א גוטע פאר שעה, יואלי נ"י האט באוויליגט צו דרייוון אויפן 250 מייליגן וועג פון וואשינגטאן קיין מאנסי ווי מיר האבן געזאלט אראפלייגן ישראלי נ"י וואס האט געהאט א שמחה דארט, אנהייב וועג אויפ'ן אינטערסטעיט פינף און ניינציג האט ישראלי נ"י געשריבן נאך אן ארטיקל אונטערן רושם פונעם נארוואס פארענדיגטן באזוך אינעם האלוקאסט מוזעאום.

ווערנדיג באפרייט פון דארפן דרייען דעם רעדל תרתי משמע, האב איך אויסגענוצט די צייט צו נאכמאכן די אויפפירונג פון מיינע קאלעגעס אויפן וועג קיין וואשינגטאן און דארט אויפן פלאץ געענדיגט ח"י פרקים בנשימה אחת און אביסל חומש רש"י.

אויפ'ן וועג צוריק האבן מיר אינאיינעם אפגעהאלטן א לאנגע שמועס מיט'ן רעדאקטאר אברהם הערש נ"י, עס זענען פארגעקומען העפטיגע שמועסן ווי מען האט אדורכגערעדט צווישן אנדערע ווי אזוי מען קען שענער און בעסער מאכן די בלעטל, מארקעטינג, פאנדרעיזינג, און נאך אסאך.

מיינע קאלעגעס האבן געהאט די זכי' מיטצוהאלטן עטליכע פאון קאללס פון מכון עצתו אמונה וואס איך האב אפגעהאלטן אויפן וועג אהיים.

אנשטאט מיר זאלן זיין שיכור מיד און איינשלאפן א סעקונדע נאכ'ן זיך ארייינזעצן אין קאר, איז געשען פונקט די פארקערטע, עס האט זיך געשפירט א פרישקייט ווי כאילו מען איז יעצט אויפגעשטאנען, אזוי ווי עס געשעט געוויינטליך ווען מען איז 'אוווערטייערד'.

אזוי האבן מיר זיך צוריק געשלענגלט דורך די סטעיטס פון מערילענד, דעלעווער, ניו דזשערסי, און אריין קיין ניו יארק, און פון דארט צו די סטעיט פון מאנסי... ווי מיר האבן אפגעליפערט ישראלי נ"י צו שיינער'ס שול און שוין אריינגעכאפט א מנחה, ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אז אויב מען זעט א מנין זאל מען נישט אפשטופן נאר גראד ארייינלייגן א מנחה אין זאק אריין. פון דארט האבן מיר זיך אינאיינעם מיט יואלי נ"י ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים.

עפּילאָג:

תם ונשלם תודה לקל בורא עולם, איך וויל זיך בעיקר באדאנקען פארן רעדאקטאר אברהם הערש נ"י און אינאיינעם מיט אים מו"ה בערל שניצלער נ"י וואס האבן באגלייט די נסיעה פון אנהייב ביז נאכן ענדע און אלעס אינדערמיט, ווי אויך פאר די מיטרייזענע מו"ה יואלי וועבערמאן נ"י און מו"ה ישראל דוד העסקל נ"י וואס האבן 'געמאכט די זאך', ווי אויך פאר אלע ליינער וואס זענען אנגעקומען צו ליינען ביז אהער, אן אייך וואלטן מיר זיך קיינמאל נישט אונטערגענומען אזא נסיעה, ווי אויך פאר 'נסיעה טרעוול' וואס האבן אויסגעצאלט דעם נסיעה צו קענען ברענגען א שמחת יום טוב פאר די ליינער פונעם קרית ברסלב בלעטל.

ובלכתך בדרך אויפן וועג אהיים

בס"ד

אן אפענעם בריוו

לכבוד אחי ורעי, חשוב'ע אנשי שלומינו
די בכל אתר ואתר, ה' עליהם יחיו

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האלטן מיר יעצט ערב פסח שנת תשפ"ה, מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן געהאט דעם ווינטער די זכי' צו ברענגען פאר אנשי שלומינו און פאר די וועלט **750 בריוון** געדרוקט אין **22 קונטרסים**, וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן מיט מסירות נפש, פארן כלל און פארן פרט, אונז צו מחזק זיין און מחי' זיין מיט די הייליגע רבי'ס עצות אין אלע הינזיכטן.

די בריוון זענען יעדע איינס עקסטער איבערגעטייפט און מוגה געווארן, געפינטלט געווארן, און באקומען א קעפל - דורך די איבערגעגעבענע אינגעלייט וואס ארבעטן ארום דעם זייגער יעדע וואך שלא על מנת לקבל פרס, און איז געדרוקט געווארן יעדן איינציגסטן וואך פונעם יאר ביז אהער אין א הערליכע קונטרס, סיי אין אידיש און אזוי אויך אין לשון הקודש. אין דעם איז אויך אריינגערעכנט די קינדער עצתו אמונה, א מעשה מיט א בילד.

באזונדער זענען ארויסגעקומען צוויי ספעציעלע קונטרסים - ליקוט מכתבים. **לכבוד חנוכה**, א הערליכע ליקוט פון בריוון אויף די ענין פון תודה והודאה, וואס האט געהאט א גרויסן אפקלאנג אין די וועלט. און **קונטרס לימי השובבי"ם**, א הערליכע ליקוט פון בריוון, אויסגעשטעלט לויט א ליסטע פון צען תיקונים פאר די ימי השובבי"ם, והמסתעף, וואס די לקוטי מכתבים ווערן ספעציעל באנוצט גאר אסאך דורך די מפיצים וואס פארשפרייטן עס איבער די גאנצע וועלט.

יעצט לכבוד פסח האבן מיר בעז"ה ארויסגעגעבן דעם הערליכן פרישן ספר **"אויסגעלייזט"**, דאס איז ב"ה די פערטע ספר אין די סעריע פון ספרים פון דער ראש ישיבה שליט"א אויף מועדים, נאכדעם וואס מיר האבן שוין בעז"ה ארויסגעגעבן דעם ספר "הייליגע טעג" אויף ראש השנה, "פרייליכע טעג" אויף סוכות און "איש יהודי" אויף די ימי הפורים.

ווי אויך האבן מיר בס"ד ארויסגעגעבן **תורה ה', תורה ו' און תורה ז'** פון ליקוטי מוהר"ן מיטן **פירוש שפתי תפתח אויף אידיש** פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אויך האבן מיר בעז"ה נארוואס אריינגעשיקט אין דרוק צום ערשטן מאל **ספר איש אמונות שנת תש"פ, חלק א'**, געדרוקט אין א הערליכן פרישן אויסשטעל אז עס זאל זיין געשמאק צו לערנען.

פראיעקטן אויף וואס די מכון ארבעט יעצט, בעז"ה:

- **עצתו אמונה חלק א';** ב"ה גרייט צום דרוק.
- **עצתו אמונה חלק יא';** טיף אין די הגהה פאזע.
- **איש אמונות תש"פ - חלק ב';** גרונטליכע הגהה און צוגרייטן צום דרוק.
- **ספר ליקוטי מוהר"ן מיטן פירוש שפתי תפתח חלק א';** מיר זענען בס"ד נארוואס אריינגעשפרינגען אינעם פארצווייגטן פראיעקט ארויסצוגעבן די תורות וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן ביז אהער מיטן פירוש שפתי תפתח, אין א הערליכן אויגפארכאפנדע ספר, מיטן אייבערשטנ'ס הילף.
- **קארד געים;** די מכון האט אנגעהויבן ארבעטן אויף אן אויסוואל פון גאר שיינע געימ'ס וואס זאל ציען די קינדער צו עצתו אמונה, מיט'ן הילף פון אנשי שלומינו וואס וועלן זיך אנרופן ווארעם צו דעם פראיעקט קען מען שוין האבן די ערשטע געים גרייט בקרוב ממש.
- **מעשה'לעך פאר קינדערלעך 4;** מיר ארבעטן יעצט ארויסצוגעבן נאך א חלק פון די הערליכע מעשיות וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פאר קינדער, אינאיינעם מיט די אויגפארכאפנדע הערליכע געמאלענע בילדער.
- **מעשה'לעך פאר קינדערלעך 2 לשון הקודש;** איז יעצט אריין אין דרוק 5000 שטיק.
- מיר ארבעטן ארום דעם זייגער צו קענען פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן אויף די וועלט דורך די עצות און לימודים וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אונז. דאס אלעס איז נאר שייך מיט אייער הילף, אן די שטיצע פון אנשי שלומינו וואלטן מיר גארנישט געקענט ארויסגעבן, מיר האבן אסאך פלענער מיטן אייבערשטנ'ס הילף, וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט גרייט פאר די מכון בעתו ובזמנו, צו גיין אלץ מער און מער מיט הפצה, אלעס ווענדט זיך אין די הילף וואס אנשי שלומינו העלפן אונז ארויס מיט געלט און שטיצע.

ביי דעם געלעגנהייט ווילן מיר זיך באדאנקען פאר די קרוב צו דרייסיג חשוב'ע אנשי שלומינו אין אמעריקע און אין ארץ הקודש וואס געבן זיך אוועק מיטן גאנצן הארץ, שלא על מנת לקבל פרס - ארויסצוהעלפן דעם מכון אין די פיל פארשידנארטיגע הינזיכטן, ואי אפשר לפורטם כי רבים הם.

צווישן אנדערע ווילן מיר באדאנקען די חשוב'ע שטאב פון מגיהים וואס זענען מגיה די ספרי עצתו אמונה און איש אמונות, כל אחד בשמו הטוב יבורך, א. א. וו.

מיר ווילן באדאנקען די חשוב'ע כולל אינגעלייט וועלכע זענען מגיה דעם אידישן פירוש שפתי תפתח, הרב אלי' פערל שליט"א, הרב אלחנן רוטה שליט"א, הרב לוי יצחק הורוויץ שליט"א, הרב אשר הכהן ראנד שליט"א, הרב יצחק פעלדמאן שליט"א, הרב שרגא הכהן שטראססער שליט"א, הרב יחזקאל שארף שליט"א.

ווי מער אנשי שלומינו העלפן ארויס מיטן שטיצן מכון עצתו אמונה אלץ מער קענען מיר בעז"ה פארברייטערן אונזערע הפצה אקטיוויטעטן און פארשפרייטן די ספרים פון הייליגן רבי'ן וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז, ביתר שאת וביתר עוז.

העלפט אונז ארויס מיט אייער ברייטע שטיצע, וועלן מיר ווייטער קענען ארויסגעבן ספרים פון הייליגן רבי'ן ביתר שאת וביתר עוז, בעז"ה.

מיר ווינטשן פאר אלע אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר א כשר'ן פרייליכן פסח

יואל שניצלער ישעי' איידליס שמואל אייכנשטיין

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

פאלגנד איז די אויסוואל פון

זכותים

וואס איר קענט זיך אויסוועלן

שם מהדורה
פון א ספר
$5,000

זכות
אין א ספר
$500

זכות מהדורה
פון די וועכנטליכע קונטרס עצתו אמונה:
$750

זכות הפצה
אין די וועכנטליכע קונטרס:
$100

זכות פון א תורה
אין ליקוטי מוהר"ן מיטן פירוש שפתי תפתח:
$1200

זכות מהדורה
פון א ספעציעלע קונטרס:
$1000

ביטע זיך ווענדן צום פאנדרעיזער
ר' שמואל אייכנשטיין הי"ו
917.589.3382
מיט אייער ברייטהארציגע נדבה

אזוי אויך קענען תושבי ארץ הקודש זיך ווענדן צו אונזער ממונה
הרה"ג ר' משה גראס שליט"א
053-316-3399

נישט גרינג איז אנצוהייבן שרייבן אן ארטיקל וואס רעדט זיך פון די שווערסטע צייטן וואס אידן זענען אדורך, אבער יעצט אין א זמן וואס מיר פראווען דעם זמן חירותינו האבן מיר אין די קרית ברסלב בלעטל אפיס געקלערט אז עס איז די פאסיגסטע צייט צו ארויפברענגען און באשרייבן די יציאת מצרים וואס מיר זענען אדורך ממש יעצט, און עס גייט נאך אן היינטיגע צייטן ווען עס זענען נאך פאראן געציילטע אידן וואס קענען פארציילן דעם גיהנום וואס זיי זענען אדורך. ווי אויך דאס אז מיר זענען פרומע ערליכע אידן וואס טוען דעם אייבערשטנ'ס געבעט, איז א נס נגלה ווען מען קוקט צוריק וואס כלל ישראל איז אריבער ממש לעצטנס, ווען עס האט אויסגעקוקט אז עס וועט מער נישט זיין קיין אידן אויף דער וועלט ר"ל.

מיר הייבן אן מיט א קורצע תפילה צום אייבערשטן אז אונזערע ווערטער זאלן געבן דעם ריכטיגן געפיל פון חירות וואס דער אייבערשטער וויל אז מען זאל אין יעדן דור שפירן "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו. כאילו הוא יצא ממצרים."

בעפאר מיר וועלן באשרייבן דעם מוזעאום באזוך לאמיר צוריקגיין אביסל פארדעם. מען קען זיך אסאך דינגען פון וועלכע צייט מען זאל אנהייבן שרייבן און ס'איז נישט דא ווער ס'קען אנווייזן אויף א געוויסע טאג אז דעמאלטס האט אנגעהויבן וואקסן די קערנדלעך צום חורבן, אבער פאר די טובה פון די ליינערס וועלן מיר אי"ה פרובירן דאס בעסטע עס יא צו אריינלייגן אין א צייט אפשניט.

אין די פריע 1800 יארן האבן געוויסע אנטיסעמיטן אין דייטשלאנד אנגעהויבן לאזן לופטערן אפן אנטיסעמיטישע געדאנקען, זיי האבן ארויסגעגעבן ביכער מיט זייערע גאנצע שיטות.

מיר וועלן דא אראפברענגען אין קורצן וואס זיי האבן געהאלטן, נישט וויל מיר האלטן אזוי ח"ו, פארקערט, ס'קומט צו ברעכן ווען מען הערט וואס זייערע געדאנקען זענען געווען, נאר בלויז ווייל אזוי קען מען פרובירן צו פארשטיין וואס האט געטריבן פאר א פאלק פון פארגעשריטענע און באזעסענע גוים זאלן דורכפירן אזא מאסן-מארד. זייערע שרייב ווערק זענען געווען אוועקגעשטעלט אויף א יסוד אז די דייטשע ראסע און אז די דייטשע פאלק זענען דאס בעסטע פאלק וואס קען נאר זיין, און אלע אנדערע דארפן זיך אונטערבייגן אונטער די דייטשן, מיר האבן נישט וואס אריינצוגיין טיפער אין זייערע סברות ווייל עס איז ממש גרויליג בלויז צו הערן דערפון.

אום יאר 1871 איז נאך א לאנגע מלחמה געגרינדעט געווארן א נייע דייטשע קעניגליכע דינאסטיע, וואס האט נישט אפן מיטגעשטימט מיט די אידעאלאגיע אבער איז אויך נישט געווען דערקעגן, זיי האבן געלאזט איינע פון די פארטייען אין דייטשלאנד וואס האט זיך גערופן די "פאלקסיסטישע" פארטיי רעדן דערפון, עס איז אבער קיינמאל נישט געווארן עפעס ערנסט פון דעם אין יענע יארן. אין יאר 1912 למספרם זענען געווען וואלן פאר די דייטשע פארלאמענט און די פאלקסיסטישע פארטיי איז כמעט ווי נישט אונטערגעגאנגען, די ערשטע וועלט קריג האט נאכגעפאלגט און די אלע

דער האלאקוסט מוזעאום אין וואשינגטאן (מערקט דעם צובראכענעם האקנקרייץ ביים הויפט ארייננגאנג)

בילד ווי א נאצי שטייט פארנט פון א אידישע געשעפט צו פארטרייבן קונדן פון קומען קויפן ביים איד (זעהט דעם נאצישן מונדיר אין די זייט)

סארטן טעמעס ווי ווער ס'איז מער א דייטש און ווער ס'איז אן עכטער דייטש זענען אראפ פון טיש פאר א קורצע ווייל, אבער נאכן וועלט קריג ווען די דייטשן האבן געענדיגט מיט א שווערע נידערלאגע, זענען זיי ווי אלעמאל ווען עפעס גייט שלעכט און מען וויל נישט טראכטן פון וואס עס איז געווען, נאר מען זוכט זיך אנצוכאפן אויף עפעס וואס זאל טראגן ווייטער פאראויס געווען גרייט זיך אנצוכאפן אין סיי וואס זאל זיי אויפהייבן.

מיר זענען אנגעקומען צו א גרויסע ווייסן בנין הארט נעבן אלע באקאנטע הויכגעשעצטע בנינים אין וואשינגטאן, און נאך א היפש ביסל תפילה האבן זיי אונז אריינגעלאזט נאך די צייט וואס איז געשטאנען אויף אונזער טיקעט.

מיר האבן זיך געטראפן שטיין אין א גרויסער צימער הויכע עטליכע שטאק ווען ביי די זייט איז דא א שמאלע קארידאר וואס פירט צו אן עלעוועיטאר וואס האט אונז ארויף געטראגן פיר שטאק.

דער מוזעאום איז געבויט אויף א וועג אז מען הייבט אן פון אויבן אויף אראפ, דאס הייסט מען

דעם עלעוועיטער אינעם מוזעאום וואס איז נאכגעמאכט די בהמה וואגאנען

שפאצירט אדורך איין שטאק, דערנאך גייט מען אראפ א שטאק און מען שפאצירט אריבער נאך א שטאק, פון דארט אראפ נאך א שטאק און אזוי ווייטער.

די שטימונג דארט ביים ווארטן פארן עלעוועיטער איז געווען קאלט און ערנסט, די ווענט ביים ווארטן פארן עלעוועיטער זענען געווען פול מיט געדענקמאלן מיט היימישע נעמען ווי ראזענבערג גאלדשטיין וכו'.

די עלעוועיטער איז געווען דעזיינט צו האבן דעם אויסשטעל פון די לאסט וואגאנען מיט וואס די רשעים ארורים האבן געטראגן אונזערע זיידעס צו ווערן אויסגעקוילעט על קידוש השם.

דאס איז געווען דער ברוכים הבאים...

שטייענדיג אינעם עלעוועיטער האט זיך שוין אנגעהויבן דער באזוך און נאך אינעם עלעוועיטער האבן זיי אויפגעשפילט די ערשטע דרשות וואס דער צורר היהודים ימ"ש האט געגעבן פאר די דייטשע באפעלקערונג.

א סקרון איז אדורך די ביינער ווען היינט ווייסן מיט שוין דעם גאר ביטערן פרייז וואס כלל ישראל האט מקריב געווען אלס א דירעקטע השפעה פון די האסן דרשות וואס דער צורר היהודים ימ"ש האט אויפגעהעצט די דייטשן פאלק קעגן די אידישע קינדער.

נאך די ערשטע וועלט קריג, אין יאר 1920 איז די נאצישע פארטיי געגרינדעט געווארן אונטער די פירערשאפט פון דער רשע ימ"ש, איינע פון די זאכן וואס די נאצישע פארטיי האט אריינגעברענגט איז געווען די אלטע פאלקסיסישע פארטיי אידעאלאגיע זאל ווערן א הויפט טעמע אויף וואס די פארטיי זאל זיין געבויט, אריינגערעכנט אלע אנטיסעמיטיזם וואס איז געווען דעריגען, דאס אלעס איז יעצט געווארן א חלק און אן עיקר פון די פארטיי.

די נאציס ימ"ש האבן אוועקגעשטעלט ווער עס זאל ווערן אנגערופן א איד. איינער וואס אפילו נאר איינער פון זיינע זיידעס אדער באבעס אפילו ביז פיר דורות ארויף האבן זיך אידענטיפיצירט אלס אידן האט באקומען דעם נאמען "איד".

אין אנהייב האבן מיר געזען ווי אזוי אייראפע האט אויסגעקוקט פארן קריג, ווי אזוי צענדליגע טויזנטער אידן האבן געוואוינט במנוחה ובשלווה אין הונדערטער גרעסערע און קלענער שטעט און דערפלעך. צענדליגע בילדער פון אידן וואס גייען און קומען, דאווענען און פיטערן די קינדער, אידן פון הונדערט יאר צוריק וואס שטייען און קוקן אריין דירעקט אינעם לענס פונעם דעמאלטסדיגער קעמערע האבן מיר אויפגעשאקלט.

מ'האט געזען גאנצע שטעט אין דערפער, שולן און ישיבות "די אמאליגע וועלט", מ'האט געזען בילדער פון משפחות שבתים און ימים טובים, ס'איז גראד געקומען אויפן געדאנק דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט כסדר אז די אמאליגע היים איז אסאך שענער געווען, מ'איז נישט געווען אזוי פאריאגט און פארפלאגט ווי היינט, דארט האט גארנישט געפעלט, ס'איז געווען אזא שיינע זיסע לעבן.

די געשעפטן, די שטעטלעך, די געסלעך, די רבנים און תלמידי חכמים אלעס איז געווען אוועקגעשטעלט אזוי שיין און ליידער חוץ פון די עטליכע פיקטשערס וואס הענגען אויפן וואנט איז כמעט קיין זכר נישט פון דעם געבליבן.

גאר רירענד איז געווען ווען מיר זענען אנגעקומען צו א חלק אינעם מוזעאום ווי זיי האבן אוועקגעשטעלט הונדערטער בילדער פון איין קליינעם דערפל וואס דארט האט געוואוינט א אידישער פאטאגראפירער וואס האט דאקומענטירט דאס זיס באשיידן לעבן וואס איז געווען אין דעם דערפל. ליידער איז חוץ פון די בילדער גארנישט איבערגעבליבן פון דעם שטעטל, די זיסע בילד פון דער טאטע וואס לערנט מיט די קינדער, דער רב וואס זיצט איבערגעבויגן איבערן גרויסן גמרא, די קליין מיידעלע וואס הענגט די וועש, דער בחור וואס האלט די ד' מינים מיט א שמייכל פון באק צו באק, אלעס איז ליידער ארויף אין פלאמען.

בילד געכאפט פון אונטן ארויף פון אלע בילדער פון דעם אידישן שטעטל

דאס שיינע אידישע לעבן בעפאר דעם 'חורבן אייראפע'

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

אין יאר 1923 למספרם איז שוין די פלענער וואס צו טון מיט די אידן געווען כמעט גרייט, די נאציס ימ"ש האבן אוועקגעשטעלט די פלאטפארמע אויף דעם אז מיט די אידן וועט מען נישט מעגן האנדלען און מען וועט זיי ארויסשיקן פון לאנד, די געדאנקען פון טויט לאגערן וואס זאל זיין מיט'ן איינעם ציל צו רח"ל הרג'נען אידן אין די מאסן איז נאכנישט געקומען אין באטראכט דעמאלטס פאר קיינעם.

אין יענע יאר האט די נאצי פארטיי פרובירט דורכצופירן א פוטש און פארכאפן די מאכט אין דייטשלאנד, אבער עס איז מיאוס דורכגעפאלן און דער רשע ימ"ש האט מען אריינגעזעצט אין תפיסה. דארט אין תפיסה איז געשריבן געווארן דער ביכל "מיין קאמף" וואס איז ליידער צושפרייט געווארן אין האט מצליח געווען אריינצוברענגען די נאצישע אידעאלאגיע פאר גאר אסאך אלגעמיינע דייטשן וואס האבן נישט מיטגעהאלטן קיין פאליטיק.

מיט עטליכע יאר שפעטער איז די נאצי פארטיי ליידער געווארן גרעסער און גרעסער, און אין יאר 1930 למספרם זענען עטליכע פון אירע מיטגלידער אריינגעוועלט געווארן אינעם רייכסטאג.

מיט עטליכע יאר שפעטער, אנהייב יאר 1933 למספרם איז דער רשע ימ"ש געווארן דער הויפט פון די פארלאמענט און נאך אסאך דריידלעך און אומלעגאלע שטיק געווארן דער דע-פאקטא פירער פון גאנץ דייטשלאנד, אביסל שפעטער האט ער אונטערגעברענגט די אויבנדערמאנטע דייטשע קעניגרייך סיסטעם וואס האט זיך אנגעהויבן אין 1871 למספרם, און איינגעשטעלט א נייע סיסטעם ווי אזוי צו פירן דייטשלאנד, מיט זיך אלס דער אויסשליסליכער בעל הבית.

דעם דייטשן רייכסטאג היינט צוטאגס

אין יענע צייטן האבן די נאציס ימ"ש אנגעהויבן רודפ'ן די אידן אין דייטשלאנד מיט זייערע פריערדערמאנטע פלענער, גרויסע פלאקאטן זענען ארויסגעהאנגען געווארן אין די גאסן "קויפט נישט ביי די נידריגע אידן, קויפט נאר ביי די ריינע דייטשן".

גראד נאכדעם איז געקומען די אפטיילונג פון ווען דער רשע איז געקומען צו די מאכט אין דייטשלאנד און די נאציס האבן זיך געהויבן די קעפ, מיר האבן געזען בילדער ווי די נאצי'ס ימ"ש שטייען אינדרויסן פון אידישע געשעפטן און פארטרייבן סיי ווער עס האט נאר געוואלט אריינקומען קויפן ביי א איד.

די אידן זענען געווארן ארויסגעווארפן פון אלע אפיציעלע פאזיציעס, אפילו די וואס האבן געשריגן חי וקיים אז זיי ווילן זיין גוים און אז זייער זיידעס האבן זיך געטויפט און אזוי ווייטער האט זיי גארנישט געהאלפן.

דעמאלטס האט די נאצי פארטיי ווי כאילו געגרינדעט זייער אייגענע פאליציי וואס זאל האלטן ארדענונג אין די שטעט באזונדער פון די דייטשע פאליציי, די נאצישע פאליציי זענען ארומגעגאנגען אין די שטעט זיכער מאכן אז די אידן ווערן ריכטיג פארשעמט און דערנידערט, צווישן אנדערע האבן זיי אין געוויסע שטעט געמאכט גרויסע פייערן ווי זיי האבן פארברענט אלע אידישע ביכער וואס זיי האבן געקענט טרעפן, אריינגערעכנט טויזנטער ספרי קודש, ווי אויך האבן זיי זיך געשטעלט אין פארנט פון געשעפטן מיט אידישע אייגענטומער און געשיקט אלע גוים ווייטער צו 'עכטע דייטשע' געשעפטן.

דארט אינעם מוזעאום האבן מיר געזען די בילדער און געליינט ווי אזוי די ציוניסטישע אידן האבן דעמאלט פרובירט צו זיצן מיט מיט נאצישע פארטיי באאמטע און זיך צושטעלן צו זיי... זיי זענען געווען גרייט צו אסימילירן אלע אידן ה"י, זיי האבן אויפגעשטעלט אייגענע שולעס און שטודירט חכמות הגוים אזוי אויך האבן זיי געמאכט אידישע ספארט טיעמס מיט א ציל אויסצומישן די אידן מיט די גוים ה"י, אבער די אנטיסעמיטן האט דאס גאנץ ווייניג אינטערעסירט, זיי האבן נאר געוואלט להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן.

ס'איז גאר אנדערש צו ליינען היסטאריע ביכער וועגן די ביטערע פיין וואס זענען אדורך אויף אונזערע זיידעס און עס זען בחוש פארנט פון די אויגן.

ס'איז נישט געווען צווישן אונז א טריקן אויג ווען מיר זעען מיט אונזערע אויגן הויפענעס פון ספרי קודש ווערן בארבאריש פארברענט אין

"אידן נישט ערלויבט" נאצישע טאוולען קעגן אידישע קינדער

ריזיגע פייערן וואס זענען פארגעקומען אין די צענטער פון די גרעסטע שטעט אין אייראפע.

דאס הארץ האט פערפעלט א קלאפ ווען מיר גייען אדורך א חלק אינעם מוזעאום און א האלב פארברענטע ספר תורה ליגט דארט פארשעמט אונטערן גלאז, די מח האט דאס גאר שווער געקענט פארנעמען.

די קומענדיגע אפטיילונג אינעם מוזעאום איז געווידמעט פאר די נורעמבערג געזעצן, ווי די אלע געדאנקען וואס די דייטשן האבן געהאלטן אז די דייטשן זענען די ריינסטע ראסע עפ"ל זענען געווארן די אפיציעלע געזעצן, דארט האבן די דייטשן מחליט געווען אז נאר א 'ריינע דייטש' קען האבן בירגערשאפט אין דייטשלאנד. לויט די נייע געזעצן זענען די אידן געווארן גערעכנט אלס די נידריגסטע ראסע וואס זענען א געפאר פאר דייטשלאנד, און אויטאמאטיש פארלוירן זייערע בירגערשאפט רעכטן אין דייטשלאנד, די נאציס ימ"ש האבן אפגעהאלטן ריזיגע פארטייען און ראליס דורכאויס די גאנצע נורעמבערג זיצונגען צו צייגן אז דאס פאלק איז מיט זיי און שטיצט די נייע געזעצן, (וואס איז ליידער געווען אמת).

א יאר שפעטער זענען די אנטיסעמיטישע געזעצן געווארן ערגער ווען די נאציס האבן געצווינגען די אידן צו איבערגעבן זייערע באדנס און ביזנעסער פאר דייטשע בירגער, מיט א יאר שפעטער ווען דייטשלאנד האט איבערגענומען עסטרייך אין א באזונדערע

מעשה וואס פאדערט אן ארטיקל פאר זיך, האט זיך אויף דארט פארשפרייט די אנטיסעמיטישע געזעצן אויף די אידן. יעדער איד פון עסטרייך האט געמוזט צולייגן דעם נאמען 'ישראל' צו זיין נאמען, אויך די פרויען האבן געמוזט צולייגן דעם נאמען 'שרה'. אין יענע זעלבע חודש האט זיך געעפנט די אידישע אימיגראציע צענטער אין ווין, דער הויפטשטאט פון עסטרייך, וואס האט זיך באנוצט מיט ברוטאלע מיטלען צו 'העלפן' אוועקשיקן די אידן פון עסטרייך צו אנדערע לענדער, פון א זייטיגע שטאנדפונקט שטעלט זיך ארויס אז די וואס זענען דעמאלטס פארשיקט געווארן פון אייראפע האבן נאך דאס בעסטע אפגעשניטן פון סיי ווער אנדערש. א געשאצטע האלב מיליאן אידן זענען אנטלאפן פון דייטשלאנד און עסטרייך באצייטנס.

מיר גייען ווייטער און מיר זעען ווי אזוי ס'פארזאמלט ביי די דייטשע גרעניץ מיט די אנדערע אייראפעאישע לענדער טויזנטער אידן וואס זוכן אזיל רעכטן פון אנדערע לענדער וואס זאלן זיי האפענטליך אריין נעמען אבער ליידער זענען זיי אלע צוריק געוויזן געווארן.

אין יענע פאר יאר האבן געוויסע ציוניסטישע ארגאניזאציעס, וואס זענען געווען היפש קליין אין די דייטשלאנד - עסטרייך אומגעגנט זיך היפש צוואוקסן מיט זייערע הוילע פארשפרעכונגען צו באשיצן די אידן, זיי האבן דעמאלטס אין א נארישע פרואוו פרובירט צו ווייזן פאר די דייטשן אז זיי דערשרעקן זיך נישט פון דעם אז מען ווארפט ארויס די אידן פון יעדע פובליק פלאץ און האבן פרובירט צו גרינדן



א שול אין פלאמען דורכאויס 'קריסטאלנאכט'

זייערע אייגענע ארגאניזאציעס, ווען מען האט ארויסגעווארפן די אידן פון די אלגעמיינע שולעס האבן זיי זיך צוזאמגענומען און פרובירט צו ווייזן א ווידערשטאנד, אבער אנשטאט עפענען שולעס פאר אידן ווי מען זאל לערנען און דאווענען האבן זיי געעפנט ספארטס טיעמס און פלעצער צו מאכן לויפן פארמעסטן.

סוף יאר 1938 האבן די דייטשן אנגעהויבן איינזאמלען אלע אידן מיט פוילישע בירגערשאפט פון דייטשלאנד און זיי געטראגן צו די פוילישע גרעניץ, ווען די פוילישע אויטאריטעטן האבן זיך אנטזאגט פון זיי אריינצונעמען, זענען זיי געווארן אריינגעשטעלט אין א גרויסע לאגער הארט נעבן דעם גרעניץ, די ערשטע פון די סארט לאגערן געבויעט צו קענען האלטן די אידן פארשפארט.

מיר גייען ווייטער אינעם מוזעאום וואו מיר לעבן דורך די קריסטאל נאכט שרעק ווען מיר זענען לעבעדיג פאר די אויגן די צושמעטערטע שויבן, די פארברענטע ארון הקודש, די בילדער וואו מ'הרג'עט אידישע קינדער ביי דעם טרויעריג באקאנטן פאגראם אינמיטן העלן טאג.

הונדערטער אידישע ביזנעסער און הייזער זענען געווארן איבערגעפאלן און וואנדאליזירט, ווי אויך זענען ליידער צוויי הונדערט און פופציג שולן פארברענט געווארן, און נאך 30,000 אידן זענען געשיקט געווארן צו די לאגערן.

מיר זעען פאר די אויגן ריזיגע בילדער פון גרויסע שולן אין דייטשלאנד ווי אזוי זיי האבן אויסגעזען בעפאר און נאך קריסטאל נאכט, פון גרויסע הערליכע שיינע שולן איז געבליבן בערג פון אש און א הויפן שטיינער...

דארט ביי די קריסטאל נאכט אפטיילונג איז צוגעקומען א גוי מיט א גרויסע ווייסע בארד און זיך אנטשולדיגט פאר אונז מיט טרערן אין די אויגן אז די אידן זענען אריבערגעגאנגען אזעלכע שווערע צייטן, כ'ווייס נישט פונקטליך ווער ער איז און אין וועמענ'ס נאמען ער האט זיך געוואלט אנטשולדיגן, ער האט אונז געזאגט אז עס דערציטערט אים ווען ער זעט אז היינטיגע צייטן רעדן אנטיסעמיטן אפענערהייט וועגן פיינט האבן און הרג'נען די אידן, מיר האבן צוגעשאקלט די קאפ נישט וואוסנדיג פונקטליך וואס דער גוי וויל, אבער וואס טוען מיר ווען עס קומט אריין די מחשבות אז מארגן גייט מען אונז הרג'נען? גארנישט, חוץ בעטן דעם אייבערשטן קענען מיר גארנישט טון.

די ערשטע לאגער צו בכלל ווערן געבויעט איז געווען דער דאכוי לאגער וואס איז געווען אין דייטשלאנד, עס איז געבויעט געווארן מיטן ציל

בילד פונעם הערליכן 'עסען שול' בעפאר די טרויעריג בארימטע 'קריסטאל נאכט' פאגראם

בילד פונעם הערליכן 'עסען שול' אינגאנצן פארניכטעט נאך די טרויעריג בארימטע 'קריסטאל נאכט' פאגראם

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

די מויער ארום די ווארשעווער געטא

צו האלטן דארט דיסידענטן און פיינט פון די נאצישע פארטיי, נישט דוקא אידן.

מיט א יאר שפעטער האבן די נאציס איינגענומען פוילן בליץ שנעל, די אידן אין פוילן זענען געווען היפש אומוויסנד, נאכדעם וואס ביים ערשטן וועלט קריג ווען דייטשלאנד האט איינגענומען די געגנטער ארום די גרויסע שטעט אין פוילן האבן זיי זיך נישט עפעס ספעציעל באצויגן צו די אידן, די דייטשן האבן צעטיילט די פריש איינגענומענע לאנד פוילן אין דריי, איין טייל איז געגאנגען פאר דייטשלאנד, איין טייל פאר רוסלאנד וואס האט געהאלפן דייטשלאנד איינצונעמען פוילן, און די איבעריגע האבן זיי אויפגעשטעלט א כמו פוילישע רעגירונג וואס זאל אויסקוקן לפנים. קרוב צו צוויי מיליאן אידן האבן זיך געטראפן דירעקט אונטער די נאצישע נעגל.

די נאציס האבן דאן געגרינדעט די טרויעריג בארימטע איינזאצן גרופע וואס האט באקומען די אויפגאבע פון פארטיליגן די אידן. אינצווישן האבן די נאציס איינגענומען די ארומיגע קלענערע לענדער און אביסל שפעטער די גרויסע לאנד פון פראנקרייך וואס האט אויך געהאט א גרויסע צאל אידן.

געציילטע וואכן נאכן איינעמען פוילן האבן די נאציס ארויסגעלייגט זייערע פלענער פאר די "ענגילטיגע לעזונג צו די אידן פראגע" און באפוילן אז אלע אידן דארפן זיך צוזאמנעמען אין געטאס, וואס דאס האט געמיינט אז פון יעדע שטאט האט מען גענומען עטליכע גאסן אין בלויז דארט האבן די אידן געמעגט זיין, ווי אויך אז מען זאל פארמאכן אלע מוסדות און אז אלע אידן דארפן גיין מיט א געלן שטערן.

די בילדער פון אידן מיט געלע שטערן איז

א אידיש קינד מיט די געלע שטערן

ליידער בכלל נישט קיין חידוש, דאס איז פון די מערסט באקאנטע אייקאנישע בילדער וואס קומט ארויף אין מח ווען מ'טראכט פון די וועלט קריג, אבער צו זען פאר די אויגן די שיינע אידישע שטעט ווי אידן האבן געלעבט במנוחה ובשלווה און פלוצלינג פון איין מינוט אויפן צווייטן דארף ער זיך שוין דרייען אויפן גאס מיט א געלע שטערן אן צו וויסן וואס דער מארגן וועט ברענגען.

מ'זעט דארט אויסגעשטעלט פול מיט קליידונג פון אמאל מיט די ארויפגענייטע געלע שטערן, מ'זעט די בילדער ווי אזוי דער רשע נעמט צוזאם גאנצע שטעט און זיי לאזן זיך פירן כצאן לטבח אן צו וויסן בכלל ווי אהין זיי גייען.

פארשידענע פלענער זענען אויפגעברענגט געווארן וואס צו טון מיט די אידן וואס זענען דעמאלטס אין די געטאס, איינס פון די פלענער פון די נאציס ימ"ש איז געווען צו דעפארטירן אלע אידן צו אינזל און מיטן נאמען מאדאגאסקאר אן קיין עסן אדער אנדערע נויטבאדערפענדע זאכן און פשוט לאזן אלע אידן אויסגיין פון הונגער.

גראד נאכדעם וואס די דייטשן זענען אריין אין

די פארצייטישע שטיינערדיגע ערד פונעם געטא

רוסלאנד אין יאר 1941 האבן די נאציס אנגעהויבן אויספירן דעם פיזישן פלאן פון אויס'הרג'נען אלע אידן וואס זענען אריינגעפאלן אין זייערע הענט, אבער דאס איז געווען נאך פאר עס זענען געווען ספעציעלע לאגערן אויפגעשטעלט דערפאר. אין יעדע שטעטעלע וואס די נאציס האבן איינגענומען פון רוסלאנד (דארט ווי עס איז היינט אוקראינע) זענען זיי אינאיינעם מיט די לאקאלע אוקריינישע מיליציעס - וואס זענען געווען נישט קיין קלענערע רוצחים און אנטיסעמיטן ווי די נאציס - ארומגעגאנגען פון הויז צו הויז און פשוט אויסגעה'רג'ט יעדן איד וואס מען האט געטראפן הי"ד, ליידער טרעפט מען נאך ביז היינט מאסן קברים אינדרויסן פון יעדע שטאט אין די אוקריינע-ליטא אומגעגנט, ווי געזאגט פריער זענען די פוילישע אידן נאך דאן געווען אין געטאס.

מיר שפאצירן ווייטער אינעם מוזעאום און דער ערד גיבט זיך פלוצלינג א טויש, ס'ווערט שטיינערדיג... ביי די זייט איז דא א צוגעצייכנטע טאוול אז די ערד אויף וואס איר גייט דא דאס קומט פון איינע פון די געטאס אין אייראפע וואו מ'האט אריינגעצווינגען די אידן צו לעבן צוקוועטשט, קעפ אויף קעפ אן די מינימאלע לעבנס געברויכן.

אויפן וואנט הענגען קינדערישע מאלערייען וואס די קינדער אין געטא האבן געמאלן ווי אזוי דער לעבן אין געטא האט אויסגעקוקט.

מיר מוזן זיך דא אפשטעלן צו נאכאמאל

די אוישוויץ לאגער היינט צוטאגס

די דאכאו לאגער היינט צוטאגס

איבערחזר'ן וואס מיר הערן כסדר פון דער ראש ישיבה שליט"א ווען מען רעדט פון די צרות וואס די אידן האבן געליטן אין יענע שווארצע יארן, מיר ווייסן נישט פארוואס די זאכן זענען געשען און מיר קענען נישט זאגן קיין טעמים אויף דעם, אבער דאס ווייסן מיר יא, אלעס איז געשען ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט, עס קומט נישט פאר קיין טעותים אויף דער וועלט, ווי דער הייליגער בעל שם טוב האט מגלה געווען אז אפילו יעדע גראז ווען עס רוקט זיך איז עס אויך ווייל דער אייבערשטער אליינס האט געהייסן.

בערך נאך צוויי יאר וואס די אידן פון פוילן זענען געהאלטן געווארן אין געטאס, האבן די נאציס אנגעהויבן פארגאזן אידן רח"ל, אין אנהייב האבן זיי פארמאגט אזעלכע טרעקלעך וואס האבן געהאט פון הונטן א גרויסע שטוב וואס דארט האט מען אריינגעלייגט אידן און מען האט אריין געלאזט דארט די גאז, נאך בערך א האלבע שעה זענען די אידן אומגעקומען אויף קידוש השם. אין יאר 1942 איז פארגעקומען א קאנפערענץ צווישן די הויפטן פון די רוצחים אין א שטאט מיטן נאמען וואנזי, ווי מען האט באשטעטיגט אז די איינציגסטע לעזונג ווי אזוי צו איינגאנצן אויסרייסן די אידן (עפ"ל), וועט זיין צו הרג'נען יעדע איד וואס איז נאר פארהאן אונטער די נאצישע קאנטראל, און דארט איז געווארן באשטעטיגט אז די עס-עס וועט אנפירן דערמיט און אויפשטעלן לאגערן ווי מען וועט סיסטאמאטיש אומברענגען אלע אידן רח"ל.

נאך יום טוב פסח שנת תש"ד האט זיך אנגעהויבן א פרישע קאפיטל פון די שרעקליכע שואה ווען די נאציס האבן דעפארטירט צו די טויט לאגערן איבער א האלב מיליאן אידן פון אונגארן, וואס פון די וואס זענען פארשיקט געווארן זענען גאר ווייניג געבליבן לעבן. אין א געשאצטע זעקס זיבן וואכן האבן די נאציס ליידער אויסגע'הרג'ט אלע אידן פון אונגארן און ס'איז כמעט נישט איבערגעבליבן קיין איד אין גאנץ אונגארן, חוץ פון די וואס האבן מצליח געווען זיך צו באהאלטן, אדער געציילטע אידן פון בודאפעסט.

גייענדיג ווייטער קענען די אויגן נישט איגנארירן דעם ריזיגן באן וואגאן וואס נעמט אויף א האלבע צימער.

מיר גייען אריין אינעם האלצענעם וואגאן און מיר זעען פאר די אויגן דאס וואס מיר האבן געהערט אז די רשעים האבן אריינגעשטופט אונזערע יידעס אין וואגאנען וואס זענען געמאכט פאר בהמות.

ס'איז געווען דארט א דאך, א ערד און פיר ווענט מיט א קליינע לעכל פאר אביסל לופט, אזוי זענען די אידן געזיצן אריינגעקוועטשט פאר עטליכע טעג נאכאנאנד אן די מינימאלע מענטשליכע געברויכן.

דאס זענען די באנען וואס האבן געפירט די מיליאנען קדושים, אנשים נשים וטף, רבנן ותלמידיהון אויף זייער לעצטע רייזע צו די טרויעריג בארימטע טויט לאגערן.

צום ערשטן מאל אין היסטאריע זענען אויפגעשטעלט געווארן טויט לאגערן, ספעציעלע צענטערן צו הרג'נען מענטשן די שנעלסטע וואס נאר מעגליך, דאס זענען געווען אפגעטיילט פון די שטאטישע געטאס וואס זענען בעיקר געווארן אויפגעשטעלט צו האלטן די אידן אויף איין פלאץ אבער נישט מיט די מטרה פון הרג'נען מענטשן. די גרעסטע פון די סארט טויט לאגערן איז געווען אוישוויץ-בירקענאו, וואס אוישוויץ איז געווען אויך אן ארבעטס לאגער ווי מען האט געהאלטן מענטשן וואס האבן געארבעט, און ווילאנג זיי האבן געארבעט האט מען זיי געלאזט לעבן, דאס איז די סיבה פארוואס טאקע פון אוישוויץ זענען פארהאן אסאך איבערלעבער, ווידעראום די לאגער וואס איז געבויעט געווארן הארט דערנעבן, בירקענאו, וואס איז געווען א טויט לאגער איז כמעט נישט איבערגעבליבן ווער ס'זאל פארציילן וואס ס'האט זיך ליידער אפגעטון דארט.

מיר גייען אריין אין א קליינעם צימער וואס דארט איז דא א בעט פונעם לאגער, א האלצענע ברייטע געשטעל פון דריי שטאק, אנשטאט צו שלאפן אויף די לענג פונעם בעט האט מען אזוי צוזאמען געקוועטשט וויפיל מענטשן מ'האט געקענט, און געשלאפן אויפן ברייט פונעם בעט.

גייענדיג אביסל ווייטער איז געווען אויפגעשטעלט א פונקטליכע 3D געשטעל פון די דאכוי לאגער, מ'זעט דארט ווי אזוי די רשעים האבן פארפירט די אידישע קינדער אזש ביז געציילטע מינוט פארן אויסגיין אויף קידוש

די בעטן אינעם באראק

די לאסט וואגאנען אינעם מוזעאום

די לאסט וואגאנען אינדרויסן פון אוישוויץ

א בילד פון אינעווייניג אינעם וואגאן

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

די 3D מאדעל פון אוישוויץ

השם זענען זיי געווען גענצליך אומוויסנד וואס ווארט זיי אפ.

ווען די אידן זענען אנגעקומען אהין האבן די נאציס זיי געגעבן א קליינע שטיקל זייף און זיי אריינגעיאגט אין א גרויסע ווארט צימער. דארטן האט מען זיי געהייסן זיך אויסטון די קליידער ווייל מ'גייט זיך גיין אפוואשן, דאס איז אלעס געווען אונטערערדיש אין א בעיסמענט.

ווען די אידן זענען אריין אינעם "שויער צימער" האבן די רשעים פארזיגלט די טיר, און זיי האבן אריינגעלייגט דורך די דאך די גאז וואס זיי האבן גענוצט צו דערשטיקן די אידן צום טויט הי"ד, און ביז געציילטע מינוטן זענען אלע אידן דארט אומגעקומען על קידוש השם.

דערנאך האט מען גענומען די גופים פון די קדושים, אפגעשוירן די האר, מען האט ארויסגענומען אלע גאלדענע ציינער אדער צירונג, און פארברענט די הייליגע גופים אין ריזיגע אויוונעס.

מיר גייען פארביי א פלאץ אינעם מוזעאום ווי ס'ליגט אויסגעשטעלט טויזנטער שיך וואס האבן געטראגן אידישע קינדער אויף די שטעגעלעך און וועגעלעך, געטראגן קינדער אין חדר און טאטעס אין שול אריין... היינט ליגן זיי אין וואשינגטאן די סי אינעם אמעריקאנער עיר המלוכה אלס שטילע עדות וואס די בארבארישע רוצחים האבן געוואלט טון צו עם ישראל.

ווען די נאציס האבן אנגעהויבן פארלירן די שלאכטן איינס נאכן צווייטן און די רוסישע ארמיי האט זיך אנגעהויבן רוקן נענטער אריין אין פוילן, דאן האבן די נאציס איינגעזען אז די רוסישע ארמיי האלט ביים צוריקנעמען די שטחים אויף וועלכע די לאגערן זענען געבויט, האבן זיי איבערגעלאזט די לאגערן און פרובירט צו פארווישן אז מען זאל נישט קענען אנזען די ריכטיגע באנוץ פון אט די ריזיגע בנינים און באראקן, די ביסל לעבנס געבליבענע נאציס האבן זיך ארויסגעלאזט אינאיינעם מיט די לעבנס געבליבענע אידן אויף א לאנגע מארש פון די לאגערן טיפער אריין קיין דייטשלאנד, פון אוישוויץ אליין זענען א געשאצטע פופציג טויזנט לעבנס געבליבענע אידן געצווינגען געווארן זיך ארויסצולאזן אין וועג און גיין פאר עטליכע טעג אין א צי, גאר אסאך פון די שוואכע אידן האבן ליידער נישט דורך געמאכט דעם וועג און נפטר געווארן אויפן וועג.

אזוי האבן זיך אנגעהויבן די באפרייאונג פון די לאגערן איינס נאכן צווייטן, אבער מיט דעם האט זיך עס נאכנישט געענדיגט, ליידער זענען נאך צענדליגער טויזנטער אידן געשטארבן נאכן באפרייט ווערן פון די לאגערן.

דאס איז גאר אין קורצן בערך וואס האט זיך אפגעטון ביי אביסל פאר און בשעת דעם ביטערע חורבן, מיר ווייסן אז ס'איז נישט מעגליך צו שרייבן די פיין ליידן וואס די אידן וואס האבן עס דורכגעלעבט זענען אדורך.

אבער אפילו נאכדעם וואס די רשעים ארורים האבן געוואלט פארטיליגן אונזער פאלק זענען אונזערע זיידעס ווי העלדן אויפגעשטאנען נאכן קריג און מיט דעם אלעם וואס זיי זענען אריבער האבן זיי אנגעהויבן פון פריש אויפצושטעלן דורות,בתי חינוך, בתי מדרשים און אלעס אז מיר זאלן קענען זיין די כלל ישראל וואס מיר זענען היינט. יעדער פון זיי האט עקסטער געהאט האר אויפשטעלנדע אמונה'דיגע מעשיות צו פארציילן וויאזוי זיי האבן זיך געהאלטן פעלזן פעסט מיט אמונה אינעם אייבערשטן אין די ארגסטע מצבים. אזוי אויך נאך די מלחמה האבן זיי פונדאסניי אנגעפאנגען א פרישע קאפיטל אין זייער לעבן, און נישט מיד געווארן.

מיר דארפן זיך אפלערנען פון זיי אז אפילו זיי זענען אריבער אומבאשרייבליכע צער, האבן זיי זיך געהאלטן פעסט קעגן די ווינטן וואס האבן דעמאלטס געבלאזן אין די ברייטע גאסן אזוי ווי ציוניזים און סאציאליזים צווישן אנדערע, און נאר א דאנק זייערע מסירת נפש נישט נאכצולאזן קיין זוז כל שהוא פון די מסורה פון אינדערהיים ציעט זיך ווייטער אידישקייט, און מיר זענען היינט פרומע ערליכע אידן.

זאל די זכות פון די וואס האבן איבערגעלעבט דעם קריג און געלעבט על קידוש השם נאכן קריג אונז ביישטיין, און די וואס זענען שוין נישט מיט אונז זאלן זייערע גוטע מעשים אונז ביישטיין.

ת.נ.צ.ב.ה.

הויפענעס שיך פון די קדושים הי"ד

א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד. רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט, אָבֶער לֵיידֶער אַרְבֶּעט דָאס נִישְׁט בַּיי מִיר, אִיךְ זֶע נִישְׁט דֶער גְלִיק דֶערְפוּן. אֶפְשֶׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישְׁקֵייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, ד' אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיטְ'ן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער. מִיר זֶעעֶן זֵייעֶר גוּט וָואס גוֹיִם זֶענֶען; דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק אִיז אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיינֶע שֶׁעפֶּעלֶע צְווִישְׁן זִיבֶּעצִיג וֶועלְף אוּן מִיר וֵוייסְן דָאךְ וָואס דִי זִיבֶּעצִיג פֶעלְקֶער - פַארְצִיקְנְדֶע חַיוֹת - הָאבְּן גֶעטוּן דוּרְכְאוֹיס דִי אַלֶע יָארְן פַאר דָאס קְלֵיינֶע שֶׁעפֶּעלֶע - נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל. זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס אַז זֵיי ווִילְן נָאר 'שָׁלוֹם' אוּן זֵייעֶר וֶועג אִיז 'אַהֲבָה', אָבֶּער שׁוֹין צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר וָואס זֵיי הַרְגְ'נֶען אוּנְז אִידְן מִיט אַלֶע מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת ־ סְקִילָה, שְׂרֵיפָה, הֶרֶג אוּן חֶנֶק, אַלֶעס מִיטְ'ן פַאלְשְׁן פָּנִים מִיט וָואס זֵיי שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער אַז זֵייעֶר וֶועג אִיז צוּ גֵיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

וֶוער הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט אוּן גֶעלֵיינְט וָואס דִי עֲמָלֵקִים - דִי דַייטְשֶׁע רְשָׁעִים יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם - הָאבְּן גֶעטוּן מִיט מִילְיָאנֶען אִידְן; זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן ־ מֶענֶער, פְרוֹיעֶן אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן גֶע'הַרְגְ'ט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רְצִיחָה, אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט בִּשְׁעַת אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִירֶעקְט גֶעהָאלְפְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי זַייט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נִיטְאַמָאל דָא אַ סְכוּם ווִיפִיל מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי רוּסְן - דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע קַאמוּנִיסְטְן - הָאבְּן אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן.

מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן, אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיר זֶענֶען נִישְׁט מְסוּגָל צוּ טוּן אַזֶעלְכֶע רְצִיחוֹת; מִיר זֶענֶען אַן אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פָאלְק, אַ פָאלְק פוּן רַחֲמָנוּת אוּן אַ פָאלְק וָואס טוּט חֶסֶד. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת עט.): "שְׁלֹשָׁה סִימָנִים יֵשׁ בְּאוּמָה זוּ", דְרֵיי סִימָנִים זֶענֶען דָא בַּיי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, - "הָרַחְמָנִים, וְהַבַּיישָׁנִין וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים", אִידְן הָאבְּן רַחֲמָנוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים יג, יח): "וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעבְּן רַחֲמָנוּת; אִידְן שֶׁעמֶען זִיךְ, זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ דִי מִדָה פוּן בּוּשָׁה אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כ, יז): "וּבַעֲבוּר יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם", אוּן אִידְן הָאבְּן דִי מִדָה פוּן טוּן חֶסֶד, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יח, יט): "לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ" וְגוֹ'; מִיט דֶעם אַלֵיינְס דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין דִי אַרְבֶּעטְס לַאגֶערְ'ן אוּנְטֶער דִי רוֹצְחִים - דִי נַאצִיס יִמַח שְׁמָם וְזִכְרָם בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, הָאבְּן זֵיי אֵיין תְּקוּפָה גֶעאַרְבֶּעט עֲבוֹדַת הַפֶּרֶךְ אִין דִי וַוארְשָׁא גֶעטָאוֹ, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט בּוֹיעֶן אַ וַואנְט. דִי בְּרוּטַאלֶע נַאצִיס יִמַח שְׁמָם זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען מִיט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְטֶע בִּיקְסְן אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט פְלַייסִיג הָאבְּן זֵיי דֶערְשָׁאסְן צוּם טוֹיט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אֵיין טָאג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן אַזוֹי אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּ בּוֹיעֶן דֶעם וַואנְט וַוייל דִי רֶעגְן הָאט אָפְּגֶעווִישְׁט דִי לֵיים (צֶעמֶענְט), דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע אִידְן הָאבְּן גֶעלֵייגְט סֶעמֶענְט אוּן דִי רֶעגְן הָאט דָאס אָפְּגֶעוַואשְׁן; עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער קַאלְט אוּן דִי אִידְן זֶענֶען גֶעפַאלְן פוּן דִי כּוֹחוֹת בִּשְׁעַת דִי נַאצִיס שְׁטֵייעֶן אוּן לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער פוּן דִי אִידְן, נֶעבְּן דֶעם קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רֶבִּי זי"ע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ פְרַייעֶר אִיד וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם וַואנְט אִינֶעם גָאס רֶעגְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט מִיט גֶעשְׁפֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן: "רֶבִּי, מָארְגְן וֶועט אִיר נָאךְ אַלְץ מַאכְן דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי?" מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן: 'וָואס הָאבְּן מִיר אַז מִיר זֶענֶען אִידְן? וָואס אִיז דִי שְׂמֵחָה מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' אַז מֶען פַּיינִיגְט אוּנְז?' הָאט דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב גֶעזָאגְט: "מָארְגְן וֶועל אִיךְ מַאכְן דִי בְּרָכָה מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה ווִי פְרִיעֶר, זֶעעֶנְדִיג וָואס גוֹיִם זֶענֶען מְסוּגָל צוּ טוּן; נֶעמֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיג פָאלְק אוּן אוּנְז אַזוֹי רַצְחְ'נֶען אוּן פַּיינִיגְן מִיט דָאס גְרֶעסְטֶע פַּיינִיגוּנְגֶען וָואס אַ נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן, מִיט דֶעם אַלֵיינְס פְרֵיי אִיךְ מִיר, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ גוֹי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת; מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז נֶעמֶען צוּרִיק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

עצתו אמונה פרשת ויקרא תשע"ט

די פינגער פון מיינע פוס ציפן נאך פון די בליסטערס פון זיך ארומשלעפן די לאנגע אויסגעצויגענע גאסן פונעם עיר המלוכה דאמעריקע - וואשינגטאן די סי!

אבער מיין זעל איז אויפגעשאקלט. אנשטאט צו פאקוסירן אויף די פוס מיינע וואס טראגן מיך קוים נאכן ארומשלעפן מיינ מיד שלאפלאזע קערפער פאר עטליכע מייל. שפיר איך ווי איך וויל זיך נעמען שרייען "שכח אייבערשטער אז איך בין א חלק פון דיין עם הנבחר!"

נאכן כאפן בילדער ביים קעפיטאל געביידע און אנאליזירן פונקטליך וואו די ראיאטן זענען פארגעקומען אום יאנואר זעקס, און נאכן באטראכטן דעם סופרים קאורט געביידע, האבן מיר זיך געשלעפט צו די אמעריקאנע טרוים, דער ווייסן הויז! און עס באטראכט אפאר מינוט, אהא דא וואוינט דער פרעזידענט! חשוב... און דא איז די טרעשורי דעפארטמענט - לאמיר כאפן נאך א בילד און ווייטער געגאנגען... "סאָ דא ליגט די גרויסע אמעריקאנע געלטער?" "ניין דא ליגט באגראבן די חובות...."

"געבט א קוק דעם ריזיגן שפיציגן טורעם וואס רופט זיך וואשינגטאן מאנומענט... מורא'דיג...". נאך עטליכע בילדער געכאפט, און אין נאך עטליכע גאסן קומען מיר שוין אן צום שפיץ פון די נסיעה צום הויכפונקט פונעם גאנצן שלעפ, די האלאקוסט מוזעאום!

מיר האבן פארשטייט זיך באוויזן אנצוקומען פונקט צען מינוט נאך די אפיציעלע אפוינטמענט, אבער נאכן בעטן דעם אייבערשטן און געבן צדקה פאר קופת רבי מאיר בעל הנס מוסדות היכל הקודש ברסלב האבן די באאמטע אונז אריינגעלאזט אפילו מיר זענען געווען שפעט... שכח אייבערשטער!

איך פערזענליך האב נאך קיינמאל נישט באזוכט ביי א האלוקאסט מוזעאום, איך האב נישט געוואוסט וואס עס ווארט מיר אפ. איך האב נישט געוואוסט אויב וועט עס זיין טעכניש, מיר וועלן זען היסטאריע ווי אזוי די ווילדע רוצחים האבן בארבאריש געוואלט פארטיליגן דעם אייבערשטן'ס פאלק, אדער אויב וועט עס זיין גאר דראמאטיש און געפיליש. אפשר וועט עס זיין שרעקעדיג און טראומא'דיג, איך וועל ממש שפירן ווי אזוי די רוצחים ווילן מיך פערזענליך פארטיליגן!

למעשה האבן מיינע ספיקות מיך נישט אנטוישט ווייל אלע געפילן זענען זיך צוזאמען געקומען אויף איינמאל!

איר טראכט אוודאי יעצט אין די פרייליכע טעג וואו קומט אריין צו באשרייבן די ביטערע מלחמה די בארבארישע צרות וואס אונזערע זיידעס זענען אריבער דורך די שדים די נאצישע מערדער, ס'קען דאך ברענגען צו ווערן טרויערדיג?

שפאצירנדיג פארנט פונעם קעפיטאל געביידע

פארברענגענדיג אין וואשינגטאן די. סי.

ווי אזוי מאכט מען פון דעם א יו"ט'דיגע ארטיקל?

מיר וועלן פאקוסירן נישט אזוי ווייט אויף די דראמא און די שרעקעדיגע חלקים, מיר זוכן נישט אייך צו ברענגען סתם צו ווילדע קאשמארן, נאר אונזער ציל מיט די ארטיקלען איז אריינצוברענגען אמונה זיך אויף פרישן מיט די לימודים פונעם הייליגן רבי'ן, און זיך מחזק זיין לעובדא ולמעשה אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז.

אויפן וועג ארויס פונעם מוזעאום מיט צוריקגעהאלטענע טרערן און א געשטיקטע שטימע האב איך מחליט געווען אז יעצט ווען מיין בלוט קאכט נאך און ווען די געפילן זענען נאך הייס, טאקע יעצט וועל איך זיך גראד זעצן און דאקומענטירן וואס איך האב נארוואס דורכגעלעבט, און ווי אזוי מ'זעט זאכן מיט די הקדמות פון דער ראש ישיבה.

אריינקומענדיג צום עקזיביט אויפן פערטן שטאק פונעם מוזעאום, זענען די ווענט געווען פול מיט פארטרעטן פון די פארשאלטענע רשעים ימ"ש די דייטשן די עמלקים וואס האבן געהאט פאר זיך איין ציל אויסצורייסן די קינדער און עם הנבחר פונעם הייליגן באשעפער!

גאר גרויליג איז געווען זיך ארומצודרייען דארט און זען לעבעדיג ווי די רשעים העצן אויף דעם דייטשן פאלק קעגן די אידישע קינדער.

ס'איז מיר געקומען צו ברעכן נאר די מחשבות ביים טראכטן אז די מערדער וואס הענגען דא אזוי אויפן וואנט זענען די וואס האבן אויסגעקוילעט מיליאנען אידישע קינדער, גאנצע שטעט און קהילות.

אזוי שטיינדיג דארט האט מיר געקלינגען אין אויער וואס דער ראש ישיבה זאגט אלס ביי די שיעורים אז די אלע מאדערנע מאדעס פון זיך

בילד אינעם מוזעאום ווי די רשעים ימ"ש שערן די בארד פון א חסיד'ישע איד

שערן די בארד, זיך לאזן וואקסן א בוים אויפן קאפ, זיך שמירן די נעגל ווי שדים, גיין אנגעטון אויסגעלאסן און אומאיידל דאס קומט פון זיי פון די שדים וואס האבן געקאכט און געשטורעמט צו פארטיליגן און פארברענען אלע אידן.

ווען מ'שטייט פארנט פון די פארשאלטענע פארטרעטן קומען די שיעורים גראד ארויף אין קאפ, די רשעים ארורים מיט די ביימעלעך אויפן קאפ - שיין אויסגעקעמט די בארד, אדער גענצליך געגאלט, אנגעטון ווי שטאטסלייט, דאס זענען די מערדער וואס ווילן דיר פארטיליגן די פארשאלטענע עמלקים.

וואלט דיר אמאל בייגעפאלן זיך אנצוטון מיט א סימבאל פון די עס. עס.? וואלסט זיך דען געוואגט צו טראגן דעם נאצישן אדלער? זיכער אז נישט! דו וואלסט עס פארברענט, דו וואלסט עס אנגעשפיגן און פארשעמט, עס וואלט דיר געגרוילט צו קוקן אויף דעם, א סימבאל פון וועלן פארטיליגן דעם אידישן פאלק.

א חלק פון די יוניפארם פון די דייטשע משחיתים איז געווען אויסצוריסן דעם צלם אלוקים, דעם הייליגן אידישן געטליכן געזיכט, אראפצונעמען דעם בארד און זיך לאזן וואקסן די האר, ארייננברענגען פריצות'דיגע סטיילס ביי

די פארשאלטענע נאצישע יוניפארם

די פרויען, ארייננגעברענגט דאס שמירן די נעגל און פריצות, אלעס אלס א טייל פון זייערע יוניפארם.

איך וועל שטאלצירן מיט מיין צלם אלוקים מיט מיין אידישע שטאלץ, איך האלט אן מיין אידישע מסורה פון בארג סיני, מיך וועסטו פונעם אייבערשטן נישט אוועקרייסן!

גייענדיג ווייטער אינעם מוזעאום קומט ארויף די טרויערדיג באקאנטע נעמען פון די ראשי ממשלת הכופרים וואס האבן זיך נישט געזעטיגט פון דעם, דער עמלקי וויל אונז פארטיליגן אונזער גוף, נאר ער האט געוואלט אינגאנצן אונזער נשמה, ער האט געוואלט איסימעלירן כלל ישראל כאחד האומות היל"ת!

דער אמעריקאנער גוי שרייבט מיט גרויס פאמפע ווי אזוי די עוכרי ישראל די ראשי ממשלת הכופרים האבן ארייננגעברענגט ביי די

אויפשריפט 'קיינמאל מער' אין עטליכע שפראכן אויפן דאכאו לאגער

געפייניגטע פארוואגלטע אייראפעישע אידנטום צו שטודירן און שפילן ספורטס, און זייער גרויליגע פלאן צו מאכן די אידישע פאלק גלייך מיט די דייטשע פאלק היל"ת!

ס'איז דארט אינעם מוזעאום תמימות'דיגערהייט דאקומענטירט ווי אזוי די ציונים האבן נאך געהאט פאר זיך איין ציל אפצו'שמד'ן כלל ישראל ה"י!

ליידער האבן זיי אויסגעפירט א גרויס חלק פון זייערע פינסטערע פלענער אזש די נאכווייען שפירט מען נאך ליידער ביז יעצט...

שטייענדיג דארט אין דעם שרעק אנווארפנדע עקזיביט. וועלנדיג גלייבן די "נעווער עגען" שילדן וואס באצירן דעם פלאץ פון קאפ ביז פוס, הלוואי... הלוואי זאלן זיך שוין די שחיטות אויף די אידישע קינדער ענדיגן, די טעגליכע הריגות פון אונזערע ברידער וואס זענען פארכאפט אינעם ציוניסטישן דמיון זאל שוין קומען צו א סוף!

"אלע מאדערנע מאדעס פון זיך שערן די בארד, זיך לאזן וואקסן א בוים אויפן קאפ, זיך שמירן די נעגל ווי שדים, גיין אנגעטון אויסגעלאסן און אומאיידל דאס קומט פון זיי פון די שדים וואס האבן געקאכט און געשטורעמט צו פארטיליגן און פארברענען אלע אידן."

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

אבער די רעאליטעט פראסקעט אין פנים. ווען ס'ווערט יאר נאך יאר געפייערט דעם "יום הזכרון" אינעם מדינה הטמאה. און יאר נאך יאר קומען צו נאך פענער וואס באערן די אידישע קינדער וואס זענען אויסגע'הרג'עט געווארן א דאנק דעם נארישן ציוניסטישן אגענדע.

ווען מ'שטייט דארט און מ'לייענט די ווערטער וואס די עוכרי ישראל האבן געוואלט מיט אונז טון, קומט די בלוט ארויף אין קאפ. שוין איבער זיבעציג יאר וואס אידיש בלוט גיסט זיך ווי וואסער. אנשטאט די אלע פאגראמען הריגות און שחיטות זאלן האבן געקומען צו א סוף אום 1945, גייט עס ליידער אן ווען ווייטער פאלן טעגליך אידישע קינדער.

די מציאות פאטשט אין פנים "אנחנו אנחנו" שרייען זיי, אבער טאקע אונטער זייער ממשלה קעגן דעם אייבערשטן גיסט זיך ווייטער אידיש בלוט אינעם פינסטערן גלות.

גייענדיג ווייטער אינעם עקזיביט איז געווען אויפגעשטעלט א לעבעדיגע מאדעל פון די טרויעריגע באקאנטע אוישוויץ גאז קאמערן.

אידן אין די לאגער הארט בעפארן באפרייאונג

קיין טרוקן אויג איז נישט געווען דארט ווען מ'האט געזען א לעבעדיגע בילד ווי אזוי די רשעים די נאציס האבן סיסטעמאטיש פארברענט מיליאנען קדושים.

שטייענדיג אזוי פארטראכט האט מען געזען דארט פונעם באפרייאונג אינעם לאגער, עס האט זיך אנגעזען די אחדות וואס האט געהערשט צווישן די לאגער העפטלינגען, ס'איז נישט געווען דארט קיין "מ'האט נישט געהאלטן" ס'איז נישט געווען דארט "מיט זיי רעדן מיר נישט..."

ס'האט געגעבן א פיינע ציפ... פארוואס דארף זיין ביי אידישע קינדער אזוי פיל מחלוקת? איך האב דיר נישט געצוואונגען צו טראכטן פונקט ווי מיר, אבער פארוואס מוזטו מיר פיינט האבן?

פארוואס זאלן צוויי ברידער נישט רעדן איינער מיטן צווייטן? מיר זענען עקסטערע סעקטעס וואס איך האב נישט מיט דיר און דו האסט נישט מיט מיר? אדרבה כאפט א שפאציר אינעם האלוקאסט מוזעאום און איבערצייגט אייך אליינס אז אידישע קינדער זענען איין שטיק!

הלוואי זאלן מיר צוריק באקומען דער אחדות וואס כלל ישראל האט געהאט ווען מ'האט באפרייט די לאגערן מ'זאל זיך ליב האבן נאכאמאל איינער דעם צווייטן אפילו מיט

טויזנטער ליכט ברענען אינעם 'יום הזכרון' לע"נ די אידישע קינדער וואס זענען געפאלן א קרבן פארן ציוניסטישן אגענדע הי"ד

ישיבת שארית הפליטה געגרינדעט דורך האדמו"ר מקלויזענבורג זי"ע אינעם פערנוואלד די. פי. קעמפ

אנדערע שיטות.

ארויסטרעטנדיג פונעם בנין בין איך געווען פיל מיט געפילן, איך האב אסאך געדאנקט דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו קענען זיין פון די קליין הייפעלע ערליכע תורה טרייע אידן וואס זענען אן אוד מוצל מאש פון דורות פון בארבארישע רוצחים וואס האבן אונז געוואלט פארטיליגן - שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקדוש ברוך הוא מצילינו מידם!

יעצט אינעם יו"ט וואס מיר פראווען זמן חירותינו, לאמיר טאקע ארויסנעמען פון די זמן חירותינו אויף לעובדא ולמעשה, זיך שטארקן מיט אונזער מסורה פון טויזנטער יארן פון מסירת נפש פארן אייבערשטן.

ארויסגייענדיג, טראכטנדיג אז אונזער עלטערן האבן זיך גע'שחט'ן פארן אייבערשטן, וואס קען איך טון, וואס איז מיין מסירות נפש היינט פארן אייבערשטן?

איך וועל געבן פארן אייבערשטן מיינע אויגן, איך וועל נישט קוקן אויף ראיות אסורות, איך וועל נישט קוקן דארט ווי מיין הארץ גלוסט, איך וועל טון מיין מסירות נפש פארן אייבערשטן צו זיין אן ערליכער איד און ווייטער ברענגען ערליכע דורות וואס וועלן דינען דעם אייבערשטן פשרה'לאז!

וואשינגטאן בלעטל נסיעה

א דורכגעפאלענער סוקסעס

כדאי צו אנהייבן באשרייבן דעם תוכן פונעם ארטיקל, ברויכן מיר אריינגיין אין איינס פון די מאדנעסטע ברואים וואס האבן געלעבט אין די צוואנציגסטע יאר הונדערט, א גאר קוריאזע פערזאן מיטן נאמען "ווינסטאן טשורטשיל" פון ענגלאנד.

דער טושרטשיל איז געווען א שיכור עצום, אבער אויף א נעקסט לעוועל, דער האט נישט געקענט שטיין גראד נאר נאכן אריינגעמען א פלעשל צוויי פון 4 פראצענט וואסער...

גערייכערט האט ער ווי א קוימען, עס זענען פארהאן ווייניג בילדער פון אים אן א גראבע ציגאר צווישן זיינע פינגער'ס אדער אריינגעשטעקט צווישן זיינע היפש ברוינליכע ציינער.

ווי אזוי ער איז בכלל געווארן א נאמען וואס מענטשן זאלן וועלן קענען איז א גרויסע מיסטעריע.

לאמיר אריינגיין טיפער אינעם מענטשליכן אביעקט וואס פארן ארטיקל וועלן מיר אים אנרופן מיט זיין לעצטע נאמען טשורטשיל.

געבוירן איז ער אין 1874 למספרם צו א רייכע אריסטאקראטישע פאמיליע אין לאנדאן ענגלאנד, אלס קינד (און אויך שפעטער ווען ער איז עלטער געווארן) איז ער געווען א גרויסע שלימזל, אבער א שלימזל'שאפט מיט א פונקטליכקייט, ער האט נישט אויסגעלאזט א טאג זיך צו פאראמפערן מיט זיינע קאלעגעס און אויך מיט זיינע לערערינס, ווען ער לעבט ווען היינטיגע צייטן וואלט ער געווארן א בעל דרשן אדער א פאדקעסטער, און ער וואלט ארומגעגאנגען געבן דרשות און פארציילט זיינע טראומעס פון אלס קינד ווען ער האט נישט געקענט די גוי'ישע עברי אין שולע...

זייענדיג פון אזא הויכגעשפיצטע משפחה האט נישט מער ווי געפאסט אז ער זאל גיין דינען אינעם בריטישע מיליטער, און טאקע ווען ער איז געווארן צוואנציג יאר אלט איז ער אריין אינעם מיליטער פון ענגלאנד, אבער ער האט נישט געהאט גרויס הצלחה דארט, און נאך א קורצע צייט זיך געטראפן פארמאכן די קלאמקע פון אינדרויסן... און אזוי ווי יעדער גוי וואס ווייסט נישט צו צווישנשיידן פון לינקס אויף רעכטס איז ער געווארן א פאליטיקאנט... קודם אלס א מיטגליד פון דער רעכטער פארטיי און נאכדעם אלס לינקער און נאכדעם צוריק צו די רעכטע פארטיי. ווען ער איז אלט געווען א קארגע פינף און צוואנציג יאר אלט איז ער געווארן ערוויילט צום ערשטן מאל צום פארלאמענט פון ענגלאנד פארלאמענט דאס איז א פאזיציע אזוי ווי א סענאטאר אין אמעריקע.

פון דארט האט זיך אנגעהויבן די בארג ארויף - בארג אראפ רייזע פאר טשורטשיל, ער איז ארויפגעפארן צו אלס העכערע אמטן און דערנאך געטראסקעט צו נידעריגערע פאזיציעס. די קלימאקס איז געווען ווען אין יאר 1929 למספרם האט די גאנצע רעכטע פארטיי פון ענגלאנד געליטן א שטוינענדע נידערלאגע און טשורטשיל איז געווארן ארויסגעוועלט פונעם פארלאמענט און זיך געטראפן אן א דזשאב. און וואס טוט דען איינער וואס האט נישט קיין דזשאב?

ער האט אנגעהויבן ארומגיין געבן דרשות פאר די מאסן, וואס דאס האט אים געמאכט גאר פאפולער צווישן די פשוט'ע שיכט פונעם פאלק.

די אלע דורכגענג האבן אבער איבערגעלאזט א שווערע נאכפאלג אויף טשורטשיל, ער האט זיך זעלבסט דערקלערט אלס א צודרייטער און ער איז באמת געווארן איינס, ער האט געקענט זיין ווילד און צוקאכט ביז גאר און ממש גראד דערנאך אין א אומעטיגע דעפרעסטע גוסטע, ער האט אזש מורא געהאט צו שטיין אליין נעבן א הויכע טעראסע און דערנעבן פון די באן שינעס - אויס מורא אז ער וועט אראפטאנצן.

אבער זיין מזל האט צוריק אנגעהויבן שיינען ווען מיט עטליכע יאר נאכן זיך טרעפן פאזיציע-לאז איז אויפגעשטאנען דעם צורר היהודים פון דייטשלאנד ימ"ש און ער האט אנגעהויבן ווערן גאר שטארק נאכגעפאלגט אין דייטשלאנד ווי אויך אביסל איבער דער גארער וועלט. טשורטשיל זייענדיג דאן א שטארק רעכטער פאליטיקאנט האט אויסגענוצט די געלעגענהייט צו אראפרייסן די נאצישע פארטיי וואס זענען געווען אידילאגיש לינק געשטומט, ער האט געהאלטן מאסיווע דרשות צו ווארענען סיי ווער ס'האט אים נאר געוואלט אויסהערן אז מען דארף זיך אכטונג געבן פון די נייע נאצי פארטיי פון דייטשלאנד, און אז די נאציס ווילן חרוב מאכן די וועלט מיט זייער לינקע אידילאגיע.

דער דעמאלטס'דיגע פרעמיער מיניסטאר פון ענגלאנד האט געהייסן טשעמבערלין (פרעג מיך נישט ווי אזוי זיי האבן ארויסגעזאגט די שווערע נעמען

א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

ש. ז. היסטאריקער

און נאכדערצו מיט די שווערע ענגלישע אקצענט).

פרעמיער טשעמבערלין איז געווען א גרויסע פחדן בטבע, ווען דער רשע ימ"ש פון דייטשלאנד האט אנגעהויבן פארפירן אז מען דארף "אויסברייטערן" דייטשלאנד צו געבן מער פלאץ צו וואוינען פאר די דייטשע בירגער, וואס אין אידיש מיינט דאס אויסברייטערן אז מען גייט פשוט אינוואדירן די דערנעבנדע לענדער און עס אנעקסירן פאר זיך, האט טשעמבערלין וואס האט אלס די מאכטפולסטע לאנד אין אייראפע זיך ווען געדארפט אנטקעגן שטעלן די פלענער פון איינעמען לענדער אזוי נישט מיר נישט דיר. אבער אנשטאט דעם האט טשעמבערלין גאר מורא געהאט צו זיך שטעלן מיט א שטארקייט קעגן די נאצישע פלענער, און האט אנשטאט דעם גע'פחד'נט אין גרויסן, ער האט פארקויפט פאר זיינע בירגער אז מען גייט זיך זעצן פארהאנדלן, מיטן תירוץ אז ער וויל פארמיידן א מלחמה.

אזוי טאקע האט ער זיך אוועקגעזעצט מיט די נאציס "פארהאנדלן" און אזוי האט ער זיי מ'כלומפרש'ט נאר געלאזט איינעמען געוויסע טיילן פון די לענדער וועלכע זיי האבן געוואלט איינעמען, מיט די נאציס שטערקסטע צוזאג אז זיי וועלן נישט גיין ווייטער מיט די מלחמה פלענער אויב זיי באקומען טאקע וואס מען האט זיי צוגעזאגט אין די אפמאך... בבחינות כ'האב געכאפט דעם גנב און אים געזאגט אז אויב ער גיבט מיר צוריק האלב פון וואס ער האט גע'גנב'ט גיי איך אים מער נישט כאפן....

טשורטשיל איז דאן געשטאנען ווי א משוגע'נער און געשריגן אין די גאסן, "טשעמבערלין זאל נישט האנדלן מיט די נאציס וויל עס וועט אים נאר קאסטן".

און ער איז געווען גערעכט, ווען די "אפמאך" האט פארשטייט זיך געהאלפן א מכה, ווען נאך א קורצע צייט האבן די דייטשן זיך אנגעפיפן אויף די אפמאך און מיט א שנעלקייט אייגענומען די איבריגע פון די לענדער וואס זיי האבן "אליינס געזאגט" אז זיי וועלן נישט צורירן.

דאן איז די ווערד פון טשעבערמלין גאר שטארק געפאלן אין די אויגן פון די בריטישע געזעץ געבער און ער האט געמוזט זיך אפזאגן פון די פירערשאפט פאזיציע, ווען מען האט געזוכט ווער מען אויפצונעמען פאר דעם פרישע פירער האט מען אפירגעקראצט דעם אלטן טשורטשיל און אים צוריקגעזעצט אויפ'ן כסא מלוכה, און אזוי איז דער איינגעבויגענער שיכור געווארן דער פירער פון ענגלאנד אין די שווערע צייטן פון דער צווייטער וועלט מלחמה אין וועלכע ענגלאנד איז געווען העפטיג פארמישט.

דאס ברענגט אונז צום מעשה וואס האט פאסירט אין יאר 1940 למספרם, א יאר נאך וואס טשורטשיל איז געווארן דער איינגערעדטער פירער פון ענגלאנד.

געווען איז דאס נאך וואס דייטשלאנד האט זיך אריינגעלאזט קיין פראנקרייך

עס צו פארכאפן פאר זיך און די ענגלישע האבן אלס רעזולטאט פון א פאראויס באשטימטע אפמאך מיט פראנקרייך זיך געמוזט אננעמען פאר די פראנצויזישע בטלנים, הונדערטער טויזנטער ענגלישע סאלדאטן האבן זיך געפונען צעזייעט און צעשפרייט איבער די פראנצויזישע פעלדער און וועלדער גרייט צו אפשלאגן די אטאקעס פון די אינוואדירנדע דייטשן, אבער די דייטשן האבן איינגענומען נאך און נאך שטחים וואס האט געצווינגען די פראנצויזישע און בריטישע סאלדאטן זיך צו רוקן אלס מער אין א ווינקל, דער ווינקל איז געווען אין א געגנט וואס האט געהייסן דאנקירק, דאס איז געווען א שמאלע פאס לאנד נעבן דעם וואסער וואס דארט זענען די בריטישע סאלדאטן געווען עטוואס מער באפעסטיגט, דארט אין דאנקירק האבן די איבערגעבליבענע סאלדאטן זיך פאראייניגט, אבער די דייטשן האבן זיך דערנענטערט מער און מער.

חודש אייר שנת תש' האבן די דייטשן געהאט איינגענומען גאנץ פראנקרייך חוץ פון דעם איינעם געגענט דאנקירק, אבער ווען זיי האבן זיך געגרייט צו אנפאלן מיט א מאסיווע כח די לעצט פארבליבענע סאלדאטן און זיי פאנגן, איז פאר אן אומפארשטענדליכע סיבה געקומען א אפהאלט באפעל פון בערלין, וואס האט געגעבן פאר די ענגלישע סאלדאטן עטוואס צייט צו זען ווי אזוי צו גיין ווייטער מיט די שווערע לאגע, אין די הויכע פענסטער פון די ענגלישע רעגירונג אין לאנדאן זענען פארגעקומען שטורעמישע זיצונגען ווען יעדער פרובירט אריינצוואווארפן זיינע דריי סענט ווי אזוי צו ראטעווען דעם מצב.

איינער פון די הויכראנגיגע גענעראלן זענען אויפגעקומען מיט א וואזשנעם פלאן פשוט און גראד צו אוועקטראגן וויפיל סאלדאטן מען

קען נאר פון דעם באלאגערטן דאנקירק ווי לאנג די צייט ערלויבט, דורכן שיקן שיפן פון ענגלאנד אריבער דעם וואסער צו דאס קליין שטיקל ארבטייל וואס איז נאך געווען אונטערן קאנטראל פון די ענגלישע סאלדאטן, די פעסעמיסטישע צווישן די ענגלישע גענעראלן האבן געשאצט אז מען וועט קענען ראטעווען עטליכע צענדליגע טויזענטער סאלדאטן פון צווישן עטליכע הונדערט טויזענט ענגלישע און פראנצויזישע סאלדאטן אויף די מהלך פון אוועקפירן מיט שיפן.

די פלאן איז אריין אין קראפט ווען דורכאויס די קומענדיגע נאכט ווען מען האט ווייניגער מורא געהאט אז די 'לופטוואפע' די דייטשע לופט קרעפטן וועלן באמבאדירן פון די לופטן, זענען עטליכע צענדליגע קליינע שיפלעך אריבער געשווימען דעם קורצן שטרעקע פון ענגלאנד קיין פראנקרייך און אויפגענומען יעדע איינס פון זיי וויפיל סאלדאטן ס'האבן זיך געקענט צוזאמשטופן אינעם שיפל און צוריקגעפירט קיין ענגלאנד, און אזוי נאכאמאל און נאכאמאל.

ווי א טאג שפעטער זענען די רעטונגס אפעראציעס ארויפגעשרויפט געווארן ווען מער שיפן אזוי אויך גרעסערע שיפן האבן זיך אנגעשלאסן אין די אקציע. די דייטשן האבן פרובירט צו זינקען ווי מער פון די אנטלויפענדע שיפן דורכן ארומפארן מיט סובמארינען און אויך מיט וויפיל פליגער זיי האבן נאר געקענט טרעפן, די לופט פארטיידונגס פון ענגלאנד האבן אבער אפגעשלאגן רוב פון די דייטשע אטאקירער.

איבער די קומענדיגע זעקס נעכט, ווי לאנג די דייטשן האבן זיך אפגעהאלטן פון אטאקירן דאנקירק מיט א לאנד אינוואזיע איז די רעטונגס אקציע אנגעגאנגען, און ארויסגעראטעוועט נאך און נאך סאלדאטן.

ווען די אפעראציע איז געקומען צו אן ענדע מיט דעם וואס די דייטשן האבן זיך גערוקט פאראויס און איינגענומען דאס לעצט שטיקל באדן אין פראנקרייך האט מען זיך געזעצט איבערקוקן וואס דא האט פאסירט, און מען האט זיך דערזען אז מען האט געראטעוועט דעם שטוינענדן ציפער פון קרוב צו דריי הונדערט און פופציג טויזענט סאלדאטן, אזוי איין שיף אויפאמאל און נאכאמאל.

די הויכראנגיגע גענעראלן זענען דאן מיט אן אויפגעהייטערטע שטימונג געקומען צו טשורטשיל זיך אויפטון און בארימען מיט דעם געלונגענע אקציע, די שטימונג אין די בריטישע ארמיי הויפטקווארטירן איז געלאפן אין די זיבעטע הימלען פון דעם אז מען האט געראטעוועט א גרויסע טייל פון די ענגלישע ארמיי, מען האט געטרינקען גאלאנען משקה זייענדיג פאר'שיכור'ט פון דעם סוקסעס.

אבער דעם קומענדיגע טאג האט זיך אויפגעשטעלט דער אלטער טשורטשיל מיט א מאכטפולע דרשה פארנט פון אלע פארלאמענט מיטגלידער פון גרויס בריטאניע, "מורא ורבותי, איך הער זאגן דא אז מען פריידט זיך אין גרויסן פונעם סוקסעס? מיר האבן נאך קיינמאל נישט געהאט אזא גרויסע דורכפאל!"

טשורטשיל האט ווייטער געהאמערט אז עס איז געווען א מלחמה אין פראנקרייך און מיר די ענגלישע האבן מיאוס פארלוירן, און אנשטאט מען זאל זיצן און טראכטן ווי אזוי מען גייט צוריק אויפבויען אונזער צעשאסענע מיליטער און ווי אזוי מיר גייען קעמפן ווייטער קעגן די נאציס זענען ענק אלע פארנומען מיט די נישט געשטויגענע סוקסעס אז? ס'איז געלונגען צו אנטלויפן? דאס הייסט סוקסעס? דעם סוקסעס איז א דורכפאל וואס ענגלאנד האט נישט געהאט אין איר היסטאריע!

דער גרויסער שיכור טשורטשיל, א פאלנער אלטער איינגעבויגענער פארייכערטער גוי האט געלערנט א לעקציע וואס די וועלט איז נאך פארנומען ביז היינט.

און ס'שרייט נאך ביי מיר ביז היינט. ווען מען הערט פון מענטשן, "איך האב געהאט א טענה'ריי מיט איינעם, מיר האבן זיך גע'טענה'ט וועגן ווער ס'איז אן עכטע צדיק, און ס'איז געווען א ריכטיגע סוקסעס, איך בין געבליבן מיט די לעצטע ווארט".

דאס הייסט סוקסעס? דער מתנגד איז נישט אינטערעסירט צו הערן וואס דו האסט צו זאגן! דער סוקסעס וואס דו רעדסט דיך איין אין קאפ אז דו האסט אפגעהאלטן, איז נישט מער ווי אז ס'איז דיר געלונגען צו סוקסעספול אוועקלויפן פון די מציאות אז ווילאנג ס'איז דא צדיקים וועלן זיין מתנגדים. דאס איז בכלל נישט קיין סוקסעס.

וכאן, איין ביטערע פיל אראפצושלינגען. ווען ס'איז דיר סוקסעספול געלונגען נאך א לענגערע טענה'ריי צו איבערצייגן דיין בני בית אז דו ביסט גערעכט, האסטו יעצט אפגעהאלטן דעם סוקסעספולסטע דורכפאל אין דיין קאריערע, ווייל דו ביסט סוקסעספול אוועקגעלאפן פונעם פראבלעם!

און דאס - מיינע פריינט - איז א ריכטיגע דורכגעפאלענער סוקסעס, גארנישט אנדערש פונעם דורכפאל אין דאנקירק.

די ריכטיגע סוקסעס וועט זיין אז מען נעמט אן עצתו אמונה און מען לערנט דאס דורך פון דעקל צו דעקל.

די שפיגל'דיגע שפיגל וואונטשט פאר אונזערע ליינער א חג כשר ושמח.

בעזהשי"ת
למען ציון
לראש הישיבה שליט"א
מכירים טובה
הנה ימים באים,
ימי מחצב ובנין...

MILL ROAD
DAIRY

ישראל דוד העסקעל

א כשר'ן פסח

פסח די יו"ט ווען כלל ישראל איז שטארק פאקוסירט אויף די טעמע פון כשרות, איז טאקע די ריכטיגע צייט צו כאפן א טיפערע בליק אריין אין די וועלט פון כשרות ווי אזוי זאכן גייען צו אין גרעסערע פעקטאריס און רעסטוראנטן, ווי אזוי פראדוקטן וואס ווערן פראדוצירט אויף די אנדערע זייט כדור העולם אונטער די שטרענגע השגחה פון היימישע רבנים און נאך אסאך אינטערעסאנטע זאכן פונעם עולם הכשרות וואס ווילן בעזהשי"ת אייך עפענען די אויגן וואס טוט זיך אונטערן השגחה זיגל, און אזוי אויך ברענגען אויפמערקזאמקייט וואס מען נעמט אריין אין מויל, אז עס זאל האבן א גוטע הכשר, און בעטן דעם אייבערשטן מען זאל עסן נאר כשר'ע פראדוקטן.

צי ווייט האב איך נישט געדארפט קריכן צו טרעפן דעם ריכטיגן קאנדידאט וואס זאל אביסל ארויסגעבן די סודות פון חדר וואס טוט זיך אלס אפ אין די כשרות וועלט. הארט נעבן מיר וואוינט מו"ה ישראל פוקס נ"י א וועטעראן משגיח כשרות מיט אן אויסטערלישע ברייטע ידיעות קוואל אינעם גאנצן פעלד, האבן מיר זיך טאקע איין נאכט אוועקגעזעצט ביי ר' ישראל אין שטוב צו שמועסן און הערן פון אים איבער אלעס וואס טוט זיך אפ אונטער די שווערע אונטערנעמונג פון כשרות און השגחה.

מיר ווילן אייך נישט אויפהאלטן מיט קיין לאנגע הקדמות נאר בעזהשי"ת ווילן מיר גראד צו טרעטן צום ענין.

שלום עליכם ר' ישראל נ"י!

קודם כל אויב קענט איר איבער געבן פאר די ליינער ווי אזוי זענט איר אנגעקומען צו די זאך פון כשרות, וואו האט איר די ערשטע מאל זיך געטראפן מיט א געפיל צו דעם?

עליכם השלום!

די ערשטע מאל וואס איך האב בכלל אנגערירט דעם כשרות קלאמקע איז געווען נאך אלס בחור אין ישיבה.

דעמאלט (היינט איז שוין אסאך בעסער) האבן ישיבות נישט בכלל געהאט קיין השגחה אויף די קאך, נאר מ'האט זיך פארלאזט בעיקר אויף דעם קעכער.

האט איינמאל פאסירט אז איך בין געווען אין די ישיבה קאך און באמערקט דארט פלייש וואס קומט פון נישט אן ערליכע הכשר, וואס מיר עסן בכלל נישט...

פארשטייט זיך אז איך האב גראד געמאכט א רעש, און מ'האט עס גענומען זייער ערנסט, דעמאלט האב איך אנגעהויבן צוליגן קאפ צו דעם און באמערקט אז אומווילנדיג קומט ארויס פילע מכשולות פון דעם וואס ס'איז נישט דא קיין השגחה.

דעמאלט איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב זיך געטראפן "טון אין כשרות".

אבער דאס אלעס איז נישט געווען קיין אפיציעלע פאסטן פארשטייט זיך, דאס איז נאר ווי אזוי איך בין בכלל אנגעקומען צו כאפן שטיקל טעם אין כשרות.

ערשט שפעטער נאך מיין חתונה ווען איך האב געוואוינט אין שטאט אומאן האב איך אנגעהויבן צו טון אין כשרות אלס אן אפיציעלע פאסטן, דעמאלט האב איך אנגעהויבן לערנען טיף די גאנצע סוגיא פון השגחה און דאס טו איך נאך ביז היינט ב"ה.

וואס איז געווען אייערע ערשטע אפיצילע "משגיח" ארבעט?

איך בין געווען דעמאלט משגיח פאר א רעסטוראנט אין אומאן וואס האט געהאט א מילכיגע אפטיילונג און א פליישיגע אפטיילונג, דארט בין איך געזעצן א גאנצן טאג אלס משגיח תמידי, מ'האט מיר דעמאלט געצאלט דריי הונדערט דאלאר א חודש - ממש א וויץ... אבער אזוי בין איך אריין אין דעם!

זייער אינטערעסאנט צו הערן! לאמיר נאר פרעגן א פראקטישע שאלה, ווי אזוי האט זיך דער ירושלימער אינגערמאן אויסגעלערנט דעם אוקראינישן שפראך צו קענען גיין ארבעטן אין פלעצער ווי מ'רעדט נאר די ארטיגע שפראך?

דאס קומט פון וואוינען דארט, פון זיך דרייען און פון הערן די שפראך, צוביסלעך לערנט מען זיך עס אויס. לדוגמה דא, אויב קומט איינער וואוינען קיין אמעריקע און גייט וואוינען אין די חסידישע געגנטער ווי מ'רעדט בעיקר נאר אידיש, וועט אים נעמען אסאך לענגער זיך אויסצולערנען ענגליש, אבער די וואס גייען וואוינען למשל אין לעיקוואד ווי א מערהייט איינוואוינער רעדן בעיקר ענגליש וועט ער זיך שנעלער אויסלערנען די ענגלישע שפראך.

די זעלבע איז געווען ביי מיר, און טאקע ווייל אין אומאן ווי איך האב געוואוינט האט מען נישט אזוי שטארק זיך באניצט מיט דעם אוקריינישן שפראך, האט מיר עס גענומען אביסל לענגער עס אויפצוכאפן.

מיט הרב מיכאל שארף שליט"א מגדולי משגיחי הכשרות באירופה (כדתיא און מחזיקי הדת אנטווערפן)

א כשר'ן פסח

ווי אזוי ארבעט עס ווען א משגיח טרעניערט זיך אנצוהייבן צו געבן אן השגחה, מ'זעהט היינט אויף יעדן פראדוקט א ריזיגע ליסטע פון באשטאנדטיילן וואס רוב פון דעם ווייסן מענטשן אפילו נישט וואס דאס איז. דארף מען דורכגיין א קורס צו לערנען וועגן די אלע סארט באשטאנדטיילן?

די וועג וויאזוי איך טו עס איז, איך האב דאך נישט קיין אייגענע השגחה, איך בין נישט קיין דיין און נישט קיין פוסק, איך ארבעט נאר פאר אנדערע, שיק איך זיי אריין די ליסטע פון אלע באשטאנדטיילן און זיי זאגן שוין וואס מ'קען נוצן און וואס נישט.

די וועג וויאזוי ס'ארבעט איז אז א קאמפאני וויל מאכן א פראדוקציע ביי א גרויסע גוי'אישע פעקטארי, שיקט מען אראפ מטעם די השגחה א משגיח וואס זאל מאכן אן אינספעקשאן און דורכגיין דעם גאנצן פעקטארי, זען ווי אזוי אלעס ארבעט, איבער גיין קלאר און דייטליך אלע באשטאנדטיילן, און אפשרייבן א פינקטליכע רעפארט אויף אלעס וואס ער האט געזען.

צומאל איז דאס זייער א גרינגע ארבעט אבער עס קען אויך זיין זייער א שווערע ארבעט. אפלערנען א פלאץ מיינט אפזיצן דארט כאטש א טאג צייט, באאבאכטן ווי אזוי אלעס גייט צו, ביז דו קענסט שוין די פלאץ אדורך און אדורך.

נאכדעם דארף מען צונעמען די באשטאנדטיילן פון אלעס וואס זיי ניצן דארט, ווייל די פעקטארי אליין פראדוצירט נישט דארט אויפן פלאץ אלע זייערע באשטאנדטיילן, נאר דאס קומט פון דא, און יענץ קומט פון דארט, און יעדע זאך מוז דער משגיח נאכגיין פונקטליך פון וואו ס'קומט און וואס ס'ליגט אלס אין דעם.

אסאך מאל איז דא זאכן וואס קומען פון פעקטאריס וואס די השגחה קען שוין און ווייסט אז דאס איז בסדר מ'קען עס ניצן. דאן שפארט מען זיך איין די גאנצע טירחה פון דאס דארפן נאכגיין, אבער אויב איז עס א באשטאנדטייל וואס די השגחה איז נאכנישט באקאנט מיט דעם, דאן דארף מען עקסטער אהינפארן, און צומאל גאר פליען צו יענע פעקטארי וואס מאכט די איינע באשטאנדטייל נאר צו קענען כשר'ן דעם איינעם אינגרעדיענט!

די רעפארט וואס מ'ברענגט נאכדעם פארן דיין פון די השגחה מוז זיין אזוי דעטאלירט אז דער דיין זאל זיך שפירן ממש ווי ער געפונט זיך אליינס דארט.

ווי אזוי ארבעט עס ביי משגיחים? דו למשל נעמסט אן יעדע סארט עסן אדער איז דא א ספעציפישע זאך וואס דאס טוסטו?

אויבן אויף, מער ווייניגער טו איך טאקע אלע סארטן עסן. אין די לעצטע פאר וואכן אליינס איז מיר אויסגעקומען טאקע צו טון פארשידענע סארט מיני זאכן - איין טאג חמץ איין טאג מצה... אזוי גייט עס, יעדן טאג איז דא עפעס אנדערש...

וויאזוי טאקע גייט צו דאס כשר'ן א גוי'אישע פעקטארי אז מ'זאל קענען מאכן דארט א כשר'ע פראדאקשן?

איך האב שוין געארבעט פאר אסאך אנדערע השגחות און יעדע איינע גייט טאקע צו צו דעם אנדערש, ס'דא הכשרים למשל וואס האבן א פאליסי אז אויב האט מען פראדוצירט אין די פעקטארי טריפה, דאן כשר'ן זיי דאס נישט, אויף אזא פעקטארי געבן זיי נישט קיין הכשר!

יעצט אפילו ווען מ'גייט שוין יא כשר'ן א פעקטארי איז נישט אייביג דא די זעלבע מהלכים, ס'ווענד זיך וואס מ'טוט דארט... אבער אויבן אויף איז א פעקטארי אסאך גרינגער צו כשר'ן ווי א קאך!

א פעקטארי האט א סיסטעם וויאזוי אלעס לויפט, ווי אזוי זאכן ארבעטן, איינמאל מ'האט די מהלך גייט דאס איינס צוויי, ס'איז נישט אזוי שווער צו כשר'ן, למשל היינט בין איך געווען משגיח אין א חמצ'דיגע פעקטארי וואס ווערט גענוצט א גאנץ יאר אויף חמץ ממש, און היינט האט מען עס גע'כשר'ט און געמאכט דארט פסח'דיגע עסן!

א פעקטארי קען מען צומאל געבן א כשר אפ די גאנצע פעקטארי אין א שעה! ווייל דער פעקטארי האט א פעסטורייזער - דאס איז א ריזיגע טאנק וואס קאכט אפ די עסן אדער טרינקען אז די באקטעריעס זאלן גע'הרג'עט ווען אז די עסן זאל זיך האלטן לענגער.

די פעסטורייזער קאכט געוויינטליך אפ די עסן צווישן הונדערט זיבעציג ביז הונדערט ניינציג גראד און ווען מ'כשר'ט עס ברענגט מען ארויף די היץ ביז צוויי הונדערט און צוועלף גראד. דערנאך לייגט מען אריין אין די וואסער אליינס א דבר הפגום - דאס מיינט עפעס וואס מאכט אז די וואסער זאל ווערן אויס ראוי לאכילה, מ'ניצט דערפאר גאר שטארקע כעמיקאלן, און אזוי ווי די וואסער ווערט פגום האט עס שוין נישט קיין בליעות פון נישט כשר'ע זאכן ווייל ס'איז אינגאנצן נישט ראוי לאכילה.

די וועג ווי אזוי מ'ניצט דעם פעסטורייזער איז אז אלע זאכן וואס ווערן פראדוצירט לויפט דורך אין א רער און די רער איז ארומגענומען מיט נאך א רער וואס אין די דרויסנדיגע רער לויפט וואסער און אין די אינעווייניגסטע רער לויפט די פראדוקט וואס מ'פראדוצירט, און לויט די געברויך קען מען קאנטראלירן די טעמפעראטור פון די וואסער צו קאלט אדער הייס - געוואנדן אין דעם געברויך.

ביים געבן אן השגחה ראש השנה אין אומאן (צילום ע"י גוי)

איינמאל די וואסער איז שוין נישט ראוי לאכילה קאכט מען אויף די פעסטורייזער ביז צוויי הונדערט צוועלף גראד, און מ'לאזט די וואסער דורכלויפן די פייפס, און אזוי קען מען כשר'ן דעם גאנצן פעקטארי אין גאר א קורצע צייט.

ווען ס'קומט אבער צו כשר'ן א קאך איז דא געוויסע פעלער וואס מ'מוז צוקומען צו ליבון חמור וואס דאס מיינט אז מ'מוז עס לייגן אונטערן פייער אויף ניין הונדערט און פופציג גראד! ס'דארף ווערן רויט, ס'קען נעמען אסאך מאל עטליכע טעג צו כשר'ן א קאך.

ווי לאנג נאכן ענדיגן מאכן א כשר'ע פראדוקציע דארף דער גוי ווארטן צו קענען נאכאמאל נוצן די פעקטארי פאר אנדערע זאכן?

דער גוי דארף גארנישט ווארטן, ער קען גראד נאכן מאכן דעם כשר'ן פראדוקציע נוצן דעם פעקטארי פאר אנדערע זאכן. געווענליך אבער ווארטן זיי אויף אפצוקילן די מאשינען, אבער פארן מאכן דארט א כשר'ע פראדוקציע מוז מען פארשטייט זיך לאזן אלע מאשינען זיצן א טאג אז ס'זאל נישט זיין קיין בן יומו כדי מ'זאל עס קענען כשר'ן.

פארדעם טאקע מאכט מען רוב כשר'ע פראדוקציעס אויף א מאנטאג ווייל זונטאג ארבעט די פעקטארי מילא נישט, קומט אויס אז זונטאג זיצט דער פעקטארי ליידיג כדי אז מאנטאג צופרי זאל מען שוין קענען כשר'ן.

לאמיר צוריקגיין צו די נושא פון פעסטורייז, ווי אזוי ארבעט דאס? פארוואס נאכן אויפקאכן לאמיר זאגן גרעיפ דשוס וועט זיך עס פלוצלינג אנהייבן האלטן פאר לאנגע חדשים אויפן שעלף און אן עס פעסטורייזן וועט זיך עס האלטן קוים אפאר טעג, ווי אזוי ארבעט דאס?

די ענטפער איז אז ס'איז דא צוויי מיני וועגן פון פעסטורייזן, ס'איז דא די געווענליכע פעסטורייזן וואס איז אויף מער א נידריגע טעמפעראטור, און דערנאך איז דא אולטרא פעסטורייזט וואס דאס מאכט מען אויף אסאך א העכערע טעמפעראטור.

וועסט זען למשל ביי מילך - געווענליכע מילך דארף ליגן אין פרידש און האלט זיך בערך א וואך, דאס איז געווענליכע פעסטורייזד מילך, דערנאך איז דא מילך וואס קען ליגן אויפן שעלף און קען זיך האלטן אסאך לענגער ווייל דאס איז אולטרא פעסטורייזד.

פארוואס ווערט א זאך קאליע?

וועגן די באקטעריעס!

דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין די בריאה אז די באקטעריעס לעבן דארט וואו ס'איז נאס, פארדעם וועסטו זען אז טרוקענע זאכן האלטן זיך אסאך לענגער ווייל עס האט פיל ווייניגער באקטעריעס וואס זאלן עס קאליע מאכן.

לדוגמה קוק אויף א שטיקל קעיק און אויף א קוקי, א קוקי קען זיך האלטן באלד צוויי חדשים אבער די קעיק נאכן ליגן קוים אפאר טעג גייט עס שוין קאליע, ווייל די קעיק איז מער נאס

ר' ישראל נ"י אין א גרויסע פעקטערי. מערקט די גרויסע פעסטערייזער טאנקן

א כשר'ן פסח

האט עס מער באקטעריעס וואס וועלן דאס שנעלע קאליע מאכן, און א קוקי איז טרוקן האט עס פיל ווייניגער באקטעריעס במילא קען זיך עס האלטן פיל לענגער.

מילך און דשוס האבן נאטורליך גאר אסאך באקטעריעס, און ווען מ'קאכט עס אויף הרג'עט עס די באקטעריעס - די באקטעריעס זענען טאקע א געזונטע זאך אבער דאס פארדארבט אויך די עסן.

ס'איז דא וואס טענה'ן אז אלע פרוכט און גרינצייג וואס ווערט ברוין איז געזונטער ווייל ס'פארמאגט אין זיך אסאך אייזן וואס דאס איז דער גורם אז די פרוכט און גרינצייג זאל פארברוינט ווערן. אבער למעשה ווערט דאס פארדארבן און ווען מ'הרגע'ט טאקע אפ די באקטעריעס ווערט עס נישט אזוי שנעל פארדארבן.

דעריבער ווענדט זיך עס אויף וואס פאר א טעמפעראטור די עסן ווערט פעסטורייזד, און אויב טאקע פארברענט מען די באקטעריעס אינגאנצן מיטן אולטרא פעסטורייזד קענען אפילו מילך - וואס האט גאר אסאך באקטעריעס זיצן פאר א לענגערע צייט אויפן שעלף. די וועג ווי אזוי מ'פארזיכערט אז די עסן וועט זיך טאקע לאנג האלטן אויפן שעלף נאכן פעסטורייזן איז אז מ'סילעלט עס אפ ווען עס איז נאך קאכעדיג הייס.

ביי געוויסע קאמפאניס וואס קענען דאס נישט טון, לייגט מען טאקע אריין א קעמיקאל אז די עסן זאל זיך האלטן פריש, טראץ וואס ביים באטלען איז עס שוין אפגעקילט. א שטייגער ווי גרעיפ דשוס פון רוב קאמפאניס וואס נאכן פעסטורייזן קילט מען עס אפ, און מ'לייגט צו דעם קעמיקאל וואס זאל עס האלטן פריש, אפילו ביים באטלען איז ער שוין געווען אפגעקילט.

לאמיר זיך אריבער רוקן צו א צווייטע נושא אינגאנצן, יעצט איז געווען איבעראל עדווערטייזט אז ס'איז דא צו באקומען א ספעציעלע מין טונא וואס קומט פון לאנד טיילאנד. ווי אזוי גייט צו דאס געבן אויף דעם אן השגחה? פארט דען מיט א משגיח אויף יעדן פיש כאפער שיף אינעם ווייטן טיילאנד צו פארזיכערן אז טאקע נאר די כשר'ע טונא קומט אן צום פעקטארי? ווי אזוי ארבעט דאס?

ווען ס'קומט צו פיש - ספעציפיש טונא איז דא צוויי סארט וועגן פון דאס פראדוצירן.

1 ס'איז דא פעקטאריס וואס זענען געבויט אינמיטן די וואסער אויף ריזיגע שיפן, וואס דארטן כאפט מען די פיש, מ'קאכט דאס, מ'לייגט דאס אריין אין די קענס, און מ'לעיבלט עס דארט אינמיטן די וואסער, ווען ס'קומט אן צו די יבשה קומט עס שוין געפאקט אין פעלעטס גרייט צו ווערן פארקויפט. די מהלך האט אסאך מעלות פאר די בעלי בתים אז זיי דארפן נישט צאלן קיין שטייערן - ווייל זיי געפונען זיך אין אינטערנאציאנאלע וואסערן, אבער פון די אנדערע זייט איז דער פעקטארי גאנץ פראוועזאריש און קומט אויך מיט אסאך חסרונות - איז דארט איז טאקע אסאך גרינגער ווען עס קומט צו כשרות ווייל דער משגיח קומט ארויף און האט די גאנצע פראדוקציע אויף איין פלאץ.

2 די אנדערע סארט פעקטאריס ארבעט טאקע דורכן האבן שיפן אויפן וואסער וואס ברענגען די פישן צו די יבשה, און ערשט איינמאל ס'קומט אן צום פעקטארי הייבט זיך אן די גאנצע פראדוקציע.

די ערליכע שטרענגע הכשרים וועלן טאקע אראפשיקן א משגיח דורכצוגיין יעדעס איינציגע פיש צו מאכן זיכער אז ס'איז נאר דא פון די כשר'ע סארט טונא.

ס'הערט זיך אפשר ווי זייער א שווערע ארבעט, אבער ס'איז נישט אזוי, ווייל די פיש קומט אריין צום פעקטארי אויף א קאנוועיער בעלט, און דער משגיח נאכן בודק זיין עטליכע פיש באקומט ער א תביעת עין אויף וועלכע ס'איז די כשר'ע סארט פיש, און קען נאכדעם זייער שנעל דורכגיין אלע פיש צו פארזיכערן אז ס'איז טאקע נאר פון די כשר'ע סארט.

נאכדעם זענען פאראן די מער שוואכערע השגחות וואס וועלן זיך פארלאזן אויף דעם וואס די פעקטארי זאגט אז זיי נעמען נאר אריין טאקע די כשר'ע סארט טונא פיש, ווייל אין טונא אליינס איז דא איבער הונדערט סארט טונא פיש, און די פעקטארי ארבעט אז ווען זיי מאכן דעם פראדאקשן נעמען זיי איין סארט פיש אויף אמאל, במילא פארלאזט מען זיך אויף זיי ווען זיי מאכן א פראדוקציע פון די כשר'ע סארט טונא.

אינטערעסאנט אנצומערקן אז איך בין טאקע אמאל געווען משגיח ביי א פעקטארי וואו מ'מאכט גרויכערטע פיש - א סארט פיש וואס רופט זיך מאקערעל (פאפולער אין אייראפע) און די סארט פיש האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין די בריאה אז ווען ער קומט ארויס פון די וואסער לאזט ער אראפ אלע זיינע קשקשים.

ווען ס'קומט צו געבן א הכשר אויף דעם ווערט דאס זייער קאמפליצירט ווייל מ'קען עס נישט בודק זיין לויט די סימנים פון א כשר'ע פיש. וואס איך האב דעמאלט געטון איז געווען אז איך האב

א טונא פישכאפער שיף אין טיילאנד

גוט בודק געווען דעם פיש און טאקע געטראפן אז אונטער די פליגלעך איז נאך יא געבליבן אביסל פון די קשקשים, האב איך עס טאקע בודק געווען לויט דעם.

אזוי בין איך געזעצן א טאג צייט און בודק געווען יעדעס איינציגע פיש אונטער די פעדערן צו פארזיכערן אז ס'איז טאקע א כשר'ע פיש, וואס האט נאכדעם פאסירט איז אז איך בין געווארן זייער באקאנט מיט דעם פיש און אפילו אן צו בודק זיין האב שוין גראד געקענט דערקענען אויף דעם פיש צו איז דאס די כשר'ע אדער האט זיך אריינגעכאפט אן אנדערע סארט פיש, און דאן האב איך באקומען א הוראה פון די השגחה אז איך מעג זיך פארלאזן אויף מיין תביעת עין.

וואו איז גרינגער צו געבן אן השגחה – אויף א רעסטוראנט אדער אויף א פעקטארי?

געווענליך איז א רעסטוראנט גרינגער ווייל די וועג ווי אזוי עס ארבעט איז אז דער בעל הבית געבט א ליסטע פארן משגיח פון אלע באשטאנדטיילן וואס ער נוצט און דער משגיח גייט עס איבער און זעט וועלכע ס'האט נישט קיין שאלות און פאר וועלכע מ'דארף זוכן אן אלטערנאטיווע באשטאנדטייל, און נאכדעם פארט עס שוין.

אנדערש איז ביי א פעקטארי וואס די באשטאנדטיילן וואס זיי נוצן קען מען נישט אזוי גרינג טוישן, איז אויב טרעפט מען עפעס א באשטאנדטייל מיט א שאלה הייבט זיך אן א גאנצע פרשה דאס צו קענען כשר'ן. צומאל דארף מען גיין צו א צווייטע פעקטארי צו כשר'ן נאר איין באשטאנדטייל ווייל דער פעקטארי וועט בשום אופן נישט נוצן קיין צווייטע.

און פאר דעם סיבה איז טאקע צומאל גרינגער ביי פעקטארי טאקע ווייל ער טוישט נישט קיין באשטאנדטיילן געווענליך, איז איינמאל דער משגיח געבט דעם הכשר פאסירט מער נישט כמעט קיין שאלות אויב עפעס לויפט אויס, ווייל זיי גייען מילא נישט נוצן קיין צווייטע זאך, אנדערש ביי א רעסטוראנט וואס אויב לויפט ער אויס פון עפעס וועט ער שנעל לויפן און טרעפן עפעס אפילו ס'איז נישט פונקט די זעלבע, און אויף דעם מוז טאקע דער משגיח זייער אכטונג געבן און האלטן אן אפן אויג אז ס'זאל נישט פאסירן קיין מכשולות.

מיר האבן פריער געהערט פון די וועלט פון פעסטורייזן, איז אינטערעסאנט צו הערן טאקע, מ'זעט אויף פראדוקטן אויפן שעלף אז ס'האט א 'סעלל ביי' דאטום ווי לאנג מ'קען דאס פארקויפן. ווי אזוי ארבעט דאס אויפן טאג ווערט עס אויס גוט? פארוואס פונקט דעם דאטום? וואס איז די קובע?

דאס האט נישט מיטן מציאות ווען א זאך גייט באמת קאליע, דאס איז נאר א לעגאלע זאך וואס די שטאט פארלאנגט און יעדע שטאט האט זיך זיינע אייגענע רעגולאציעס אויף דעם.

אינטערעסאנט איז טאקע אז איינע פון די היימישע מילך קאמפאניס האבן זייערע פעקטארי אין ניו דשערסי פארדעם דארפן זיי זיך אויך צושטעלן צו די געזעצן פון ניו דשערסי. און אין ניו דשערסי איז די געזעץ אז מילך מעג זיין אויפן שעלף פאר צוויי א האלב וואכן און אין ניו יארק מעג עס זיין פאר דריי וואכן.

פארדעם שרייבט יענע קאמפאני צוויי דאטומען ווען ס'לויפט אויס... ווען אין ניו יארק איז עס נאך פיינע פרישע מילך איז עס שוין אין ניו דשערסי פארדארבן...

יעצט לאמיך אייך פרעגן אלס א וועטעראן משגיח וואס האט שוין אלעס געזען... ווי אזוי קען מענטש וויסן וועלכע הכשר איז א גוטע הכשר און וועלכע איז א שוואכע?

אה, דאס איז טאקע די מערסטע פאפולערע שאלה וואס יעדער האט!

די ענטפער איז אז די משגיחים קענען נישט צופיל רעדן... ווייל חוץ פון זיך איינקויפן שונאים העלפט עס גארנישט... נאר וואס איז די עצה? אויף דעם האט מען א מורה דרך וואס אים פרעגט מען וועלכע הכשר איז א גוטע הכשר? וואס זאל איך אריין נעמען אין שטוב? פארדעם האט מען א מורה דרך! מיר זענען זייער גליקליך אז מיר האבן ברוך השם א מורה דרך וואס מיר קענען אים פרעגן אלע שאלות און אויך די שאלה פון הכשרים.

וואס זענען דיינע פאליסיס אויף אנצונעמען א משגיח פאסטן ביי א השגחה?

איך ארבעט טאקע ביי אסאך השגחות, אבער מיין פאליסי אויף אנצונעמען צו זיין א משגיח כשרות פאר א השגחה איז: אז אויב איך אליין וואלט דעם פראדוקט נישט געגעסן נעם איך נישט אן צו זיין א משגיח כשרות אויף דעם! דאס איז אין קורצן מיין פאליסי.

אנדערע האבן גע'טענה'ט אז די פאליסי איז נישט ריכטיג, ווייל ווען א מענטש קויפט דעם פראדוקט פארלאזט ער זיך נישט אויף מיר נאר ער פארלאזט זיך אויף די השגחה, אבער איך שפיר נאכאלץ אז אויב איך עס דאס נישט, ווי אזוי קען איך עס כשר'ן פאר א צווייטן.

איך האב טאקע געהאט עטליכע מעשיות ווען איך האב געארבעט פאר שוואכערע השגחות

ר' ישראל נ"י אין א פארעם ווי מ'מעלקט קיען

א כשר'ן פסח

וואס נישט גענוג דאס אז איך האב געשפירט אז די השגחה געבט מיר נישט קיין רוקן ביין (וואס דאס איז די וויכטיגסטע זאך פאר א משגיח צו וויסן אז דער רב אדער בעל מכשיר וועט אים געבן דעם טראסט און אויטאריטעט) נאר צומאל האב איך גאר געשפירט ווי זיי אליין טוען זאכן אונטער מיין רוקן...

ממש לעצטנס האב איך געהאט א מעשה - איך בין געווען משגיח אין עפעס א פעקטארי וואס האט פראדוצירט א פראדוקט וואס ביי די לעצטע מינוט האט זיך געמאכט א פראבלעם און ס'האט געפעלט א האר אז איך זאל דארפן מבטל זיין דיגאנצן פראדוקציע - וואס דאס וואלט געמיינט א געלט שאדן פאר די בעלי בתים פון מינימום א האלבע מיליאן דאלער!

דעמאלט ווען איך שפיר אז איך באקום נישט די רוקן פון די השגחה וואלט דאס געווען אסאך שווערער צו טון, אבער א גוטע השגחה געבט די פולע רוקן ביין פאר די משגיחים זיי זאלן נישט מורא האבן צו טון וואס איז ריכטיג אפילו ס'קען פון דעם ארויסקומען א גרויסע געלט שאדן.

מיט יארן צוריק נאך אין אוקריינע האב איך אמאל געארבעט פאר א שוואכערע השגחה און איך האב געשפירט דארט ווי די השגחה געבט מיך נישט די טראסט, אבער איך האב נישט געקוקט אויף דעם איך האב זיך געהאלטן שטארק צו די הלכות וואס מ'מעג יא און וואס נישט, אבער די גאנצע צייט האב איך געשפירט ווי איינער באארבעט מיר אונטער מיין רוקן, עפעס האט נישט גוט געשמעקט...

איך האב טאקע געלייגט מיין זיגל אויף אלעס וואס איך האב אדורך געקוקט, און פרובירט צו שטיין על המשמר אז אלעס זאל פארן כשורה, אבער ווען ס'איז געקומען צום סוף פונעם פראדאקשן האב איך ווידער געשפירט אז מ'באארבעט מיר און מ'טוט נישט אויסגעהאלטענע זאכן אונטער מיין רוקן, און די פראבלעם איז געווען אז דאס איז געווען א צוזאמען ארבעט פון איינע פון די השגחה פון אינעווייניג מיט די בעלי בתים וואס האבן געדארפט עקספארטן דעם פראדוקט.

דארט איז געווען א באשטאנדטייל וואס האט געהאט אויף דעם שאלות, און איך האב עס נישט געלאזט נוצן, אבער איך האב געשפירט אז צום סוף גייען זיי דאס יא נוצן אן דעם וואס איך זאל וויסן. אזוי ווי איך האב געהאט דעם פרשה האב איך שוין ביי מיר געוואוסט אז פאר דעם השגחה ארבעט איך שוין מער נישט!

מיט א צייט שפעטער האט יענע השגחה נאכאמאל מיר געוואלט נעמען פאר משגיח פאר א פסח פראדוקציע און איך האב נישט געקענט מחליט זיין אויב זאל איך עס יא נעמען אדער נישט.

למעשה האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז איך האב געטראפן דעם איד וואס איז געווען משגיח אויף דעם זעלבן פראדוקט פאר דעם זעלבן הכשר א יאר פאר דעם, און ער האט מיר געזאגט אז פאראיאר איז געווען דארט חמץ גמור! און איך האב טאקע נישט אנגענומען די ארבעט. איז אפילו פאר א פראדוקט וואס איך אליין וואלט יא געגעסן וואלט איך אונטער דעם השגחה נישט אנגענומען די ארבעט.

וואס איז פשט אז די פרייז פון כשר'ע עסן איז אזוי פיל טייערער פון די נישט כשר'ע עסן? מ'רעדט דאך דא פון פראדוקציעס פון הונדערטער טויזנטער דאלער. וואס קאסט שוין צו באצאלן פאר א משגיח וואס וועגן דעם זאל די פרייז זיין אזוי פיל טייערער?

ר' ישראל נ"יביים געבן אן השגחה אין א גרויסע פעקטערי

בס״ד

כל
מעות
ע״י הרב יעקב הלל

איר קענט נאך נעמען א זכות ביז פסח שני תשפ״ה

רופט: (845)720-7465

זכות לבנת הספיר

מו״ה אברהם שבתי מזרחי הי״ו

זכות זהב - 26 פונט

הרוצה בעילום שמו	הרב יעקב לעזער שליט״א	הרב אלחנן חיים ראטה שליט״א	הרוצה בעילום שמו

זכות כסף - 10 פונט

מו״ה מרדכי הלוי היימליך הי״ו	מו״ה מיכל ראזענפעלד הי״ו	מו״ה יואל מענדלאוויטש הי״ו	מו״ה יואל משה מייזעלס הי״ו	מו״ה מנחם שטיינבערג הי״ו
מו״ה אברהם הערש וועבערמאן הי״ו	מו״ה הרוצה בעילום שמו הי״ו	מו״ה זושא פרידמאן הי״ו	מו״ה לוי יצחק ווערטהיימער הי״ו	מו״ה ישראל מאיר ראטענבערג הי״ו

Farkas (845)898-2437

זכות נחושת - 6 פונט מצה / $100 - Copper Premium

מו״ה חיים דוד ראזענבערג הי״ו	מו״ה ישראל חיים ברוין הי״ו	מו״ה יהודה לייב ווייס הי״ו	מו״ה יצחק אייזיק אפפעל הי״ו	מו״ה יצחק אהרן וויינבערג הי״ו	מו״ה לוי יצחק האניג הי״ו	מו״ה נחמן ניישטיין הי״ו	מו״ה משה איינהארן הי״ו	לע״נ נתן ב״ר נחמן ע״ה	

זכות נחושת 4 פונט

מו״ה משה גאטליב הי״ו	מו״ה ישראל צדוק אריה הי״ו	מו״ה דוד ראזענבערג הי״ו	מו״ה שמואל אייכנשטיין הי״ו	מו״ה שמואל בלעדי הי״ו	מו״ה יעקב איידליס הי״ו	מו״ה אהרן וועבערמאן הי״ו	מו״ה נתנאל פארקאש הי״ו	מו״ה דניאל אייזנער הי״ו	מו״ה אלי׳ פערל הי״ו
מו״ה פייוול ראזענוואסער הי״ו	מו״ה מנשה איצקאוויטש הי״ו	מו״ה יהושע איינהארן הי״ו	מו״ה מרדכי ראזענבערגער הי״ו	מו״ה זעליג שפילמאן הי״ו	מו״ה שמעון קרדוזו הי״ו	מו״ה אברהם משה שטראססער הי״ו	מו״ה אשר ראנד הי״ו	מו״ה ראובן בירנבוים הי״ו	מו״ה יעקב האלפערן הי״ו

זכות 2 פונט מצה / $36

מו״ה שלום אלי׳ פעלבערבוים הי״ו	מו״ה יואל וועבערמאן הי״ו	מו״ה יוסף פעלדמאן הי״ו
מו״ה אלי׳ ציג הי״ו	מו״ה אהרן שלמה שווארץ הי״ו	מו״ה בנימין זאב זוסמאן הי״ו
מו״ה קלמן אליעזר עג׳מי הי״ו	מו״ה לייבי אפפעל הי״ו	מו״ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי״ו
מו״ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי״ו	מו״ה שבתי מארקוס הי״ו	מו״ה שמעון ראזענבערג הי״ו

זכות 1 פונט מצה / $18

מו״ה אשר יעקב בלום הי״ו	מו״ה יואל משה פליישמאן הי״ו	מו״ה אפרים פישל ברוין הי״ו	מו״ה אשר לעווי הי״ו	מו״ה הערשי בוים הי״ו	מו״ה יואל וועבעמאן הי״ו	מו״ה קלמן אליעזר מזרחי הי״ו
מו״ה נחמן נתן בוים הי״ו	מו״ה הלל ווייס הי״ו	מו״ה אלימלך ראזענבערג הי״ו	מו״ה יקתואל פעלדמאן הי״ו	מו״ה אברהם ראטענבערג הי״ו	מו״ה יואל פעדער הי״ו	מו״ה נחמן יואל וועבערמאן הי״ו
מו״ה אברהם אייזנער הי״ו	מו״ה יוסף אירגאס הי״ו	מו״ה ישראל יוסף שניטצלער הי״ו	מו״ה יואל שניטצלער הי״ו	מו״ה יהודה פייג הי״ו	מו״ה רפאל כ״ץ הי״ו	מו״ה אברהם צוויבל הי״ו
מו״ה יוסף יאקאבאוויטש הי״ו	מו״ה אייזיק ראטה הי״ו	מו״ה אברהם לעזער הי״ו	מו״ה אהרן לונגער הי״ו	מו״ה משה אהרן שטארק הי״ו	מו״ה ישראל לפה הי״ו	מו״ה אלי׳ קנגאל הי״ו

ות

חטים

פארקאש שליט"א

מיט אייער ברייטהארציגע נדבות האבן מיר בסייתא דשמיא געקענט
פארטיילן איבער 524 פונט מצות פאר אנשי שלומינו!!

Saphire - $1800 -

Gold - $500 / מצה

Silver - $180 / מצה

מו"ה יעקב הלל פארקאש הי"ו	מו"ה בניהו אונגאר הי"ו	מו"ה הרוצה בעילום שמו הי"ו	מו"ה מרדכי הערצאג הי"ו	מו"ה דוד טשינגעל הי"ו
מו"ה אליעזר שמן הי"ו	מו"ה נחמן ישראל יאקאבאוויטש הי"ו	מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו	מו"ה אברהם אלי' פרידריך הי"ו	

Copper Plus - $72 / זכות נחושת - 4 פונט מצה

מו"ה חיים ישעי' דעפריס הי"ו	מו"ה ישראל סאמעט הי"ו	מו"ה אלימלך וועבער הי"ו	מו"ה ישראל מאיר הורוויץ הי"ו	מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו	מו"ה יעקב פיש הי"ו	מו"ה שמואל דוד ברוין הי"ו	מו"ה יצחק יונה זאבעל הי"ו	מו"ה אברהם יהושע וועבערמאן הי"ו	מו"ה ישראל פוקס הי"ו

Copper - $54 / מצה

מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו	מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו	מו"ה נפתלי זאבעל הי"ו	מו"ה נח הערש ווייס הי"ו	הרב שלמה ראטה שליט"א	מו"ה אייזיק הכהן קאהן הי"ו	מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו	מו"ה אברהם דאנציגער הי"ו	מו"ה שלום ניימאן הי"ו	מו"ה שלמה ניימאן הי"ו
מו"ה יואל לאנדא הי"ו	מו"ה בן ציון יאקאבאוויטש הי"ו	מו"ה עלי מזרחי הי"ו	מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו	מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו	מו"ה לוי יצחק הורוויץ הי"ו	מו"ה אלי' זעלקאוויטש הי"ו	מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו	מו"ה דוד ב"ר נחמן ניישטיין הי"ו	

זכות 4 מצות / $10

מו"ה מרדכי אהרן האלפערן הי"ו	מו"ה שמעון פיש הי"ו	מו"ה ישראל העסקעל הי"ו	מו"ה יוסף אסטרייכער הי"ו
מו"ה משה לייב ניימאן הי"ו	מו"ה שאול גאנץ הי"ו	מו"ה אברהם חיים וויזל הי"ו	מו"ה משה אירגאס הי"ו
מו"ה יוסף פרידמאן הי"ו	מו"ה יואל לעווי הי"ו	מו"ה ישראל אהרן פיש הי"ו	מו"ה יצחק רוטנער הי"ו
מו"ה קלמן וועבערמאן הי"ו	מו"ה שלמה קרויס הי"ו	מו"ה יצחק הערש האפמאן הי"ו	מו"ה לייבי ראטה הי"ו

זכות 2 מצות / $5

מו"ה יודל טירנויער הי"ו	מו"ה ישראל שמעון שטיינבערג הי"ו	מו"ה שמואל בער שניטצלער הי"ו	מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו	מו"ה משה אריה שניטצלער הי"ו
מו"ה שמעון פארטיגאל הי"ו	מו"ה שמעון ראטה הי"ו	מו"ה הערשי שניטצלער הי"ו	מו"ה פנחס דוד וועבעמאן הי"ו	מו"ה שמעון אביש הי"ו
מו"ה אהרן יצחק אפפעלדארפער הי"ו	מו"ה ישעי' וויזעל הי"ו	מו"ה שמעון עמרם איידליס הי"ו	מו"ה יוסף סאלז הי"ו	מו"ה שלום יעקב יאקאבאווישט הי"ו
מו"ה יצחק פעלדמאן הי"ו	מו"ה חיים אהרן קליטניק הי"ו	מו"ה שלמה שטיינבערג הי"ו		

לאמיך דיר פארשטיין געבן, א השגחה איז אסאך טיפער און מער קאסטבאר ווי בלויז באצאלן פאר א משגיח צו קומען געבן א הכשר. איך אליינס בין איך לעצטנס געפארן א וועג פון פינף שעה אהין און פינף שעה צוריק בלויז אויף צו מאכן איין באשטאנדטייל פאר א פראדוקט! און דער פראדוקט דארף האבן זיכער נאך צען באשטאנדטיילן צו קענען מאכן דעם פראדוקט, און ערשט נאכדעם קען מען בכלל אנהייבן דאס צו פראדוצירן.

און עס איז נישט נאר איינער וואס פארט, ס'איז דא עטליכע משגיחים וואס פארן אויף פארשידענע אנדערע פלעצער פאר יעדן איינציגן באשטאנדטייל, און צומאל דארף מען גאר פליען צו אנדערע לענדער פאר אן איינצלנע באשטאנדטייל! און דאס אליין שלעפט אריין אין אומגעהויערע הוצאות.

א מענטש האט נישט קיין השגה וויפל מענטשן לייגן אריין שווערע שעות צו קענען ברענגען איין כשר'ע פראדוקט אויפן שעלף, סיי די משגיחים און די אפיסעס וואס דארפן אלעס איבערגיין, גאר אסאך ארבעט גייט אריין ביז מ'קען שוין ענדליך פראדוצירן א גרייטע פראדוקט מיט א גוטע הכשר.

האסטו אמאל געהאט עפעס אן אינטערעסאנטע השגחה פרטיות מעשה וואו דו האסט געקענט מונע זיין א מכשול און כאפן עפעס וואס טויג נישט ביי א פראדוקציע?

יא דאס מאכט זיך זייער אפט! איך קען נישט ארויסגעבן צופיל דעטאלן, ווייל איינע פון די זאכן וואס מ'חתמ'עט אונטער פארן אננעמען א משגיח שטעלע איז אז אלע אינפארמאציע בלייבט געהיים.

אבער דאס מאכט זיך זייער אפט, לדוגמא ווען ס'קומט צו מאכן פסח'דיגע עסן קען דער גוי צומאל ברענגען א חמצ'דיגע באשטאנדטייל, ווייל דער גוי פארשטייט נישט, נעכטן איז דאס געווען כשר און היינט נישט... פארדעם מוז מען טאקע האלטן גאר א וואכזאם אויג ביים געבן א הכשר און אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל חלילה נישט ארויסקומען קיין מכשול.

אפשר קענט איר פארציילן פאר די לייענער עפעס אן אינטערעסאנטע מעשה וואס איר האט געהאט דארכאויס די יארן פון זיין א משגיח כשרות?

איך האב אמאל געהאט אן אינטערעסאנטע מעשה, איך בין געווען משגיח אין מעזיבוז ביי א גרויסע שבת התוועדות פון איינע פון די גרויסע חצירות דא אין אמעריקע, ס'איז געקומען אפאר הונדערט חסידים מיט א גרויסע רבי. פארשטייט זיך אז צו צושטעלן עסן פאר אזא ציבור איז א גאנצע אפעראציע... און מ'האט טאקע צוזאמען געקאכט א שטורעם מיט עסן. מ'האלט שוין ערב שבת פארן זמן, אלעס איז גרייט, אלעס איז רואיג, פלוצלינג האבן זיך עטליכע חסידים געכאפט אז זייער רבי פירט זיך צו עסן שבת ביי די סעודה א גאנצע פיש אויפן טעלער.

די געטרייע חסידים זענען שנעל געלאפן און איינגעהאנדלט א שיינעם פיש פארן רבי'ן לכבוד שבת, זיי האבן עס געברענגט אין קאך און געגעבן פאר די גויטע זאל עס אריינלייגן אינעם אויוון.

וואס זיי האבן אבער נישט געוואוסט איז אז א פיש דארף מען בודק זיין דעם קאפ אויב ס'איז ריין פון ווערים, ווייל אין די קאפ פון א פיש קען זיך זייער אסאך מאל מאכן אז מ'טרעפט ווערים. אזוי ווי אבער זיי האבן דאס נישט געוויסט און ס'איז שוין געווען שפעט האבן זיי עס אריינגעלייגט שנעל אין אויוון אן דאס צו בודק זיין!

איך קום אן אינעם קאך ממש געציילטע מינוטן פארן זמן, און ס'אנטפלעקט זיך פאר מיר דא א פישל וואס איז פריער נישט געווען... האב איך געפרעגט דארט אין קאך פון וואו קומט אהער דער פישל דא? וואס איז די מעשה? האבן זיי מיר פארציילט אז די חסידים האבן דאס געברענגט ווייל דער רבי פירט זיך צו עסן פון א גאנצע פיש.

א כשר'ן פסח

א פיצי שרץ אויף א קארפ פיש

האב איך שנעל אנגעקלינגען דעם רב וואס איז געווען דער בעל מכשיר און אים געפרעגט וואס טו איך דא? קען מען דאס לאזן אזוי? וואס זאל איך טון?

האט דער רב מיר געענטפערט ניין! א פיש מוז מען בודק זיין די קאפ, מ'קען דאס נישט לאזן, בפרט אז ס'קען נאך זיין אז דער רבי וועט וועלן טיילן שיריים פונעם קאפ - קען מען דאס זיכער נישט לאזן!

בין איך געגאנגען און אראפגענומען דעם קאפ פונעם פיש און אזוי האט מען דאס סערווירט פארן רבי'ן. פארשטייט זיך אז די חסידים האבן געוואלט אראפנעמען מיין קאפ...

ביים אויסלערנען די קינדער די פאך

ווען מ'האט דאס סערווירט פארן רבי'ן האט דער רבי געפרעגט צו די פיש אין מעזיבוז וואקסן אן קעפ...

האט מען אים פארציילט די גאנצע מעשה אז ס'איז געווען א פראבלעם וועגן ווערים האט דער רבי געזאגט איר זעט דאס איז א גוטע משגיח - ער האט נישט מורא צו טון וואס איז ריכטיג, דער רבי האט זייער הנאה געהאט פון דעם.

איר האט פריער דערמאנט אז א עסן פראדוקציע קען גרינגערהייט אנקומען צו גאר גאר הויכע ציפערן אין די שווערע הונדערטער טויזנטער און אפילו מער.

ווי אזוי טאקע נעמט א משגיח די שטארקייט צו זאגן פאר א בעל הבית פון א קאמפאני "ר' איד איר האט יעצט דערלייגט דאס גאנצע געלט" פון וואו נעמט א משגיח די כוחות דאס צו קענען באווייזן אויב טרעפט מען אויס אז ס'האט פאסירט א מכשול?

די ערשטע עצה וואס איך טו טאקע וועגן דעם איך בעט אסאך דעם אייבערשטן אז ס'זאל נישט זיין קיין מכשולות און אז איך זאל קיינעם נישט מכשיל זיין, און חלילה קיינעם נישט בא'גנב'ענען.

דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס איך געב קיינמאל נישט קיין השגחה אליינס, אלץ וועל איך ארבעטן אונטער א צווייטע השגחה אונטער אן ערליכער רב צו א דיין, און אויב פאסירט

ביים איבערגיין א כשרות ריפארט מיט הרב משה בראנדסדערפער שליט"א אין אומאן

טאקע עפעס א פראבלעם ביי די קאמפאני פאלט דאס אויף זיי נישט אויף מיר, איך וויל טאקע נישט נעמען אויף מיר די אחריות. איך קען נישט די הלכות פון הפסד מועט פון הפסד מרובה אויב דארף מען פסק'ענען די סארט שאלות זאל דאס גיין גראד צום רב - דאס האט שוין נישט מיט מיר.

פארוואס טאקע עפענט איר נישט אויף אייערע אייגענע השגחה און נעמט א דיין וואס זאל ארבעטן אונטער אייערע השגחה? פארוואס זאלט איר ארבעטן פארן דיין, זאל דער דיין ארבעטן פאר אייך?

יא יא דאס טאקע וויל איך נישט... איך וויל ארבעטן פארן אייבערשטן, אויב וועט דער דיין ארבעטן פאר מיר וועט ער זיך זארגן פאר מיין טאש... דאס וויל איך נישט!

אזוי ארבעט איך פארן אייבערשטן און אויב פסק'נט דער דיין אויף א שאלה אז ס'איז גוט נעמט ער דאס אויף זיינע פלייצעס אבער אויב איך נעם די השגחה אונטער מיר, ליגט אלעס אויף מיינע פלייצעס.

ס'איז דא זייער אסאך פראדוקטן וואס מענטשן נעמען אן אז דאס דארף נישט קיין הכשר ווי למשל אלקאהאלישע געטראנקען, סעלצער, צוקער, אויל און נאך אסאך זאכן וואס מענטשן קויפן אפילו אן א הכשר. איז טאקע ריכטיג אז די סארט זאכן דארפן נישט קיין הכשר?

ס'איז נישט דא קיין גלאטע ענטפער, ס'ווענדט זיך יעדע זאך עקסטער.

למשל ביר, איך בין געווען ביי אפאר פעקטאריס פון ביר האב איך געזען אז רוב ביר איז טאקע געמאכט מיט כשר'ע באשטאנדטיילן אבער ס'איז דא פעקטאריס וואס נוצן הייוון (yeast) וואס קומט פון ווין וואס דארט קען זיין זייער הארבע שאלות.

אבער למעשה איז יא אנגענומען ביי די פשוטע אלקאהאלישע געטראנקען וואס האבן נישט קיין צוגעלייגטע טעמים אז ס'איז כשר ווייל ס'ווערט געמאכט דורך זייער א פשוטע פראסעס מיט גאר ווייניג באשטאנדטיילן וואס איז זייער גרינג נאכצוגיין.

נאך א נקודה איז אז ווען ס'קומט צו אלקאהאלישע געטראנקען זוכן די קאמפאניס געווענליך עס צו מאכן וואס מער אויף די פארצייטישע טראדיציאנאלע וועג און דירעקט נישט צולייגן נייע מהלכים אדער באשטאנדטיילן, אנדערש איז ביי נייע פראדוקטן וואו קאמפאניס זוכן אלץ צו שפילן מיט דעם צו לייגן נאך זאכן און פארבעסערן, וואס דאן פארשטייט זיך טאג מען נישט אריין נעמען אין מויל אן קיין פארלעסליכע השגחה.

למשל שמן זית ווענד זיך פון וואו דאס קומט, אויב קומט דאס פון שפאניע דאן קען מען טאקע אין רוב פעלער דאס נוצן אפילו אן א השגחה ווייל אין שפאניע איז אומלעגאל צו אריינלייגן אנדערע זאכן אין די שמן זית, און דארט טוט זיך שמן זית לרחצה אז זיי דארפן נישט אריינמישן אין דעם אנדערע זאכן.

אבער ביי שמן זית וואס קומט פון אנדערע לענדער ווי למשל טערקיי און טוניס, דארט קענען זיי לעגאל אריינמישן זאכן אין די אויל - אפילו אויפן באטל שטייט 100% שמן זית!

און וואס איז מיט זאלץ, צוקער און סעלצער וואס אויבן אויף קוקט אויס אז אין דעם קען גארנישט זיין, אריינגעמישט דאס איז טאקע ריין פון שאלות?

סעלצער אן קיין פלעיווער על פי רוב האט טאקע נישט קיין שאלות, ס'קען זיך אמאל מאכן אז די געז וואס זיי לייגן אריין אין דעם קומט פון די פארע וואס גייט ארויף פון ביר וואס קאכט, וואס דאן קען זיך שוין יא מאכן שאלות.

אויף למעשה אבער האב איך נאך קיינמאל נישט געטראפן א געהעריגע פעקטארי זאל זיך באניצן מיט די סארט געז, כמעט אלע קאמפאניס נוצן די געווענליכע סארט געז וואס האט נישט קיין שאלות.

צוקער, זאלץ און אלע אנדערע פשוטע זאכן אויף א גאנץ יאר איז טאקע כמעט נישט דא קיין שאלות, אבער ס'איז אלץ בעסער צו קויפן מיט אן השגחה.

תכלית וואס קומט ארויס איז, אז אפילו זאכן וואס קוקן אויס זייער פשוט, א מענטש מיינט אז דאס קען נישט האבן קיין שום שאלות, אפילו אויף גאר פשוטע זאכן קען זיך אלץ מאכן שאלות וואס א מענטש קען נישט טראכטן, און מ'דארף זייער אכטונג געבן וואס מ'נעמט אריין אין די מויל.

וואס איז מיט דזשוס, לאמיר זאגן אראנדזש

ביים געבן אן השגחה ביי אן אויל פעקטערי

א כשר'ן פסח

דזשוס וואס איז בסך הכל זאפט פון א מאראנץ, דארף דאס טאקע האבן אן השגחה?

די ענטפער איז אז ווי שוין פריער אויסגעשמועסט, אויב שטייט אויף א פראדוקט "הונדערט פראצענט" מיינט נאכנישט אז דאס איז טאקע הונדערט פראצענט, ווייל לויטן געזעץ מעג מען שרייבן הונדערט פראצענט, אפילו ווייניגער ווי הונדערט פראצענט.

אבער ביי אראנדזש דזשוס אפילו לאמיר זאגן אז ס'איז יא ממש הונדערט פראצענט דזשאוס קען זיך מאכן א פראבלעם פון תולעים.

נישט אלע ווייסן דאס אבער די שאלעכץ פון מאראנצן קען אפט מאל זיין ווערעמיג, און אויב ווערט דאס נישט ריכטיג גערייניגט דאן ביים קוועטשן די דזשוס קען זיך אריינכאפן ווערים פון די שאלאכטץ אין די טרינקען.

ווי אזוי ארבעט עס ווען מ'מאכט א גרויסע מעמד אין א גוי'אישע פלאץ – לאמיר זאגן א האטעל און מ'דינגט נאר ארויס איין זאל. ווי אזוי קען מען האלטן סדר אין די קאך צווישן די כשר'ע חלק וואס מ'כשר'ט פאר די מעמד און די נישט כשר'ע חלק וואס די האטעל נוצט ווייטער פאר זייערע אפעראציעס?

אסאך מאל טאקע אויב ווערט עס גאר קאמפליצירט אזוי ווי א פאל וואס איך האב לעצטנס געהאט, דאן אנשטאט צו נוצן דעם גרויסן קאך וואס איז צוגעשטעלט דארט, ברענגט מען א צייטווייליגע טרעילער קאך און מ'קאכט אלעס דארט.

אבער ביי פעלער טאקע וואס מ'נוצט איין קאך צו קאכן סיי כשר און סיי נישט כשר'ס וואס איך האב דאס שוין אסאך מאל געהאט, דאן וועלן מיר נעמען איין ווינקל אינעם קאך און דארט כשר'ן און אלעס אפזיגלען ביינאכט, צו פארזיכערן אז קיינער קען נישט צורירן דארט, און ביים קאכן טאקע דארף מען שטיין על המשמר אז מ'זאל חלילה נישט אויסמישן.

אין א פעקטארי ווי קדם למשל, ווי עס טרעט נישט אריין קיין גוי קיינמאל, דארף דארט אויך זיצן א משגיח יעדן טאג?

איך קען נישט רעדן פון קיין שום פלאץ ספעציפיש אבער אויבן אויף איז דא צוויי מיני כשרות, ס'איז דא א משגיח כשרות און ס'איז דא נאמן כשרות.

למשל ביי א קאך פון א רעסטוראנט דארף נישט זיצן קיין משגיח א גאנצן טאג, נאר מ'שטעלט לכתחילה אוועק איינע פון די ארבעטער זאלן זיין א שומר תורה ומצוות און ער איז דער וואס צינד אן די פייער און געבט אכטונג אויף די פלייש און אזוי ווייטער... דאס מיינט נאמן כשרות.

געוועונליך וועלן ביי די גרויסע אידישע פאבריקן אויך זיין אזוי אוועקגעשטעלט, אז ס'איז דא איינער א שומר תורה ומצוות וואס ער איז געשטעלט אויף אלע כשרות איינלעגנהייטן אינעם פאבריק און דער משגיח קומט און גייט און שטייט על המשמר אז אלעס זאל זיך פירן גוט.

ווי אזוי ווערט א בעל מכשיר – א בעל מכשיר? ער שטודירט אלע סארטן אינגרעדיענטס און כעמיקאלן פלעיווארס און אזוי ווייטער?

ביי מיר האב איך געהאט א סייעתא דשמיא אז הרב ג'אן שליט"א פון אומאן האט מיך זייער געשטופט אריינצוגיין אין די פעלד פון כשרות און ער האט מיך אסאך באגלייט און געלערנט.

און דאס איז ממש א גרויסע מתנה וואס איך האב באקומען פונעם אייבערשטן, ווייל געוועונליך זוכן השגחות נישט צו נעמען מענטשן אן עקספיריענס זיי זאלן זיי דארפן אויסלערנען די פאך, נאר די השגחות נעמען משגיחים וואס קענען זיך שוין גוט אויס, אבער הרב ג'אן האט זיך יא אפגעגעבן מיט מיר און מיך גרינטליך אויסגעלערנט די גאנצע תחום פון כשרות.

אבער די נקודה צו קענען אריינגיין אין כשרות איז כאפן די וועג ווי אזוי א פעקטארי ארבעט, איינמאל מ'כאפט דאס אויף, קען מען זיך שוין גרינגער דערלערנען ווייטער, דאס איז דער עיקר.

ביים אריינגאנג צו מעדוועדיווקע

פריער האט מען גערעדט וועגן מילך וואס קען זיצן אויפן שעלף פאר א לענגערע צייט, ס'איז אויך דא א פראדוקט "מילך פאודער" וואס דאס ווערט נישט דווקא געמאכט דא אין לאקאלע אידישע פעקטאריס נאר דאס קען קומען געפראסעסד פון ווייטע מדינות. ווי אזוי ארבעט דאס מאכן מילך פאודער חלב ישראל?

ס'ווענד זיך פון וועלכע לאנד דאס קומט, אמאל פלעגן די ארץ ישראל'דיגע קומען פון דייטשלאנד אבער היינט קומט עס פון אוקראינע. די אמעריקאנער קומען על פי רוב פון קאליפארניע.

טאקע אין די מער פארגעשניטענע לענדער איז אלעס אויף איין פלאץ מער וויניגער, דארט איז טאקע אסאך גרינגער צו געבן די השגחה און עס מאכן חלב ישראל - ווייל ס'איז אויך איין פלאץ.

אבער די וואס קומען פון די מער צוריקגעשטאנענע מדינות איז דאס טאקע א ריזיגע אפעראציע, ס'דארפן אראפפארן משגיחים צו פארווארפענע דערפער, אפזיצן דארט עטליכע טעג צו אפילו וואכן אויפן פארעם.

דארט אויפן פארעם קען צומאל זיין אז ס'זאל בכלל נישט זיין קיין סערוויס, קען מען זיך פאר עטליכע טעג אין א צי גענצליך אפהאקן פון די וועלט און דארט געבט מען דיר א קליינע צימער צו שלאפן, אמאל איז עס בחסד און אמאל שלאפט מען אזוי אויפן פארעם מיט די קיען...

איך געדענק ווען איך האב געוואוינט אין אומאן פלעג איך טאקע פארן אויף די פארעמס צו געבן א השגחה און דאן פלעג איך אנקומען צו די אלע שטעטלעך און דערפער וואס ווערן געברענגט אין חיי מוהר"ן.

איך פלעג דארט זיצן און קנאקן שיעורים כסדרן, פאר מיך איז דאס געווען א מחיה, אבער פאר איינער וואס האט נישט די לימודים פון רבי'ן קען מען טאקע אראפגיין פון זינען פון זיצן דארט א גאנצן טאג בלויז מיט די קיען...

די וועג ווי אזוי עס ארבעט איז אז דער משגיח מוז אריינגיין אין א ספעציעלן כשרות סיסטעם יעדעס מאל וואס מ'מעלקט, און ער מוז אריינלייגן א בילד פון זיך ביים מעלקן צו פארזיכערן אז דער משגיח איז טאקע דארט און ער ווערט נישט נעלם.

נאכדעם איז דא א מפקח וואס פארט ארום צו אלע פארעמס וואו מ'מעלקט די קיען און מאכט

ר' ישראל ביים לערנען שיעורים כסדרן אין פעקטערי

א כשר'ן פסח

מיט הרב ליפא קליין שליט"א פון התאחדות הרבנים ערב ראש השנה אין אומאן

טאקע זיכער אז דער משגיח ווייסט וואס ער טוט און ער טוט גוט זיין ארבעט.

נאכדעם וואס מ'ענדיגט די מעלקן לייגט מען אריין די מילך אין די טרעילערס, און דער משגיח זיגלט דאס אפ און דער טרעילער פארט ווייטער צום פעקטארי, וואס גייט דאס מאכן פאר מילך פאודער און דארט ווארט שוין אפּ א משגיח וואס איז בודק די טרעילער, אויב אלעס איז כשר וישר און ער שטייט דארט על המשמר ביים פעקטארי צו פארזיכערן אז אלעס איז כשר בתכלית הכשרות.

יעצט אז מיר שטייען אין די טעג פון פסח ווי אזוי גייט דאס צו דאס כשר'ן אין פעקטארי א חמצ'דיגע אויוון צו קענען באקן דארט פסח'דיגע קוקיס?

צו קענען כשרן א אויוון דארף מען מאכן "ליבון חמור" דאס מיינט מ'דארף מיט א פייער גליען די אויוון אויף ניין הונדערט און פופציג גראַד. ס'איז טאקע דא אסאך הכשרים וואס ווילן נישט כשר'ן קיין אויוון וואס איז חמצ'דיג - פאר פסח'דיגע עסן.

אבער דאס איז נישט נאר נוגע פאר אויוונס, ס'איז דא אסאך מאל וואס מ'דארף כשר'ן מיט ליבון חמור די ריזיגע טאנקען, דארף א משגיח אריינגיין מיט פייער אינעם טאנק און גליען די גאנצע טאנק אויף ניין הונדערט און פופציג גראַד, און דאס קען צומאל נעמען א טאג צייט!

ווי שווער דערמאנט ארבעט דאס מאכן א פראדוקציע אז מ'גייט אראפ צו א גוי'אישע פעקטארי' וואס זיי האבן שוין רעסעפיס און מ'כשרט אלעס און מ'מאכט א כשרע פראדוקציע. וועלכע גוי'אישע פעקטארי' פראדוצירט די פסח קוקיס? דאס איז דאך פונקט גוט פאר אידישע קינדער פון ערב פסח ביז מוצאי פסח...

קודם כל איז טאקע דא פעקטאריס וואס דו קענסט קומען דארט מיט דיינע רעסעפיס און דיינע זאכן און נאר מאכן דארט די פראדוקציע וואס דו ווילסט מאכן, און דערנאך איז שוין היינט זייער פאפולער ביי די גוים צו מאכן גלוטען פרייע עסן פאר געזונטהייט סיבות וואס מיט א גוטע הכשר איז דאס כשר לפסח.

נאכדעם זענען טאקע דא פעקטאריס, היימישע פעקטאריס וואס מאכן נאר פסח'דיגע מאכלים און געבעקסן, בעיקר איז דאס שטארק פאפולער אין ארץ ישראל.

נאך אן אינטערעסאנטע כשרות שאלה וועגן פלייש, מ'זעט אסאך מאל אז גוי'אישע געשעפטן ווי וואלמארט פארקויפן כשר'ע פליישן ווי קאלד קאטס מיט פרענקס. זענען די פליישן געפאקט חותם בתוך חותם אז מ'זאל דאס מעגן קויפן ביי א גוי'אישע געשעפט?

יא! די וועג ווי אזוי חותם בתוך חותם ארבעט היינט איז אז די ערשטער חותם איז די סיעל פון די פעקל וואס ווערט געסיעלט ביי די פעקטארי' און די צווייטער חותם איז די לעיבל וואס ליגט אויפן פעקל. דאס איז נישט נאר נוגע אין וואלמארט נאר סיי וועלכע געשעפט וואס האט גוי'אישע ארבעטער פארלאזט מען זיך אויף דעם.

צום שלוס אויב קענט איר איבערגעבן - זייט איר זענט מקורב געווארן צו דער ראש ישיבה האט זיך עפעס געטוישט ביי דיין ארבעט? איז דא היינט עפעס וואס דו טוסט אנדערש ווי אמאל אלס א תלמיד היכל הקודש?

יא! איינע פון די וויכטיגסטע זאכן פון זיין א משגיח איז האבן זעלבסט זיכערקייט. פאר איך בין מקורב געווארן האב איך אנגענומען נאר די מער קלענערע פאסטענעס ווי זיין משגיח ביי א קאך און אזוי ווייטער, אבער זייט איך בין מקורב געווארן צו דער ראש ישיבה האב איך באקומען א שטארקע זעלבסט זיכערקייט וואס געבט מער די שטארקייט צו קענען אונטערנעמען צו כשר'ן ריזיגע פעקטאריס.

און דאס איז זייער וויכטיג, ווייל די פעקטארי' שפירט גראד אויב איז געקומען דא א שטארקע מענטש וואס ביי אים איז נישט דא קיין חכמות אדער האט אריינשפאצירט א לעמעלע וואס מ'קען מיט אים ארומשפילן...

אזוי אויך האב איך דא באקומען א ווייב... דער ראש ישיבה לערנט דאס חשיבות פון ווייב און איינמאל מ'לעבט מיט די לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט און מ'לעבט אינאיינעם געשמאק, שפירט מען וואו מ'האט א רוקן ביין פון די ווייב און דאס געבט זייער אסאך שטארקייט.

פארשטייט זיך אויך אז דאס וואס איך האב באקומען די דרך הלימוד פונעם הייליגן רבי'ן איך קען זיצן שעות אין פעקטארי און נישט אייביג איז דא ארבעט צו טון, קען איך גיין אין די זייט מיט א פעקל ספרים און לערנען מיינע שיעורים, אדער גיין א שפאציר מיטן אייבערשטן זיך אויסשמועסן מיין הארץ - דאס איז ממש א מחיה!

א גרויסן יישר כח ר' ישראל פארן אראפגעבן פון אייערע טייערע צייט פאר די קרית ברסלב בלעטל לייענער, דאס וועט זיכער ווייזן דעם וועג פאר אנדערע, צו זען אז ווען מען איז מקורב צום רבי'ן איז מען גאר שטארק מצליח, בגשמיות וברוחניות, די לימודים פון רבי'ן קומען אריין איבעראל אינעם לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ווען די שורות ווערן געלייענט זאלן מיר שוין זיצן אין ירושלים און זוכה זיין קענען עסן פונעם קרבן פסח.

א באזונדערע יישר כח פאר ר' יואל וועבערמאן נ"י פארן ארויסהעלפן מיט גוטע אינפארמאציעס שאלות אז די חשובע לייענער זאלן קענען הנאה האבן לכבוד יו"ט.

איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

אייזן און מאגנעטן

שאלה

איך האב געליינט וואס איר האט געשריבן איבער וויאזוי מאגנעטן ציען זיך איינער צום צווייטן צוליב זייער דרום און צפון פאולס וואס ציען זיך איינע צום צווייטן. עס איז אבער באקאנט אז מאגנעטן ציען זיך אויך צו אייזן. מיין שאלה איז וואס מאכט אייזן זיך ציען צום מאגנעט, און צי זענען דא נאך מאטריאלן וואס ציען צום מאגנעט?

ענטפער

ווען מיר ברענגען אַ מאַגנעט מיט א שטיקל אייזן נאנט איינע צום צווייטן, פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך - דער שטיקל אייזן ווערט אויך מאגנעטיש און קלעבט זיך צוזאם צום מאגנעט. וואס פּאַסירט דא?

כדי צו ענטפערן די שאלה דארף מען קודם רעדן איבער "פּערעאָמאגנעטישע מאטריאלן" - דאָס זענען מעטאלן ווי אייזן, ניקל, און קאָבאַלט, וואס זיי ווערן צוגעצויגן צו מאגנעטן. אסאך מעטאלן, צום ביישפיל גאלד, זילבער און קופער זענען בכלל נישט "פערואמאגנעטיש", זיי ווערן נישט מחובר צום מאגנעט.

וואס זענען די פערואמאגנעטישע מעטאלן אנדערש? זיי האבן נאטירליך פיצעלע מאגנעטישע פעלדער אין זיך, אין געווענליכע אומשטענדן - זענען די קליינע מאגנעטישע פעלדער געוואנדן צומישט אין אלע ריכטונגען, און זיי זענען זיך מבטל איינע דעם צווייטן, און עס באקומט נישט קיין מאגנעטישער כח, אבער ווען עס קומט אריין א מאגנעט נעבן זיי, צווינגט דער מאגנעטישער פעלד פון מאגנעט אלע קליינע מאגנעטישע פעלדער זיך אויסצוגראדן אינעם זעלבן ריכטונג פונעם מאגנעט, און דער אייזן ווערט אליינס צייווייליג מאגנעטיש.

קענסט עס אליינס אויספרובירן. נעם צוויי אייזערנע פאפיר קליפס, און לייג זיי איינע נעבן צווייטן. עס וועט גארנישט פאסירן, הענג אן איין פאפיר קליפ אויף א שטארקע מאגנעט, און וואונדער איבער וואונדער וועסט קענען צוטשעפענען דעם צווייטן קליפ צום ערשטן, און אזוי מאכן א לאנגע קייטל פון קליפס.

אין אונזער לעבן האבן מיר ממש די זעלבע זאך, מיר דרייען זיך דא אויף דער וועלט, און דער סמ"ך מ"ם פרובירט מיט אלע כחות אונז צו מאכן פארגעסן ווער עס פירט די וועלט, און פארוואס מיר זענען דא.

אבער די גוטע נייעס איז אז מיר זענען "פערואמאגנעטיש", מיר קענען ווערן מאגנעטיש און ציען צום אייבערשטן, דאס איז אויב מיר זענען זיך מדבק צום צדיק, מיר לערנען זיינע ספרים, מיר פאלגן זיינע זיסע עצות, און אויב מיר טוען אזוי ווערן מיר נישט נאר צוגעצויגן צום אייבערשטן, נאר מיר ווערן אליינס מאגנעטן, מענטשן וואנדערן זיך פון ווי די תלמידים פונעם צדיק האבן אזעלכע דיבורים, "פון וואו קומט אזא שפראך צו פשוטע מענטשן".

מען זעט מענטשן וואס לעבן דא אויף דער וועלט מיט ביידע פוס, זיי האבן ביזנעסער, שיינע הייזער, שיינע קארס, אבער זענען אין די זעלבע צייט דבוק צום אייבערשטן אויף די מדריגה פון צדיקים. מען קען הערן פון בעלי דרשנים וואס פרעדיגן "אויף דער וועלט קען מען נישט האבן ביידע, עס גייט נישט צוזאמען, אדער א שיינע קאר, אדער ביסטו אן ערליכער איד", דער בעל דרשן וויסט נעבעך נישט פונעם סוד, אז אויב מען גייט צום צדיק האט מען ביידע וועלטן.

נישט נאר דאס, מען קען נאר האבן דער וועלט אויב מען האט א צדיק, און מען לעבט מיטן אייבערשטן.

עס איז זייער אינטערסאנט דער וועלט פון מאגנעטן, צום ביישפיל מיר האבן יעצט געשריבן איבער די פערואמאגנעטישע מאטריאלן וואס קענען ווערן צייטווייליגע מאגנעטן אויב מען לייגט זיי נאנט צו א מאגנעט, אבער עס זענען פאראן פארשידענע מעטאדן צו מאכן די אייזן אין א פערמענאנטע מאגנעט, דורך היץ און אנדערע וועגן.

אויב חס ושלום מיר לאזן אפ דעם צדיק, קען מען חלילה אוועקפאלן פונעם אייבערשטן, אבער מען קען אלץ תשובה טון, צוריק קומען צום אייבערשטן און פאלגן זיינע צדיקים און אזוי וועלן מיר זיין אמת'ע ערליכע אידן.

ראונדאבאוטס

שאלה

איך וואונדער מיר פארוואס מען בויעט נישט מער ראונדאבאוטס ביי אונז אין ניו יארק סטעיט. אין אנדערע פלעצער אין די וועלט זעט מען עס אסאך מער, און די טראפיק פלוסט דארט אסאך בעסער. יואל ב. קרית יואל

ענטפער

מען זאגט אז אידן ענטפערן אלץ מיט א שאלה, בפרט יעצט אז מען האלט ביים יום טוב פסח דער יום טוב פון שאלות. איך האב אן אנדערע קשיא, ביטע שריי נישט אריין פאר דו ענדיגסט, איך האף אז צום סוף וועסטו פארשטיין מה ענין שמיטה אצל הר סיני

איך וואונדער מיר עפעס אנדערש, פארוואס איז דעם הייליגן רבינ'ס סדר דרך הלימוד נאך אלץ א סוד. טויזנטער בחורים דרייען זיך ארום סיי אין ישיבה, און כל שכן יעצט אין די אזוי גערופענע בין הזמנים טעג, זיי גייען אויס פאר ליידיג גיין. פארוואס זאל מען זיין נישט אויסזאגן דעם סוד אז מען קען "זאגן" גמרא, מען קען "זאגן" משניות, און זאגן כל התורה כולה?

איידער מיר גייען ענטפערן דעם צווייטן שאלה, לאמיר צוריק גיין צו דיין שאלה, און אביסל באטראכטן די ראונדאבאוטס. פאר די וואס ווייסן נישט פון וואס מען רעדט: א ראונד אבאוט איז אן אינטערסעקשאן (ווי איינס אדער מערערע ראודס טרעפן זיך צוזאם) וואס איז אנדערש ווי דער אמאליגער פשוטער ווינקל'דיגער אינטערסעקשאן. דער ראונד אבאוט לייגט א סוריקל ראוד ביים צוזאם טרעף, ווי אלע מוזן זיך דרייען צו רעכטס (אין ענגלאנד צו לינקס) נישט קיין חילוק וואו מען וויל פארן, ביי די אלטמאדישע אינטערסעקשאן, לייגט מען געווענליך א סטאפ סיין אדער טרעפיק ליכט, בשעת ביים ראונד אבאוט פארט מען געמיטליך דורך דעם אינטערסעקשאן.

דו פרעגסט זייער גוט, ווייל די מעלות פון א ראונד אבאוט קעגן א פיר וויקלען אינטערסעקשאן איז זייער שטארק, לאמיר אביסל באטראכטן איינע קעגן צווייטן: דער ווינקל'דיגער אינטערסעקשאן, דארף מען כמעט אלעמאל סטאפן, און די ריזיגע פון אן עקסידענט ח"ו איז סאך מער, עס קען דערהייבן וויניגער קארס. מה שאין כן דער ראונדאבאוט דארף מען כמעט קיינמאל נישט סטאפן, און אפילו ווען עס פאסירט שוין אן עקסידענט ח"ו איז עס געווענליך לייכטער, די גאנצע טרעפיק פלוסט אסאך בעסער, און קען דערהייבן אסאך מער קארס.

איז פארוואס טאקע מאכט מען עס נישט, היינו טעמא דשופר היינו טעמא דמגילה. וויאזוי זעט אויס איינער וואס לערנט סדר דרך הלימוד? מען לערט געשמאק, עס פארט פלוסיג, מען בלייבט נישט שטעקן אויב מען פארשטייט נישט, און מען קומט אן אסאך מער. איינער געבט א מאך מיט די הענט "זאגסט אדער דו לערנסט", און מפטירין כדאתמול, פאר דעם אדער אזעלעכע זינלאזע ליצנות, וועלן טויזנטער בחורים גיין ליידיג און צינדן פייערס, ווייל זיי גייען שוין אראפ פון זינען פון נישט האבן וואס צו טון מיט די צייט.

אין אמעריקע איז מען נישט אזוי שטארק צוגעוואוינט צו ראונדאבאוטס, און מען קוקט עס אן מיט פארדאכט, און כאטש די טענות קעגן די ראונדאבאוטס זענען נישט אמת, מאכט עס אז די לאקאלע רעגירונגען כאפן זיך נישט צו דערצו. מען זאגט - צוםביישפיל - אז ראונדאבאוטס זענען טייערער אויפצוהאלטן, אזאך וואס איז נישט אמת, אזוי אויך געוואוינהייט שפילט א גרויסע ראלע, די לאקאלע רעגירונג אינדזשענירן קענען זיך בדרך כלל נישט צו גוט אויס מיט ראונדאבאוטס, וואס האלט זיי צוריק פון עס איינפירן.

די גוטע נייעס אבער איז אז די זאך טוישט זיך ב"ה. מער און מער בחורים, אינגעלייט, הערן פונעם סדר דרך הלימוד, צי פון א קארטל, א גליון, א סידי, און ווער עס קאסט די טעם דערפון, דארף שוין גארנישט, עס זענען שוין פאראן טויזטער בחורים וואס לערנען דעם סדר דרך הלימוד, און שפירן די זיסע טעם פון די הייליגע תורה, זיי האבן שיעורים אין כל התורה כולה, משניות, גמרא, מדרשים, זוהר, און אזוי ווייטער.

די זעלבע זאך פסירט מיט די ראונדאבאוטס. צוביסלעך קומט עס אריין מער און מער, אפילו ביי אונז אין ניו יארק, און ווי עס זעט אויס וועט מען עס אנהייבן צו מאכן מער אין די קומענדיגע יארן.

געדאנקען

ווער עס קושט די מזוזה איז
באוויליגט פאר'ן אייבערשטן

עס איז דא גאר אסאך רמזים, טייטשן, חסיד'ישע דערהערן, לומדישע קוועטשן, אויף די סימנים פון די סדר. אמאל האב איך געהערט א ברסלב'ע חסיד רעדן פון די זאך פון "נרצה" ווער עס טוט די אלע זאכן איז "באוויליגט" פאר'ן אייבערשטן.

די געלונגענע מלמדים פרובירן אלץ צו פארשטיין געבן פאר די קינדער אויב ס'קומט אונטער א ווארט וואס מ'נוצט נישט אזוי טאג טעגליך, אז די קינדער זאלן פארשטיין וואס מ'רעדט.

באוויליגט איז פון די ווארט "ווילן". נרצה ווער עס טוט די אלע זאכן איז באוויליגט פאר'ן אייבערשטן, דאס הייסט דער אייבערשטער "וויל" מיך. דער אייבערשטער איז "אינטערעסירט" אין מיר.

אזוי ווי א מענטש ווען ער גייט אין גאס, ווען ער זעט א פעני אויפ'ן פלאר איז דאס נישט באוויליגט פאר אים, ער גייט ווייטער און פארגעסט דערפון אין איין רגע, אבער ווען ער זעט א הונדערטער אויף דער ערד איז דאס שוין איינמאל "באוויליגט".

און ווער רעדט נאך ווען ער זעט א בינטל פון הונדערט הונדערטערס, צען אלפים, דעמאלטס גרייכט די "באוויליגונגס" לעוועל ביז'ן דאך, ער איז ממש נישט באזוך פון די באוויליגונג וואס ער איז באוויליגט פון די בינטל מייקעלער וואס ער האט געפינען אויפ'ן גאס.

דאס איז א ברעקעלע פון די באוויליגונג וואס דער אייבערשטער האט פון דיין כזית מצה, פון דיין ד' כוסות.

כ'האב געהערט פון א ברסלב'ע חסיד, לגבי חומרות פון פסח, אז די מערסטע חומרות לייגט ער אריין אין די נרצה, אין די באוויליגונג.

שוין פון צוועלף חדשים פאר פסח חזר'ט ער שוין אין די נרצה אז די באוויליגונג זאל אים אריין גיין אין די ביינער.

און אזוי חזר'ט ער צו זיך:

נרצה, ווער עס לייגט תפלין איז באוויליגט פאר'ן אייבערשטן..

נרצה, ווער עס קושט די מזוזה איז באוויליגט פאר'ן אייבערשטן.

נרצה, ווער עס רעדט שיין צו די ווייב און קינדער איז באוויליגט פאר'ן אייבערשטן.

נרצה, ווער עס רעגט זיך נישט אויף איז באוויליגט..

נרצה ווער עס האט זיך אויפגערעגט און ער בעט נאכאמאל "אייבערשטער העלף איך זאל נישט זיין קיין כעסן דער איז באוויליגט, דער אייבערשטער "וויל" אים, דער אייבערשטער פריידט זיך מיט אים".

אין הימל איז מען באוויליגט פון יעדע קלייניגקייט וואס א איד וויל זיין גוט. אין הימל קוקט מען אויף די הארץ פון די מענטש, אין הימל פריידט מען זיך צו יעדע קלייניגקייט. אין הימל קוקט מען זייער חשוב אויף א איד. צדיקים קוקן זייער חשוב אויף א איד.

אזוי ווי ס'איז באוואוסט דער טייטש, "עיני השם אל צדיקים", צדיקים האבן דעם אייבערשטן'ס אויגן, צדיקים האבן רחמנות'דיגע אויגן, צדיקים קוקן מיט א אויג פון רחמנות אויף יעדן איד, און אודאי אויף די ווייב און קינדער, און אויך אויף זיך אליין, א צדיק טרעפט א זכות אויף זיך.

לכבוד חול המועד האבן מיר א שטיקל פלאן צו פארברענגען אביסל מיט די ספעציעלע גלעזער. מיר ווילן זיך אנטון די

איבערלעבענישן,
אנאליזן און
געדאנקען

משה אריה שניצלער

"רחמנות'דיגע גלעזער" און קוקן מיט רחמנות אויף יעדן, "ורחמיו על כל מעשיו", דער אייבערשטער קוקט אויך מיט רחמנות אויף יעדן. און אוודאי וועלן מיר קוקן אויף זיך אליין מיט די רחמנות'דיגע גלעזער און זאגן פאר'ן אייבערשטן אז עכט וויל איך יא זיין גוט, און טרעפן אין זיך נקודות טובות.

אויך האבן מיר א ספעציעלע חול המועד פלאץ וואו מיר וועלן זען נפלאות הבריאה! מיר וועלן זען די וואונדער פון דעם אייבערשטן וואס ער האט אריינגעלייגט אין יעדן איד א הייליגע נשמה וואס וויל זיין גוט! ממש נפלאות הבורא! די פלאץ געפינט זיך דא אין ניו יארק סטעיט, נישט ווייט פון וואו מיר זענען!

אויך האט מיר איינער אמאל דערציילט פון זיין חול המועד, אז זיינע קינדער האבן געמוטשעט אז זיי ווילן גיין זען חיות, האט ער זיי געוויזן אויפ'ן גאס אז ס'איז פול מיט נישט אידן וואס טראכטן נישט פון דעם אייבערשטן און לעבן ווי חיות......

שכח אייבערשטער פאר די נס פון "נרצה", די נס פון "וועלן" זיין גוט, נישט אפלאזן די ווילן, זיך פרייען מיט יעדע גוטע נקודה.

דאס איז דאך די חילוק פון די מכת חושך מענטשן, און די וואס האבן זוכה געווען צו זען דעם אייבערשטן ביי קריעת ים סוף.

ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, און זענען אנגעקומען ביים ים סוף, האט דער ים גע'טענה'ט צום אייבערשטן, הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה, דער ים האט גע'טענה'ט אז ער דארף זיך נישט שפאלטן פאר די אידן ווייל ס'איז דא ביי זיי עבודה זרה, אבער דער אייבערשטער האט געהייסן אז ער מוז זיך יא שפאלטן.

לכאורה, פארוואס ביי די מכת חושך לצים, האט דער אייבערשטער זיי אויסגע'הרג'עט ביי די מכה פון חושך, ווייל זיי האבן נישט געטויגט, און דא ביים ים האט דער אייבערשטער גע'טענה'ט מיט'ן ים ער זאל זיך יא שפאלטן? מ'רעדט דאך דא פון עבודה זרה?!

די קושיא האט דער דיין שליט"א אויסגעשמועסט ביי שלש סעודות, שבת קודש פרשת ויקהל.

האט דער דיין געענטפערט זייער פשוט, ביידע זענען טאקע די זעלבע, ביידע טויגן נישט, ביידע האבן געטון נישט גוטע זאכן, די חילוק איז פשוט, איינער טראכט נאך אז ער "וויל" זיין גוט, הלואי וועל איך נאך איין טאג זיין גוט און וואויל, און איינער טראכט, א גוטן טאג, ס'גייט במילא נישט, פארוואס זיך עסן די קושקעס אומזיסט, איך וויל נישט זיין ווי די בטלנים וואס סטראגלען ביז'ן לעצטן טאג, ס'וועט מיר במילא נישט גיין, פארוואס זאל איך אפילו פאר איין רגע אויפגעבן מיינע תאוות?..... אן ערליכער איד וועל איך במילא קיינמאל נישט זיין, איז, פארוואס זיך מוטשען? (השם ישמרינו).

דער וואס "וויל" נאך, איז אזוי חשוב אז דער ים מוז זיך שפאלטן פאר אים! אפילו זיינע מעשים זענען נאך גאר שוואך, אבער זיין הארץ וויל זיין גוט.

דער וואס לאכט זיך נעבעך אויס אז ס'איז נישט כדאי צו פרובירן, ווייל ס'וועט במילא נישט גיין, אים האט דער אייבערשטער אין די זייט געלייגט ווען ס'איז געווען שטאק טונקל אין מצרים.

אז מ'לעבט מיט א צדיק איז די גאנצע לעבן א "נרצה" לעבן. אז מ'רעדט צום אייבערשטן איז אלעס באוויליגט, דער אייבערשטער וויל מיר, איך וויל דעם אייבערשטן, איך בין באוויליגט פון מיין דזשאב, פון מיין ווייב, פון מיינע קינדער, פון טאטע מאמע שווער שוויגער, ס'איז איין שטיק נרצה.

אויב דו זאגסט "באשעפער איך וויל זיין גוט" וועט דער אייבערשטער מאכן פאר דיר נסים אזוי ווי קריעת ים סוף.

אזוי ווי א מענטש ווען ער גייט אין גאס, ווען ער זעט א פעני אויפ'ן פלאר איז דאס נישט באוויליגט פאר אים, ער גייט ווייטער און פארגעסט דערפון אין איין רגע, אבער ווען ער זעט א הונדערטער אויף דער ערד איז דאס שוין איינמאל "באוויליגט".

א מַעֲשֶׂה
פון א צדיק

פֶּסַח אוֹיפְדֶערְנַאכְט

דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעזֶעצְן פֶּסַח בַּיינַאכְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים בַּיים הֵיילִיגְן סֵדֶר טִישׁ, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן נִישְׁט גֶעהַאט צוּפִיל כֹּחַ, הָאט עֶר מִיט זַיינֶע אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע כֹּחוֹת אַרַיינְגֶעלֵייגְט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אִינְמִיטְן דִי סֵדֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵּד אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטֶערְן מַגִּיד צוּ הֶערְן זַיין דִּבְרֵי תּוֹרָה, אוּן אָט הֶערְט וִוי דֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד זָאגְט אַ גַאנְצֶע תּוֹרָה פַארְוָואס עֶס אִיז אָסוּר צוּ עֶסְן גֶעבְּרָאקְטְס אִין פֶּסַח, וָואס בַּיי חֲסִידִים הָאט אוֹיף דֶעם שְׁטַארְק מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אוּן אִיז מַסְבִּיר דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן עַל פִּי סוֹד, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְוָואס אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח פִירְט מֶען זִיךְ שׁוֹין יָא צוּ עֶסְן

דֶער מִתְנַגֵּד הֶערְט דִי וֶוערְטֶער אוּן רוּפְט זִיךְ אָן מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה: "דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג פֶּסַח אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט דֶערְלֶעבְּן צוּ עֶסְן גֶעבְּרָאקְט, עֶס וֶועט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין דַיין מוֹיל".

דֶער הֵיילִיגֶע קָאזְנִיצֶער מַגִּיד הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן אַ קוּק גֶעטוּן אוֹיף דֶעם מִתְנַגֵּד אוּן דֶער מִתְנַגֵּד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוֹיפְן פְּלַאץ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ אוּן מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְט גוֹיִם אִים אַרוֹיסְצוּפִירְן.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח אוּן דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד הָאט דַאן דֶערְצֵיילְט דֶעם גַאנְצְן סִיפּוּר אוּן גֶעזָאגְט "אִיךְ הָאבּ אַייךְ מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פַארְוָואס הַיינְט פִירְט מֶען זִיךְ שׁוֹין יָא צוּ עֶסְן גֶעבְּרָאקְט, אוּן אַ מִתְנַגֵּד הָאט גֶעלַאכְט אוֹיף דֶעם, הָאבּ אִיךְ אַ קוּק גֶעטוּן אוֹיף אִים אוּן עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן".

דִי קִינְדֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן קָאזְנִיצֶער מַגִּיד הָאבְּן פוּן דֶעם פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶעדֶעס יָאר אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע דִי צַדִּיקִים פוּן דֶער קָאזְנִיצֶער הוֹיף זִיךְ גֶעפִירְט נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּנֶעם קָאזְנִיצֶער מַגִּיד צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, כְּדֵי אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי תַּלְמִידִים דִי וִויכְטִיגְקֵייט אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן א מִנְהָג יִשְׂרָאֵל, אוּן וִוי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם. אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען בִּיזְן אוּר אֵיינִיקְל.

בִּיז אֵיינְמָאל הָאט דֶער אוּר אֵיינִיקְל פוּנֶעם קָאזְנִיצֶער מַגִּיד גֶעהַאט אַ חָלוֹם וִוי דֶער מִתְנַגֵּד וֵויינְט אוּן זָאגְט: "טוּט מִיר אַ טוֹבָה הֶערְטְס אוֹיף רֶעדְן פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה אִין עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ, וִוי לַאנְג עֶטְס דֶערְצֵיילְטְ'ס דִי מַעֲשֶׂה אַז אִיךְ הָאבּ גֶעלַאכְט אוֹיף עֶנְקֶער זֵיידֶע'ס תּוֹרָה דְרֵיי אִיךְ זִיךְ אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ".

דֶער אוּר אֵיינִיקְל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קָאזְנִיצֶער מַגִּיד'ס צִיּוּן עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁפַּארְט אִינֶעם אוֹהֶל, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען דָארְט, פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: זֶעט מֶען פוּן דָא וִוי מֶען טָאר נִישְׁט לַאכְן פוּן אַ עֶרְלִיכְן אִיד, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֵייט נִישְׁט גְלַייךְ קוּמֶען צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן זָאגְן זַיי עוֹבֵר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה! נָאר עֶר גֵייט אָנְהֵייבְּן מִיט אַ צַדִּיק זָאגְנְדִיג: וָואס פֶּעלְט עֶס אוֹיס? וואוּ שְׁטֵייט עֶס? צוּ דֶען אַלֶע אִידְן פִירְן זִיךְ מִיט דֶעם חוּמְרָא? אוּן פוּן דָארְטְן וַוייטֶער רֶעדְט עֶר צוּ דֶער מֶענְטְשׁ בִּיז עֶר מַאכְט אִים עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע רח"ל.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט מִיטְגֶעלֶעבְּט זַייעֶנְדִיג אַ בָּחוּר: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ זוּנְטָאג אִינְדֶערְפְרִי אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ נָאכְן דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען רֶעדְן אַנְטְקֶעגְן דֶער הֵיילִיגְן גָארְלִיצֶער רָב אַ זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב דֶער בַּעַל דִּבְרֵי חַיִּים זי"ע, וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אוּן זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִיז עֶר שְׁטֵייעֶנְדִיגֶערְהֵייט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיפְן עֶרְד, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפֵּייעֶן בְּלוּט אוּן דָארְטְן אוֹיפְן פְּלַאץ גֶעשְׁטָארְבְּן. אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ וִוי שְׁרֶעקֶעדִיג עֶס אִיז צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ צַדִּיק.

וואוֹיל אִיז אוּנְז וָואס נִישְׁט נָאר מִיר רֶעדְן נִישְׁט אוֹיף צַדִּיקִים, נָאר מִיר גֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, מִיר פָאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס זֵיי גֶעבְּן אוּנְז אִיבֶּער.

(אשר בנחל חלק מז' מכתב ח' תקפח בריוו 8,588)

דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קי"ד

פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֵויילְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. דָאנֶערְשְׁטָאג, ט"ז אָדָר, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט קוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי נָתָן אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אִין דִי פֶעלְדֶער אוּן בֶּערְג אַרוּם מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים וֶועגְן תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן קִינְד פוּן ר' מֵאִיר, אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן.

מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה כַּךְ הָיָה: אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד אַן עוֹשֶׁר מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מֵאִיר, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ, בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים פְלֶעגְט מֶען אִין זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים אוּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן אִין גָאלְדֶענֶע כֵּלִים, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער.

אֵיינְמָאל אִיז זַיין וַוייבּ גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעוואוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זִי ווִיל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִין שְׁטוּבּ פוּן אֵיין וַואנְט צוּם צְוֵוייטְן, זַיין פָּנִים הָאט גֶעבְּרֶענְט מַמָּשׁ ווִי אַ פֵייעֶר, אוּן זִי הָאט שׁוֹין חֲרָטָה גֶעהַאט אַז זִי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק מַטְרִיחַ גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי וֶועט זוֹכֶה צוּ אַ זוּן, אָבֶּער זֵיי וֶועלְן מוּזְן פַארְלִירְן דָאס עַשִׁירוּת, זֵיי וֶועלְן וֶוערְן אַזוֹי אָרֶעם אַז זֵיי וֶועלְן נָאר הָאבְּן אֵיין טַלִית קָטָן פַארְ'ן קִינְד, אוּן וֶוען מְ'וֶועט עֶס דַארְפְן אוֹיסְוַואשְׁן, וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין אַנְדֶערֶע אָנְצוּטוּן דֶערְוַוייל, נָאר מְ'וֶועט דַארְפְן וַוארְטְן בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְטְרוּקֶענֶען. אוּן זִי הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז זִי דַארְף קוֹדֶם אַהֵיימְגֵיין פְרֶעגְן אִיר מַאן אוֹיבּ עֶר אִיז אוֹיךְ מַסְכִּים.

זִי הָאט טַאקֶע גֶעפְרֶעגְט אִיר מַאן, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל.

דֶערְוַוייל אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ יָארְן, דֶער רֶבִּי אִיז אִינְצְווִישְׁן גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אַ שְׁטִיק צַייט אִין זְלַאטִיפָּאלִי, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט יֶעצְט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע לְכָבוֹד דִי חֲתוּנָה, אִיז עֶר נִישְׁט אַרַיין צוּ זֵיי אִינְדֶערְהֵיים. נָאר אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין שׁוּל אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דָארְט דֶעם אִינְגְל פוּן ר' מֵאִיר, עֶר הָאט אִים פַארְהֶערְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקְרֶעכְצְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אוֹי, אַ גְרוֹיסֶע שָׁאד".

דָאס קִינְד אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן דָאס אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט פַאר זַיין מַאמֶע, אוּן זִי הָאט גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם, אוּן יֶענֶעם פַארְנַאכְטְס אִיז דָאס קִינְד נֶעבֶּעךְ נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דִי מַאמֶע הָאט זִי פַארְשְׁלָאסְן אִין אַ צִימֶער, זִי הָאט גֶעוֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט טְרֵייסְטְן, זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ קֵיינֶעם.

דָאס אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער דַאטוּם פוּן דִי חֲתוּנָה פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, אוּן דַאן אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיין צוּ זֵיי אִינְדֶערְהֵיים. זִי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן שְׁטוּבּ אוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִיר דִי אֲבֵלוּת, וַוייל דִי חֲתוּנָה וֶועט זַיין בַּיי זֵיי, אוּן זִי וֶועט זַיין דִי מְחוּתֶּנֶתְ'טֶע.

זִי הָאט עֶס טַאקֶע אָנְגֶענוּמֶען, זִי הָאט צוּגֶעגְרֵייט אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן פַאר דִי חֲתוּנָה אוֹיף אַ רַייכֶע פַארְנֶעם, ווִי גְרוֹיסֶע גְבִירִים אוּן נְגִידִים.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

קוק אהער

מכות ביים סדר!

כהן? כהן? ס'דא א כהן? נישט דא קיין כהן? אין כאן כהן!

לוי? לוי? א לוי איז דא? ניין? נישט דא קיין לוי? שוין אין כאן לוי!

ישראל? ישראל? איז דא א ישראל? ניין? נישט דא קיין ישראל? אלעס איז געגאנגען פייפן? דער כהן דער לוי מיטן ישראל?

אלע ערב פסח מצות זענען געווארן מצה מעל? רבונו של עולם איך האב נאכנישט געזאגט קדש אפילו....

שכח אייבערשטער פאר מיינע געזונטע קינדער!

"אייבערשטער העלף איך זאל מיך נישט אויפרעגן!"

א מינוט, פארוואס איז מיין פוס נאס? וואו איז דיין בעכער? וואס מיינט דו ווייסט נישט? דאס איז כוס א'... וואס וועט זיין ביי כוס ד'?

"אייבערשטער העלף איך זאל מיך נישט אויפרעגן!"

קום מ'גייט שוין זאגן די מה נשתנה, קודם די אינגערע. קום שטעל דיך אויף שיין אויפן בענקל, מאך מיט די דיקע פינגער שעפּכאָל האַליילות - זיי שטיל יעצט פרעגט ער די פיר קשיות, באלד גייט זיין דיין רייע. דארפסט נישט יעצט וויינען אין איין מינוט גייסטו פרעגן - ניין צדיק'ל שטעל דיך צוריק אויף ער גייט שוין מער נישט אריינהאקן, אקעי יעצט וויינסטו....

"אייבערשטער העלף איך זאל מיך נישט אויפרעגן!"

וואס איז יעצט? איך קען נישט הערן, איינער אויף אמאל, איך קען נישט הערן ווען ענק אלע שרייען צוזאמען, וואס? די אפיקומן וואס? ער האט עס צוגעכאפט פון דיר און עס באהאלטן? נא? אזוי טוט מען? נישט שיין! געב עס אים צוריק און באהאלט עס צוזאמען..

האסט פארגעסן וואו דו האסט עס געלייגט? וואס מיינט האסט פארגעסן? וואס הייסט דו ווייסט נישט?

ווי אזוי וועלן מיר עסן די אפיקומן אויב דו ווייסט נישט וואו דו האסט דאס באהאלטן?

דו דערמאנסט דיך שוין? אה אקעי יעצט מיט גוטע מידות, יעדער באהאלט עס צוזאמען..

"אוי באשעפער העלף איך זאל מיך נישט אויפרעגן!"

דו האסט געברענגט די שיסל ביי ורחץ? זייער גוט יעצט וועט ער עס ברענגען ביי רחצה, אזוי גייט עס! דו האסט שוין געהאט דיין רייע.

פארדעם בלאזט מען? איך האב נישט קיין כח, זעץ דיך שיין אויף אויף דיין בענקל און זיץ שיין ביים הייליגן סדר!

ציען די פלייצע ווען א טאטע רעדט איז נישט דרך ארץ'דיג.

"טאטע אין הימל געב מיר כח זיך נישט אויפצורעגן!"

****

פרעה מיט פידשאמעס לויפט ארום גאנץ מצרים און שרייט וואו איז משה? וואו איז משה?

מ'שיקט אים אהין מ'שיקט אים אהער, ער איז פארסאפעט, ער זוכט און זוכט וואו איז משה רבינו, ער מוז יעצט מיט אים רעדן!

נאכן זיין קהל'ס נאר, ללעג ולקלס, אלע קינדער שטייען און לאכן פון דעם אמה על אמה געשטעל וואס לויפט ארום מיט די נאכט קליידער זוכן משה רבינו, טרעפט ער אים ענדליך, משה!

ער קען זיך קוים כאפן דעם אטעם, קוים קען ער ארויסרעדן א ווארט פון מויל און שרייט: "משה ארויס! אידן ארויס!"

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז וואס עס שטייט אין די תורה און אין חז"ל איז עס אזוי פשוטו כמשמעו, אבער נאכדעם דארף מען זוכן וואס קען איך ארויסנעמען פון דעם פאר מיר, ווי אזוי קען איך מיך פון דעם שטארקן אין עבודת השם.

ווען מ'פארציילט די מעשה פון יציאת מצרים פסח ביינאכט, זענען מיר

דאס און יענץ
מיט א טיפערע
אריינבליק

ישראל דוד העסקעל

שטארק מהדר אויף צו יוצא זיין דעם "חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים".

יא, אוודאי נעמען אויך די מצות אויפן פלייצע און מ'טאנצט פרייליך ארום דעם טיש און מ'זינגט אינאיינעם "אזוי זענען די אידן ארויס פון מצרים", ס'איז לעכטיג א מחיה!

אבער אויך דורכאויס די גאנצע הגדה, די גאנצע סיפור יציאת מצרים, דינט די הגדה ווי א שפיגל פאר מיר

וואו האלט איך מיט מיין יציאת מצרים?

וואו זענען מיינע מידות? וואו ליגן מיינע אויגן?

דער ראש ישיבה זאגט אז ברסלב'ע חסידים פירן זיך פסח ביינאכט צו פארציילן די סיפור התקרבות צום הייליגן רבי'ן, מ'איז מקיים דעם שיחה פון הייליגן רבי'ן "דערמאנט אייך איטליכער וואו איך האב אייך געפונען..."

מ'דערמאנט זיך ווי אזוי האב איך אויסגעזען פאר'ן הערן שיעורים "רעדט שיין אין שטוב, אויף א ווייב שרייט מען נישט, נישטא קיין חברים, ס'איז נאר די ווייב."

מ'דערמאנט זיך ווי אזוי האב איך אויסגעזען פאר'ן הערן הונדערטער מאל "לויף אריין אין שול, טו אן תפילין, דאוון דריי תפילות יעדן טאג מיט מנין". ווי אזוי פלעגט מען אויסזען פאר'ן הערן די אלע שיעורים?

מ'כאפט א בליק אויפן ספרים שאנק באצירט מיט שיעורים כסדרן און מ'זאגט "אילו היה שם לא היה נגאל" אן דעם דרך הלימוד וואלט איך מיך א גאנץ לעבן געקענט אפנארן און ענדיגן דאס לעבן ליידיג אינגאנצן!

מ'דערמאנט זיך ווי די סדר האט אויסגעקוקט פאר'ן מקורב ווערן, ווי אזוי פסח איז געווען אויף איינע פון די עקסטרעמען, אדער איז געגאנגען מכות נישט נאר מצרים... אדער איז מיך גארנישט אנגעגאנגען, לאמיר שוין זען דעם פסח זאל אריבערגיין, נאר געזוכט צו אנטלויפן...

מ'דאנקט און מ'לויבט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים פון די אייגענע יציאת מצרים, זוכה געווען צו קענען קומען תחת כנפי השכינה, זיך פרייען מיט די יו"ט, זיין פרייליך מיט די מצוות, ווייזן פאר די קינדער די ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז, זינגען צוזאמען "א מחיה מצה, א מחיה, א מחיה איך עס מצה". מיר עסן נישט קיין חמץ ווייל דער אייבערשטער זאגט מיר זאלן עסן יאמי מצה, לאמיר זינגען און טאנצן!

די סדר איז לוסטיג און לעבעדיג פרייליך, א מחיה, יעדע ווארט פון די הגדה טייטשט זיך פון זיך אליין די "ונצעק" שרייט זיך גאר אנדערש ווען מ'דערמאנט זיך ווי אזוי מ'האט געקלעטערט אויף גראדע ווענט, מ'האט געהערט פון שיינע ענינים פון גרויסע עבודות פון דער צדיק און פון יענע צדיק און געטראכט צו זיך "גרויסע באשעפער ווייל איך דען נישט זיין אויך א צדיק, ווייל איך דען נישט זיין קיין ערליכער איד? אבער ווי הייב איך אן? איך דארף א וועג".

טרערן קייקלען זיך אראפ די בעקלעך ווען מיר זינגען אינאיינעם "וישמע השם את קולינו ויוציאנו משם" מיין גאולה פרטי! דער אייבערשטער האט מיך ארויסגענומען פון מיין גלות, פון מיין פארלוירנקייט, פון מיין נישט וויסן און לעבן מיט דעם אז וואו איך גיי און וואו איך שטיי איז אייבערשטער, איך האב זוכה געווען צו מקורב ווערן צו היכל הקודש צו לעבן מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן, זוכה זיין צו האבן א וועג פאר מיר צו קענען ווערן א צדיק צו זיין דבוק צום אייבערשטן!

מיר זינגען צוזאמען "דיינו", אייבערשטער, ווען איך וואלט נאר באקומען די זאך פון רעדן צו דיר און שמועסן מיט דיר, לעבן מיט דעם אז דו

ביסט מיין טאטע און דו ווארטסט צו הערן א ווארט פון מיר 'דיינו'!

וואלט איך איך נאר באקומען דעם דרך הלימוד, א וועג צו לערנען אן זיך צו נאר'ן איך אין מיין פאריאגטע פארפאלגטע מצב זאל קענען זוכה זיין צו לערנען במשך מיין לעבן כל התורה כולה! האבן שיעורים אין ספרים וואס ביז נישט צו לאנג צוריק האב איך נישט געוואוסט אז זיי עקזיסטירן בכלל... דיינו!

אויב וואלט איך נאר באקומען די הונדערטער שיעורים וואס דערמאנען מיך, 'גיי אהיים' 'רעדט שיין אין שטוב' די שכל זיך נישט צו טענה'ען מיט א ווייב, קענען לעבן מיט עכטע שלום בית, נישט נאר ווען מ'שפאצירט אויפן גאס... זיך ליב האבן, ליב האבן אהיימצוגיין, האבן אין שטוב א געשמאקע לופט, דיינו!

אויב וואלט איך נאר באקומען די שכל ווי אזוי מחנך צו זיין קינדער, געבן אסאך ליבשאפט און זיי ערציען געזונט, נישט אויף די געבן יעדן טאג מכות עקסטרעם, און נישט אויף די הפקר'דיגע לינקע עקסטרעם פון קינדער זאלן טון וואס זיי ווילן, נאר די וועג פון צדיקים, מחנך זיין א דור צום אייבערשטן, קינדער וואס זאלן ליב האבן די תורה און מצות, וואס זאלן ליב האבן זייער שטוב, זיי אויפבויען און נישט חלילה צוקלאפן, דיינו!

על אחת כמה וכמה טובה כפולה ומכופלת ווען יעדער פאר זיך געבט זיך א קוק אן, פארוואס בין איך דא, וואס האב איך באקומען דא ביים רבי'ן? מאך דיך אליין דיינע חשבונות, האב אינזין דיין מתחילה עובדי עבודה זרה היינו, ווי אזוי האסטו אויסגעקוקט פאר דיין התקרבות, ועכשיו קרבנו לפני המקום ווי אזוי קוק איך היינט אויס מיט די זיסע עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

די הגדה פארט ווייטער און מיר קומען אן צו זייער אן אינטערעסאנטע שטיקל, דער אייבערשטער זאגט פאר משה 'גיי צו פרעה, זאג אים ער זאל ארויסלאזן די אידן און אויב נישט גייט קומען מכות!

ס'קומט א דם, פרעה דער קליפה ווערט פארלוירן, ער כאפט פעטש, ער קען נישט מער, ער זאגט "איך געב אויף!" אבער ווי נאר די מכה גייט אוועק, געבט זיך די קליפה א שטארק, עודך איז ער דא, דו האסט געמיינט דו ביסט שוין פטור געווארן פון אים, דו האסט געפאלגט די עצה, ס'איז געקומען קלעפ, ער האט שוין געזאגט אז ער לאזט נאך אבער נאך ערגער פון פריער געבט ער זיך א שטארק און לאזט דיר נישט דינען דעם אייבערשטן.

און וואס טוט דער צדיק, ער שרייט נאכאמאל צום אייבערשטן, און ווידער קומט א מכה ס'איז מכניע די קליפה אינגאנצן, די קליפה זאגט יא יא דאסמאל מיין איך עס שוין טאקע, איך גיי דיר שוין לאזן דינען דעם אייבערשטן, אבער אזוי ווי דער מכה לאזט נאך איז ער ווידער דא, ס'קוקט אויס ווי מ'קען פון אים נישט פטור ווערן...

נישט איינמאל נישט צוויי מאל נישט דריי מאל. גאנצע צען מאל האט די שפיל אנגעהאלטן אבער וואס האט פאסירט ביים סוף האט קיינער נישט געקענט פארזאגן, די קליפה אליינס האט נישט נאר נישט געשטערט, נאר ארויסגעיאגט די אידן פון די טומאה, די קליפה אליינס האט געשריגן 'גייט ארויס פון דא'!

דער ראש ישיבה לערנט אונז אז נישט נאר פאר א קאר מיט שפע מיט א הויז וכו' קען מען בעטן דעם אייבערשטן, נאר בעט אויך דעם אייבערשטן אויף דיינע מידות,אויף דיינע אינערליכע קליפות וואס פייניגן דיר, בעט דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף איך זאל זיך נישט אויפרעגן".

דו זיצט ביים סדר און ס'קוקט נישט אויס ווי דאס שיין בילד פון די דעקל פון די הגדה, ס'איז יו"ט אינדערוואכן, ס'גיסט, ס'פליט, יעדע מינוט וויינט א צווייטער, מאך א תפילה "באשעפער העלף איך זאל מיך נישט אויפרעגן".

דער ראש ישיבה זאגט אז ס'גייט נישט אין איין מינוט, אבער אויב וועט מען נישט נאכלאזן, נאר בעטן דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל, אפילו ס'קוקט אויס יעדע מאל ווי ס'רוקט זיך גארנישט, איך בעט דעם אייבערשטן און צען מינוט שפעטער בין איך צוריק צום אלטן, לאז נישט נאך, דו בעט נאכאמאל און נאכאמאל, צום סוף וועט דיין קליפה אליין דיך פארטרייבן פון די טומאה..

אויב וועסטו נישט נאכלאזן, אפילו ס'קוקט אויס ווי גארנישט רוקט זיך, וועסטו צו סוף ארויסגיין פון דיינע קליפות פון דיין פרעה וואס לאזט דיר נישט דינען דעם אייבערשטן.

"אייבערשטער העלף אז איך זאל אייביג געדענקען וואס איך באקום דא ביים רבי'ן, איך זאל קענען פאלגן און לעבן מיט די לעכטיגע לימודים."

"אייבערשטער העלף איך זאל שוין זוכה זיין מיין גאולה פרטי - ארויסגיין פון מיינע עבירות פון מיינע שלעכטע וועגן, און מיר זאלן אלע זוכה זיין צו די גרויסע גאולה ווען דער אייבערשטער וועט אונז שוין אהיימנעמען צו אונזער הויז קיין ירושלים!"

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

אשריכם מחזיקי תורה!

וואס איר שטיצט אונזער כולל ביד רחבה וברוח נדיבה
אז די קול תורה אין כולל זאל אנגיין אומגעשטערט, ובפרט

הר"ר
לוי יצחק זאפיר
הי"ו

הר"ר
אפרים פעלדמאן
הי"ו

פרנס חודש שבט

און די חשוב'ע נדבנים פון די פארגאנגענע חדשים

פרנס חודש אייר: הר"ר **אהרן קליטניק** הי"ו, הר"ר **יעקב פיש** הי"ו
פרנס חודש סיון: הר"ר **בניהו אונגאר** הי"ו, הר"ר **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
פרנס חודש תמוז: הר"ר **משה בראדי** הי"ו, הר"ר **מנשה איצקאוויטש** הי"ו
פרנס חודש אב: הר"ר **אליהו ציג** הי"ו, הר"ר **מרדכי לייב טירנויער** הי"ו
פרנס חודש אלול: הר"ר **יואל טייטלבוים** שליט"א, הר"ר **יואל הכהן ראזנבערג** הי"ו
פרנס חודש תשרי: הר"ר **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו, הר"ר **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו
פרנס חודש חשון: הר"ר **מרדכי היימליך** הי"ו, הר"ר **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
פרנס חודש כסלו: הר"ר **ישראל דוד העסקעל** הי"ו, הר"ר **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו
פרנס חודש טבת: הר"ר **אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו, הר"ר **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו
פרנס חודש שבט: הר"ר **הערשי זאבעל** הי"ו, הר"ר **יוסף ברילל** הי"ו
פרנס חודש אדר: הר"ר **הלל ווייס** הי"ו, הר"ר **אייזיק ראטה** הי"ו

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל
הברכות האמורות בתורה, עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים
בימינה בשמאלה עושר וכבוד וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה,
און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

הנהלת הכולל

מתלמידיו של אהרן

יואל נחמן גלויבער

פסח איז דאך זמן חירותינו, די צייט ווען מיר דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע ניסים וואס ער האט געטוהן מיט אונז ווען מיר זענען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, מעבדות לחירות, און דערנאך זוכה געווען צו די הייליגע תורה און צו די אלע גוטע זאכן.

ביי אונז ברסלב׳ע חסידים איז דא אן ענין אויך צו דאנקען דעם אייבערשטן, יעדער איינער פריוואט, אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון אונזער פריוואטע מצרים, יעדער איינער ווי זיין קאפ איז געווען איינגעשפארט, און מיר האבן זוכה געווען צו פרייהייט אין מח, דורכן געוואויר ווערן פון די עצות פונעם הייליגן רבי׳ן צו האבן א שיינער לעבן.

די סיפור התקרבות איז עפעס וואס אנשי שלומינו פארשרייבן זיך מיט בלוט און טרערן וויאזוי מיר זענען נאנט געווארן צום נחל נובע מקור חכמה, די גרויסע ליכטיגקייט פון הייליגן רבי׳ן אראפגעברענגט צו אונזער דור דורכן גרויסן צדיק מוהרא״ש זי״ע, און ווערט ווייטער גע׳חזר׳ט דורך דער ראש ישיבה שליט״א, אזויווי דער בעל תפילה פלעגט אריינגיין אין די וועלט, אין ישוב, און געברענגט מענטשן צום אייבערשטן, זיי ארויסגעפירט מחוץ לישוב, דאס טוט דער צדיק מיט אונז, ער גייט אריין אין די טיפענישן און אפגרינדן פון די גשמיות׳דיגע עולם השפל און שלעפט ארויס מענטשן פון די הבלי עולם הזה, כפירות ומינות... און ברענגט אריין געטליכקייט, אמונה אין די הערצער און טראגט זיי ארויף צו די העכסטע מדריגות.

יעצט לכבוד דעם זמן חירותינו כאפן מיר א שמועס מיט אחד מבני החבורה, המחנך מו״ה אהרן קליטניק שליט״א, וועלכער וויקלט אויף פאר אונז זיין רייזע צום צדיק, די לעבן אין היכל הקודש, זיין צוגאנג אין חינוך, און נאך פילע שיינע זאכן וואס איר וועט בעז״ה הנאה האבן, און מיטנעמען א שטיקל חיזוק.

שלום עליכם ר׳ אהרן, קודם אויב איר קענט זיך אין קורצן פארשטעלן פאר די ליינער.

עליכם השלום. איך הייס אהרן קליטניק, איך וואוין אין בארא פארק, איך בין אויפגעוואקסן אלס קינד אין די סקווירא מוסדות, נאכדעם בין איך אריין אין די סטאלינער ישיבה וואו איך האב פארברענגט אין די חסידות אפילו שפעטער נאך מיין חתונה, איך האב געזעהן דארט באמת גאר חשוב׳ע געהויבענע אידן, מופרש פון עולם הזה, ליגן אין העכערקייט תורה ועבודה.

ווען און וויאזוי ביסטו געוואויר געווארן פון רבי׳ן?

ווי געזאגט האב איך געלערנט אין סטאלין, איך האב געהאט געהערט פון ברסלב, איך האב נישט געוויסט קיין סאך איבער דעם, אבער איך האב געוויסט אז דאס איז נישט די דרך פון אונזערע רבי׳ס.

למעשה בערך בשנת תשס״ו בין איך געווען ביי א חתונה ווי דער מחותן איז געווען המפיץ הגדול ר׳ נתן יאקאבאוויטש שליט״א, מוהרא״ש זי״ע איז געווען דארט, איך האב אים געזען און זיין הייליגער צורה האט מיר מורא׳דיג געכאפט.

צומארגנס בין איך צוגעגאנגען צו א בחור אין מיין ישיבה וואס איך האב געוויסט אז ער איז א ברסלב׳ער, און איך זאג אים: ״דו ווייסט, איך בין נעכטן געווען ביי א חתונה און איך האב געזעהן דארט דער ברסלב׳ער רבי״, ער הייבט אן צו לאכן און זאגט מיר ״עס קען נישט זיין״, אבער איך זאג אים איבער מיט אן ערנסקייט אז איך האב אים געזעהן, זאגט ער מיר אז דער ברסלב׳ער רבי לעבט שוין נישט פאר איבער 200 יאר, למעשה ביז ער האט געכאפט אז איך רעד פון מוהרא״ש זי״ע האט ער מיר אנגעהויבן מסביר זיין אז נע... דאס איז נישט ברסלב... עס איז אסור... מ׳טאר נישט ליינען זייערע... ממש כל דבר אסור קעגן מוהרא״ש זי״ע און קעגן היכל הקודש, און איך האב דאס תמימות׳דיגערהייט אנגענומען.

עס איז דורך אפאר יאר, אינצווישן האב איך חתונה געהאט ב״ה. אין די שוהל ווי איך פלעג דאווענען שבת ביינאכט פלעגט אלס זיין דארט די געלע גליונות, עס האט געכאפט מיין אויג, און איך האב דאס אנגעהויבן ליינען, איך האב באמערקט אן אפטיילונג ״מוהרא״ש דערציילט״ איך האב גערדענקט אז דאס טאר מען נישט ליינען האב איך עס אויסגעלאזט, איז געבליבן אז וואס קען איך יא ליינען? די שאלות ותשובות פון דער ראש ישיבה שליט״א דאס האט דאך גארנישט מיט מוהרא״ש... איך האב עס אנגעהויבן ליינען יעדע וואך און איך האב זייער הנאה געהאט.

איך געדענק אז איך האב אפילו געהאט געזאגט פאר מיין שוואגער, אז איך גלייך זייער די שאלות ותשובות, האט ער מיר געזאגט אז עס איז דא א גאנצע האטליין ווי מ׳קען הערן מורא׳דיגע שיינע שיעורים פון דער ראש ישיבה, אבער די צייט איז זעט אויס נאכנישט געווען מסוגל, בין איך געבליבן מיטן ליינען די גליון.

איין וואך איז געווען דארט א שאלה בנוגע כיבוד אב ואם, די תשובה האט מיר מורא'דיג געפאלן, די קלארע אויסגעשניטענע וועג וואס עס מיינט מכבד זיין עלטערן, איך פלעג זיין זייער צומישט, בפרט, ווען איך פלעג הערן אז א געוויסע חסידות האט זיך צוטיילט און די עלטערן האבן גענומען איין רבי, און די קינדער א צווייטע, דאס פלעגט מיר ממש באדערן.

אבער דער ראש ישיבה שליט"א האט מיר געעפענט די אויגן, אז יעדער איד מוז זוכן פאר "זיך" א צדיק וואס קען "אים" היילן און ברענגען נענטער צום אייבערשטן, און עס איז גארנישט קיין סתירה מיט כיבוד אב ואם, א טאטע מאמע דארף מען מורא'דיג מכבד זיין, און אכטונג געבן צו רעדן מיט כבוד, נישט ווי מ'רעדט צו א חבר, נאר ווי די תורה הייסט.

איך האב געזען א מורא'דיגע זאך, די תורה איז נישט געבויעט אויף מיינע געפילן וואס איך פיל, די תורה האט א קלארע שיינע אויסגעטרעטענע וועג אין יעדן הינזיכט פון לעבן, מ'דארף נאר זוכן, הערן און פאלגן א צדיק.

איך האב יענע וואך צום ערשטן מאל אהיימגעברענגט די גליון, איך האב דאס געוויזן פאר מיין ווייב תחי' און זי האט אויך זייער הנאה געהאט פון די קלארע תורה'דיגע וועג, דעמאלטס האט זי גערעדט צו מיין שוועגערין - מיין אויבן דעמאנטע שוואגער'ס ווייב - און זי האט זיך דעמאלטס אנגעהויבן צו דערוויסן פון היכל הקודש ברסלב, די שיעורים, און אזוי ווייטער.

אזוי איז דורך וואך נאך וואך, ביז איין וואך קום איך אן אין שול איך זוך און זוך, און איך קען נישט טרעפן קיין גליון, איך בין געווען אביסל צובראכן. נאך שבת האב איך געשיקט א אימעיל צו ברסלב סענטער אז איך וויל באקומען אין אימעיל יעדע וואך די גליון, און זיי האבן מיר אויפגעסיינט, איך האב אנגעהויבן צו באקומען די טעגליכע חיזוק יומי"ס און נאך אסאך זאכן, האב איך זיי אריינגערופן אז איך דארף נישט די אלע זאכן, איך דארף נאר די גליון, האבן זיי מיר געזאגט, אז אזוי גייט עס, א גאנצע וואך באקומט מען חיזוק יומי

און סוף וואך שיקן זיי די גליונות, אקעי, מסכים, איך האב אנגעהויבן ווארטן פאר סוף וואך.

איין טאג בין איך אריין אין א חיזוק יומי, און איך האב זייער הנאה געהאט דערפון, איך האב פארשטאנען אז דאס איז נאר א קליינע חלק פון א לענגערע שיעור, האב איך אפירגעזוכט די האטליין

נומער, און איך האב אנגעהויבן הערן איין שיעור דערנאך נאך א שיעור.

איך האב אנגעהויבן הערן און הערן מיט אזא אפעטיט און פרישקייט, איך האב געהערט ״אלע״ שיעורים, בחורים, אינגעלייט, בית פיגא, פאר די אידישע שטוב, תלמוד תורה, איך בין געווארן ממש אדיקטעד צו דעם, און צוביסלעך האב איך אנגעהויבן כאפן אסאך זאכן וואס אן א צדיק כאפט מען נישט און מ'לייגט נישט בכלל קיין געוויכט אויף דעם.

אזוי איז דורך א שטיק צייט און איך פיל אן מיין קאפ מיט די אלע שיעורים, איך קען זאגן, איך בין ממש דורך אן אפעראציע אויף מיין מח, איך בין געהעריג דורך א מח שווענקונג.

דער ראש ישיבה זאגט כסדר, פארוואס דארפן ברסלב'ע חסידים אסאך מער חיזוק ווי מענטשן וואס לעבן אפ זייערע יארן אן קיין צדיק און אן התבודדות, נאר דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן, וואס איז די דאפלטע ואנכי הסתר אסתיר פני, זאגט דער רבי אז סתם מענטשן לעבן אין א הסתרה-באהעלטעניש אז ס'איז נישטא קיין הסתרה, זיי זענען מסודר, וואס פעלט אויס די אלע זאכן...

אבער דער רבי דעקט אויף דעם אמת, און נעמט אראפ דעם שיכט פונעם דאפלטן הסתרה אז אלעס איז מיט מיר מסודר, איך זאל זיך נאר נישט דארפן טרעפן מיטן אמת'ן ״זיך״ דער רבי נעמט דאס אוועק, און יעצט הייבט דער מענטש אן צו כאפן ווי ער שטייט באמת אויף דער וועלט, אין וואספארא הסתרה ער געפינט זיך, אבער נישט געזארגט דער רבי קומט מיט א זאק חיזוק און עצות וויאזוי צו מאכן פון דיר די שענסטע וואס דו קענסט זיין, אסאך מער פון וואס דו שטעלסט זיך פאר, אבער מען דארף נאר גלייבן בתמימות.

למעשה אפילו מיטן הערן אזוי סאך די שיעורים און לערנען דעם רבי'נס ספרים האב איך געהאלטן אז ווי נישט ווי, איז דא דא אסאך עצות וואס זענען נאר געמאכט פאר שוואכע, איבערהויפט ווען עס איז געקומען צו זאגן משניות, איך האב זיך באמת אנגעקוקט ווי א

למדן וואס פארשטייט א שטיקל גמרא מיט מפרשים, און עס איז ממש א שאד אז אזא געלונגענער למדן ווי מיר זאל אנהויבן פלעין זאגן משניות...

ביז עס איז אנגעקומען די טעג פון פסח, און ווייסט דאך, מ'איז פארנומען און מ'קומט נישט אן, פונקט דאן האב איך געהערט א שיעור פון דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט פרעגט, 'דו האסט היינט געלערנט? דו האסט די וואך מעביר סדרה געווען?' אוי האב איך געכאפט א שאקל! איך, דער געהויבענער יונגערמאן, קען דורכגיין יומא דפגרא'ס אן קיין איין ווארט תורה, פארוואס? ווייל איך קען זיך נישט מצמצם זיין צו לערנען פאר א גאנצע שעה?

איך האב דאן אפגעמאכט ביי מיר, איך בלייב מיר מיט מיינע שיעורים,

אבער איך גיי אנהייבן צולייגן 18 פרקים משניות, יא! פלעין זאגן, אויך גיי איך אנהייבן יעדן טאג מעביר סדרה זיין. איך געדענק אז זייט דעמאלטס פרשת תזריע האב איך אנגעהויבן מעביר סדרה זיין יעדן טאג אביסל, ב"ה עס האלט נאך אן. איך האב אנגעהויבן זאגן משניות מיט אזא ברען, איך האב אנגעהויבן שפירן אזא טעם אין דעם, איך האב געדארפט ממש מאכן גדרים אויף מיר ווען צו סטאפן זאגן, יעצט דארף איך דאווענען, יעצט דארף איך אהיימגיין העלפן, דאס קען איך דערציילן וועגן יענע תקופה.

למעשה ווען זענט איר צום ערשטן מאל ארויפגעקומען צו א בית המדרש היכל הקודש?

עס איז געווען פאר זומער און דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי א שיעור אז יעדע תלמיד דארף זען אינמיטן זומער זיך צו קומען טובל'ען אין רבי'נס קוואל היכל הקודש הערן די דיבורים כדי מ'זאל נישט איינשלאפן... תמימות'דיגערהייט האב איך געשיקט אן אימעיל צו דער ראש ישיבה, אויב מ'מיינט מיר אויך ווייל למעשה בין איך נישט קיין אפיציעלער תלמיד, איך הער נאר אויס די שיעורים, האט מיר דער ראש ישיבה געענפערט: 'אוודאי'. פון יענע זומער האב איך אנגעהויבן קומען צו די שיעורים.

איך געדענק אז איך בין דעמאלטס אריין צו הרה"צ ר' יצחק לעסער שליט"א, ער האט נאך דעמאלטס געוואוינט אין בארא פארק, איך האב אים געזאגט ווי שטארק איך האב הנאה און איך לעב מיט דער רבי'ס לימודים, האט ער מיר געפרעגט צו איך גיי צו דער ראש ישיבה'ס שיעורים, האב איך אים געענפערט, יא, האט ער מיר מורא'דיג מחזק געווען און געזאגט 'זאלסט וויסן, דער ראש ישיבה האט גענומען בתמימות די ווערטער פון מוהרא"ש זי"ע און ער פארשפרייט עס פאר די גאנצע וועלט מיט א שטארקייט!'

אויך געדענק איך אז איך בין געווארן זייער איבערגענומען פון ר' יצחק שליט"א, דאס איז דאך א איד וואס זיין לעבן גייט נישט ווי מען משל'ט זיך אויס, אבער ער איז אזוי פריילך און גוטמוטיג, האב איך געטראכט אויב דאס איז די פראדוקט וואס קומט ארויס אויב מ'פאלגט מוהרא"ש בין איך גרייט דערפאר.

אז דו ביסט אויפגעוואקסן ערליך הייליג, וואס קענסטו זאגן האט דיר געכאפט אין היכל הקודש?

אזויווי יעדער קען זאגן דא אין ברסלב, איך בין געוואויר געווארן אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט איי וועסטו פרעגן, אדער לאכן, פארדעם האסטו נישט געוויסט? (אפילו די גוי'שע דינסט ווייסט...) אבער פארדעם האב איך עס אנגעקוקט ווי כביכול מען האלט דעם אייבערשטן אין א קלאזעט, מ'קומט זיך מער וויניגער דורך אין לעבן אליין מיט השתדלות, כוחי ועוצם ידי, נאר ווען עס איז ח"ו דא א פראבלעם נעמט מען ארויס כביכול דעם אייבערשטן פון קלאזעט און מ'רעדט פון אמונה.

אדער, ווען מ'וויל יא רעדן סתם פונעם אייבערשטן, פון אמונה, דארף עס צוגיין מיט א הכנה דרבה, אנטוהן דעם גארטל וכו' וכו' אבער אין פשוטן טאג טעגליכן לעבן ארייננעמען דעם אייבערשטן, אויף יעדן ריר, דאס האט דער רבי אריינגעלייגט אין מיר.

נאך א זאך וואס האט מיר מורא'דיג געכאפט ווען איך בין מקורב געווארן, ווען איך פלעג הערן א מאמר חז"ל האב איך עס אנגעקוקט זייער ווייט פון מיר, איך האב עס געזען אין דער אמאל, אבער ווען איך האב אנגעהויבן הערן די שיעורים פון ראש ישיבה, האב איך אנגעהויבן זען יעדע מאמר חז"ל ווי עס רעדט צו מיר היינטיגע צייטן, וואס איך קען ארויסנעמען פאר מיר צו שטייגן, און אז עס זעט אויס צו ווייט און צו הויעך פאר מיר, נישט קיין פראבלעם, איך קען פלעין מתפלל זיין, 'הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל זיין א גרויסער צדיק'.

זייער שיין, למעשה וויאזוי האט מען עס אויפגענומען אין שטוב?

אין שטוב האט מען עס ברוך השם זייער שיין אויפגענומען, דאס איז טאקע א מתנה וואס דער אייבערשטער האט מיר געשאנקען, וואס אנדערע מוטשענען זיך דערמיט. פארשטייט זיך אז אלעמאל איז דער אנפאנג שווער, אבער ווי מער עס גייט דורך און מ'זעט וואס מ'באקומט אלס פון רבי'ן די אמונה, תורה, שלום בית, ערליכקייט און אלע שיינע מתנות, הייבט מען אן כאפן וואס לעבן איז באמת, מ'קוקט אויף זיך אליין, און מ'פריידט זיך מיט די אייגענע "זיך", מען קוקט נישט אויף אלע זייטן ארום.

●

זייער א שיינע סיפור התקרבות, מיר זענען זיכער אז עס איז דא נאך פילע קליינע און גרויסע דעטאלן וואס מ'קען דערציילן אבער טינט און פאפיר זענען נישט גענוג צו פארציילן וואס מ'באקומט אלס ווען מ'איז זוכה מקורב צו ווערן צום הייליגן רבי'ן, אויפן פשוטן תמימות'דיגער וועג וואס מוהרא"ש זי"ע האט אונז געלערנט, און דער ראש ישיבה חזר'ט דאס כסדר איבער מיט אונז.

מיר ווילן אריבערגיין צו נאך שיינע זאכן וואס איז אינטערעסאנט אויסצושמועסן.

וכאן הבן שואל; ווי באקאנט פרעגט איר שאלות פון דער ראש ישיבה שליט"א נאכן ליל שישי שיעור וואס ווערט מיטגעהאלטן לעבעדיג אין אלע היכל הקודש שולן, ווען האט זיך דאס אנגעהויבן?

אין תשפ"ג האט דאס אנגעהויבן צו ווערן רעקארדירט לעבעדיג.

עס פלעגט זיין אז נאכן שיעור האט זיך דער עולם צוזאמגעשטופט ארום דער ראש ישיבה'ס טיש, און מ'פלעגט פרעגן שאלות, איין וואך האב איך געפרעגט א שאלה און דער ראש ישיבה האט זיך צוקאכט, די קומענדיגע וואך האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז די אינגעלייט אין שטעטל ווילן מיטהאלטן די שמועס מיט ר' אהרן קליטניק...

מעגן מיר וויסן וואס די שאלה איז געווען?

זיכער. דער ראש ישיבה האט גערעדט אז מ'דארף זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל

בלייבן צוגעבינדן צום צדיק, און פאלגן בתמימות ווייל דער יצר הרע פרובירט זייער צו פארדרייען א קאפ, ובפרט ביי תלמידי היכל הקודש וואס ביי זיי איז דאך לעובדא ולמעשה, קומט ער מיט אלע וועגן אוועקצושלעפן א מענטש פון דעם הייליגן פלאץ, ממילא דארף מען אסאך מתפלל זיין אז מ'זאל זיך נישט לאזן נארן אויף דער וועלט.

האב איך געפרעגט, צו דער ראש ישיבה דארף אויך מתפלל זיין. האט דער ראש ישיבה זיך זייער צוקאכט, "אוודאי, איך בעט יעדן טאג הורינו ד' דרכיך, אהלך באמיתך, איך זאל טראגן די קהילה אויפן וועג פונעם הייליגן רבי'ן וויאזוי מוהרא"ש זי"ע האט אונז געלערנט, און זיך קיינמאל נישט אוועקרירן". דאס איז געווען יענע שמועס.

למעשה דאס יאר האט דער ראש ישיבה עס געטוישט אז מען זאל נישט קומען פרעגן כדי דער עולם זאל קענען קומען גריסן, אבער עס מאכט זיך אסאך מאל, בפרט ווען די שיעור איז מער אויף א היימישע אופן, למשל אין בארא פארק, לינדען, אדער סטעטן איילענד וכו' זאגט דער ראש ישיבה 'נו, וואס ווילסטו פרעגן...'

אבער איך וויל קלארשטעלן אז איך בין נישט דער אפיציעלער פרעגער, יעדער קען פרעגן און מענטשן פרעגן ב"ה.

זענען דא מענטשן וואס בעטן אייך צו פרעגן זייערע שאלות?

זייער זעלטן. און ווען יא, אויב אין בין באקוועם דערמיט, פרעג איך עס.

וואס טוט מען מיט א בזיון?

עס איז פאר מיר די גרעסטע קאמפלימענט. אז דער ראש ישיבה שפירט אז מ'קען מיך זאגן דעם אמת אין פנים שטיי איך גוט אויפן וועלט.

עס איז באקאנט דער סיפור אז ווען דער רבי"ס טאכטער האט געזען אז איר טאטע באטיטלט איר מיט גרויסע שבחים, האט זי זיך צעוויינט, זי האט מורא געהאט פארוואס דער רבי גיט איר אזא כבוד, אפשר גייט זי דורכגיין א מצב ווי זי וועט דארפן אסאך חיזוק, דער רבי זאגט דאך מי ששכלו בקטן צריך לחלוק לו כבוד ביותר - וועמענס שכל עס איז קליין, דארף מען אים אפגעבן מער כבוד.

דו האלטסט אז אין היכל הקודש באקומט מען מער קאנפידענס?

זיכער אז יא. איך קען דערציילן פון מיר פערזענליך, איך בין געבוירן געווארן מיט א נאטור אז איך האב אסאך געפרעגט און געוואלט פארשטיין, אבער ווי עלטער איך בין געווארן אלס מער האב איך אויפגעהערט פרעגן און אריין אין א פחד פון מה יאמרו הבריות, וואס וועלן מענטשן זאגן. פון ווי איז געקומען די פחד? דארף איך גיין צו טעראפי געוואויר ווערן, אבער איך ווייס שוין סייווי, עס גייט ארויף דורי דורות ביז... די שלאנג פון אדם הראשון...

דאס אלעס האט אנגעהאלטן ביז איך בין מקורב געווארן צו היכל הקודש, וואס דאן האב איך אנגעהויבן אסאך צו רעדן צום אייבערשטן, ממש יעדע קלייניגקייט וואס האט מיר געבאדערט, און איך האב דאס געטון יעדע טאג.

די זעלבסטזיכערקייט וואס מ'באקומט ביים רבי'ן דורך התבודדות איז עפעס וואס נאר איינער וואס האט דאס טועם געווען קען דאס פארשטיין, מען דארף אבער כסדר רעדן צום אייבערשטן, אז נישט פאלט מען צוריק.

●

זייער שטארק. לאמיר אריבערגיין צום פעלד פון חינוך וואס ווי באקאנט זענט איר עוסק אין דעם הייליגן ארבעט פון זיין א מלמד.

וויפיל יאר זענט איר שוין א מלמד?

11 יאר ב"ה.

וואס איז דיין גרעסטע הנאה אלס מלמד?

אז איך קען אריינלייגן אין קינדער אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

האט איר געטוהן אין חינוך פארן מקורב ווערן?

יא

וואס טוישט זיך נאכן מקורב ווערן?

איך וואלט געזאגט דריי זאכן וואס איך האב שטארק בענעפעטירט אלס מלמד נאכן מקורב ווערן, אבער איך וויל צוריקגיין אביסל פריער.

פאר מיין התקרבות איז די גאנצע קומען אין חדר געווען א טעכנישע זאך, אריין אין קלאס, פארגעלערנט, געטוהן די ארבעט, און שוין, אן קיין נשמה וכו'. איך וואלט אפילו געזאגט אז איך האב דאס אנגעקוקט ווי א שלי'מזל'דיגער ארבעט.

ווען איך בין מקורב געווארן האט זיך דאס אינגאנצן געטוישט, און דא קום איך צוריק צו די 3 זאכן:

1) איך האב אנגעהויבן פארשטיין מיין חשיבות אלס מלמד, איך בין אויף די העכסטע פאזיציע פון כלל ישראל, אויסלערנען אידישע קינדער, אמונה, יראת שמים, תורה, דרך ארץ...

2) איך בין געוואויר געווארן אז קיין שום אינגל איז נישט שלעכט, מען דארף אסאך מתפלל זיין צו טרעפן די ריכטיגע שליסל צום קינד צו עפענען זיין הארץ.

3) געבן אסאך קאמפלימענטן, אלו דברים שאין להם שיעור, אן קיין גרעניצן טיילן פאר די קינדער גוטע ווערטער.

נעמסטו נאך קורסעס?

ניין.

עפעס א טיפ אין חינוך זיך אופצוגיין מיט א שווער קינד?

זוך אויף זיינע נקודות טובות.

זייער שטארק. וואס טוט איר פאר הפצה?

ברוך השם איך בין א מלמד, דער ראש ישיבה זאגט, אז א מלמד קען טון די גרעסטע הפצה. ווי אויך שרייב איך די מעשיות פאר קינדער וואס ווערט געדרוקט אין די בלעטל.

ווי אויך האב איך די זכי' צו דינען אלס גבאי אין בית המדרש היכל הקודש אין בארא פארק וואו איך לערן פאר שבת צופרי סיפורי מעשיות, און מ'פרובירט אריינצולייגן גוטע ווערטער וואס זאל אנווארימען די הערצער.

צום שלוס, איר טרעפט יעצט א איד, וואס דארף חיזוק, וואס זאגט איר אים?

איך וועל זען אויף וועלכע אופן איך קען אים זאגן אז דער אייבערשטער פירט די וועלט.

נישט אלס קען מען עס געבן א שיס אריין גראד, צומאל דארף מען געבן אסאך מיטלייד פאר יענעם, און געבן צו שפירן ווי מ׳פארשטייט אים, אבער, די עיקר וואס איז באמת מחזק איז א שטארקע אמונה!

א גרויסן יישר כח ר׳ אהרן פארן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט צו דערציילן אזויפיל שיינע זאכן, עס איז זיכער דא אסאך ארויסצולערנען און מיטנעמען, געדאנקען, עצות, און חיזוק פאר אסאך אידן.

מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסד אז מיר האבן זוכה געווען צו טרעפן די ליכטיגקייט פונעם רבי״ן און געדענקען וואס רבי נתן זי״ע האט אונז באפוילן: אייער ארבעט זאל זיין אנטרינקען ביימער, מיר זאלן ווייטער פארשפרייטן די עצות פאר די גאנצע וועלט, און אריינברענגען פשוטע אמונה, תמימות און ערליכקייט אינעם היינטיגן דור מיט א שטארקייט, און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין, אזויווי מיר האבן זוכה געווען צו די גאולת מצרים, צום גרויסן גאולה כללית, ווי דער ראש ישיבה זאגט, די גאולה איז תלוי אין אונזער הפצה, אריינברענגען אין נאך א איד אז ער איז נישט פארפאלן, יעדע זאך קען מען בעטן פונעם אייבערשטן, מיט תפילה וועסטו אלעס דורכברעכן, דער רבי האט שיינע עצות, דיר אויפצוהייבן פון די נידריגסטע פלעצער צו די העכסטע מדריגות!

לאמיר זיך שטארקן און אנהייבן פון יעצט!

א גוט יום טוב! און א כשר׳ן פרייליכן פסח! ■

היכל הלכה

הלכות ערב פסח שחל להיות בשבת קודש - השנה תשפ"ה לפ"ק

א] יוצרות פון שבת הגדול האט מען שוין געזאגט די פארגאנגענע וואך נאך הויכע שמו"ע, נאך קדיש תתקבל.[1]

ב] דאנערשטאג פאסט מען תענית בכורים,[2] דער מנהג איז היינט אז מ'פאסט אויס אויף א סיום.[3]

ג] די וואס פאסטן צוליב דעם וואס זיי האבן א יונגל א בכור אבער זיי אליין זענען נישט א בכור, דאס יאר וואס די תענית איז נדחה קען מען מקיל זיין אז זיי דארפן נישט פאסטן אדער מאכן א סיום.[4]

בדיקת חמץ: ד] מ'איז בודק חמץ דאנערשטאג נאכט[5] (אור י"ג) געהעריג מיט א ברכה,[6] מ'איז מבטל די חמץ - מ'זאגט כל חמירא. די איבריגע חמץ וואס מ'וויל נאך עסן פרייטאג און שבת קודש באהאלט מען אויף א גוטע פארזיכטיגע פלאץ אז די קינדער זאלן עס חלילה נישט נעמען.[7] ס'גייט אן אלע הלכות פון בדיקת חמץ אזוי ווי יעדע יאר, אז מעג נישט עסן אין די האלבע שעה צום זמן בדיקת חמץ - נישט לערנען, נישט שלאפן אפילו א שינת עראי. פירות מעג מען יא עסן, אזוי אויך טרינקען מעג מען יא.

ה] מים שלנו[8] שעפט מען דאנערשטאג פארנאכט'ס[9].

ו] **ערב שבת קודש - פרייטאג:** מ'זאל זען צו האבן פארקויפט די חמץ פאר'ן סוף זמן שריפת חמץ (השנה בקרית ברסלב 11:39) אזוי ווי אלע אנדערע יארן.[10] בדיעבד אויב מ'האט נישט פארקויפט פאר'ן זמן, קען מען עס פארקויפן אגאנצן טאג.[11]

ז] ביי שחרית זאגט מען מזמור לתודה[12] (כאטשיג סתם א יאר ערב פסח זאגט מען נישט)[13] און למנצח ... יענך

ח] כאטשיג סתם א יאר מעג מען נישט טון קיין מלאכה ערב פסח פון חצות,[14] אבער די יאר ערב שבת מעג מען טון מלאכות, ס'האט די דין אזוי ווי יעדע ערב שבת.[15] ערב שבת איז דער דין אז אויב מ'טוט א מלאכה קבוע פון מנחה קטנה (6:13) זעט מען נישט קיין סימן ברכה:[16] און אוודאי מעג מען שניידן די נעגל, די האר, ביז צום זמן כניסת שבת[17] (7:15)

ט] פרייטאג באקט מען מצות[18] און מ'זאגט הלל[19] אזוי ווי יעדעס יאר ערב פסח

י] **שריפת חמץ:** מ'פארברענט די חמץ פרייטאג פאר די זמן סוף זמן שריפת חמץ[20] (השנה בקרית ברסלב 11:39) אזוי ווי יעדעס יאר, אבער מ'זאגט נישט דעמאלט כל חמירא,[21] בדיעבד אז מ'האט נישט פארברענט פארן זמן קען מען פארברענען ביזן זמן כניסת השבת

שימו לב! י"א] מ'דארף געדענקען צו פרעגן די ווייב צי זי האט אראפ גענומען חלה פון די חמץ'דיגע חלות וואס מ'גייט עסן שבת קודש![22]

הערות

1) כמבואר בשו"ת עמק התשובה ח"א סי' ס"ט אות י"ד - והרבה מדברינו לקחנו משם. 2) שו"ע או"ח סי' ת"ע סעי' ב'. 3) עי' באזהרות ייטב פנים אות י"ג. 4) כף החיים סקכ"ג הו"ד בפסקי באר משה הוצאת תשפ"ה לפ"ק. 5) שו"ע סי' תמ"ד סעי' א. 6) משנ"ב סק"א תניא מת"ד סעי' א'. 7) משנ"ב סק"ג. 8) שו"ע סי' תנ"ה סעי' א, כל פרטי דינים מים שלנו

9) פשוט היום שאופים מצות עש"ק. 10) שו"ת מהר"ם שיק ייטב פנים אזהרה אות א': שו"ת מנחת אלעזר ח"ג סי' כ"ו: וכ"כ הנו"ב (בדרושי צל"ח דרוש מ"ב): והכל בכדי שלא יטעה בשנה אחרת. 11) שו"ת ערוגת הבושם סי' ק"ג. 12 ייטב פנים אות ב': חק לישראל סי"א. 13) שו"ע או"ח סי' נ"א סעי' ט'. 14) כמבואר בשו"ע או"ח סי' תס"ח סעי' א' - טעם איסר מלאכה משום דאז הוי הדין כיו"ט, מפני שהוא זמן שחיטת פסח, ויום שמביאין קרבן הרי יו"ט, משנ"ב סק"א; ועוד טעם יש מפני שלא יהיה טרוד במלאכה וישכח ביעור חמץ, והכנת מצות הלילה

15) עי' בשערי תשובה סק"ב אבל אי' סדר הגדה לבעל כנסת יחזקאל. 16) שו"ע או"ח סי' רנ"א, רמ"א שם. 17) דע"ת אות י"א - סידור יעב"ץ. 18) שו"ע תנ"ח מחבר משנ"ב סק"ו וז"ל זכר לשאר שנים, בשם הפוסקים - ע"י בשו"ת מנחת אלעזר ח"א סי' נ"ט אות ב' מיישב מנהג העולם

19) עמק התשובה ח"א סי ס"ט אות ה' שהורה כן רבינו הקדוש מסאטמאר זצוק"ל.

20) שו"ע סי' תמ"ד סעי' ב'

21) כל הפוסקים מג"א סק"ג ע"ש סק"ד ח"י סק"ד - וכ"כ בע"ה הנ"ל.

22) ווייל סתם א שבת אויב מ'האט פארגעסן אראפ צו נעמען חלה, דעמאלס איז די דין אז אוכל ושייר, ד.ה. אז מ'קען ווייטער עסן ביז'ן סוף אין ביי סוף פון ברויט, איז מען מפריש חלה, כמבואר בשו"ע יו"ד סי' שכ"ג משא"כ ע"פ שחל בשבת וואס קען מען טוהן מיט א שטיקל חמץ'דיגע חלה?! (פתחי תשובה יו"ד סי' שכ"ג סק"ה) בדיעבד אויב האט מען נישט אפגעשיידט חלה, ווערט געברענגט אין די פוסקים (באר היטב סי' תמ"ד סק"א בשם באר היטב הקדמון, אז מ'זאל עס געבן פאר א קליינע כהן, שלא נעשה טמא מעולם, און לכהן, שטבל לקריו, כמובן במקוה כשרה, ולא באמבטיא. ואם גם זה אינו שייך אז משייר פחות מכזית, וכופה עליו כלי, עד מוצאי יו"ט ראשון וישרפנו בלא ברכה (פסקי באר משה פ"ה)

איבערגעגעבן
דורך הגאון
הר"ר יונה
זינגער שליט"א
דומ"ץ קרית
ברסלב

י"ב] פרייטאג מאכט מען עירובי חצרות פארן גאנץ יאר, מ'פירט זיך עס צו מאכן פון פסח מצות.[23] [24]

י"ג] הכנת הסדר: אלע הכנות פארן סדר זאל מען אנגרייטן פרייטאג; דהינו, בראטן די זרוע, די ביצה, בודק זיין די שאלאטן פאר מרור;[25] רייבן די חריין פאר מרור, גיט צודעקן עס זאל בלייבן שארף, און אזוי אויך דעקן דעם סדר טיש, צוגרייטן די בעקלעך, כוסות, מצה טאשן

אין שבת אליינס מעג מען גארנישט נישט אנגרייטן פארן סדר, אלס די איסור פון הכנה

י"ד] די וואס האבן פילינג'ס (סתימות) אין די ציין, דארף מען 24 שעה פאר סוף זמן אכילת חמץ נישט עסן קיין הייסע חמץ, ערב פסח שווענקט מען אויס די מויל כלי שני הייסע וואסער אדער טיי, מ'לאזט די הייסע וואסער / טיי זיך פארזוימען אביסל אין די מויל[26] - אין פסח לכתחילה עסט מען נישט קיין הייסע מאכלים וואס איז יד סולדת בו. (27)

די וואס האבן ברעיסעס (קוביות): היות ס'איז זייער שווער ארויס צו נעמען אלע שמוץ וואס זאמלט זיך אן צווישן די אייזענעס, זאל גיין צום דענטיסט (ציין דאקטער) און ער רייניגט עס אויס. נאכדעם עסט מען נישט עסן וואס קען דארט בלייבן, און אזוי אויך 24 שעה פארן סוף זמן אכילת חמץ עסט מען נישט קיין הייסע חמץ, ערב פסח שווענקט מען אויס די מויל מיט כלי שני הייסע וואסער/טיי, און דארכאויס יום טוב עסט מען נישט קיין הייס וואס איז יד סולדת - לכתחילה!

היי יאר דארף מען אלעס טון פאר שבת!

בדיעבד אויב מען האט פארגעסן צו כשר'ן די מויל מיט הייסע וואסער/טיי, שטייט אין די פוסקים אז מ'מעג אויסשווענקען די מויל מיט הייס וואסער/טיי אין שבת.[28]

שבת קודש, ערב פסח: ט"ו] מ'דאווענט בהשכמה - פרי[29] - מ'איז נישט מאריךביים דאווענען,[30] מ'דאווענט שנעלער ווי געווענטליך, כדי מ'זאל חלילה נישט נכשל ווערן מיט'ן איסור חמץ ח"ו.

ט"ז] מ'זאגט די הפטורה פון וערבה להוי"ה (מלאכי).[31]

י"ז] כדי יוצא זיין אלע שיטות פון שלש סעודות, צוטיילט מען די סעודה פון צופרי,[32] און נאכ'ן בענטשן, וואס מ'האט נישט געגעסן כדי שביעה,[33] שטעלט מען זיך אויף כדי צו מסיח דעת זיין פון די סעודה[34] וואשט מען זיך נאך אמאל צו שלש סעודות.

היות לוט רוב הפוסקים איז מען נישט יוצא שלש סעודות פאר א האלבע שעה נאך חצות[35] (מנחה גדולה) דערפאר נאך די האלבע שעה נאך חצות עסט מען פירות וכדומה.

מ'איז נישט מקיים שלש סעודות מיט דברי תורה![36]

ח"] טאמער איז מען פארשלאפן, און מ'האט זיך דערוועקט נאכן זמן אכילת חמץ, דעמאלט קען מען נישט יוצא זיין די שבת צופרי

הערות

23) שו"ע סי' שס"ח רמ"א, וז"ל ולכן נהגו לעשות העירוב חלה מצה שאינה ממהרת להתעפש, ועוד שיכולים לשמרה בימי הפסח ויכולים לשמור העירוב כל השנה, וזה יותר טוב מלערב כל ע"ש שלא זיכחו מלערב - ולעשות ע"פ דוקא עי' דרכי משה סי' שס"ו א' בשם הכל בו

24) הפוסקים כתבו בעצם שלא ועשו במצוות מצוה, עפ"י מש"כ במחב' סי' שס"ו דעיקר עירוב היא שלא יקפיד ותתו לאחד ובמצות מצוה כן מקפידים, אבל בפסקי באר משה כ' בשם הצה"ק מהר"ש מבעלזא זצוק"ל דכן עשו בעירות ממצות מצוה; וכן בעמק התשובה כ', דכשיש לו הרבה מצה, בודאי מותר עי"ש

25) פרמ"ג מש"ז סק"ה.

26) דרכי חיים ושלום ס' תקס"ח. 27) אגודת אזוב אות י'.

28) קלח של אזוב סי' כ"ג.

29) פסקי באר משה דיני ומנהגי שבת.

30) לשון תניא סי' תמ"ד סעי' ז: משנ"ב סקד.

31) באר היטב סי' ת"ל סק"א.

32) מג"א סי' תמ,ד עמק התשובה הנ"ל.

33) עי' שו"ע או"ח סי' רצ"א סעי' א.

34) מג"א רצ"א סק"ו. 35) מג"א הנ"ל מחב'.

36) מג"א תמ"ד סק"ב כ' דרשבי וחבירו היה עוסקים בתורה במקום שלש סעודות - וכ' בבאור יחזקאל, דמאן בר נש שיכול להתדמות לרשב"י וחביריו.

איבערגעגעבן
דורך הגאון
הר"ר יונה
זינגער שליט"א
דומ"ץ קרית
ברסלב

היכל הלכה

סעודה, און אזוי אויך שלש סעודות, סיי מיט חמץ, און סיי מיט מצה מעג מען נישט, נאר עסן פיש - פירות - קוגל וכדומה. [38]

י"ט] ס'איז א דבר פשוט [37] אז די פשוט'סטע און גרינגסטע עצה איז אז מ'זאל עסן אין פלעסטי"ק/פעיפער געשיר כדי אז ווען ס'קומט די זמן זאל מען עס קענען אוועק ווארפן, און נישט דארפן זיין פארנומען מיטן וואשן/ווישן, כמובן נישט עסן אויף א פלאץ ווי ס'איז דא קארפעט!

די ברעקלעך וואס בלייבט נאכ'ן עסן (מ'זאל אוודאי ניצן אזא סארט חלה וואס ברעקלט נישט!) זאל מען אראפ פלאשן אין בית הכסא. [38]

כ'] ערב פסח מצות איז מוקצה. [39]

סתם מצות - מצוה, אויב האט מען אין שטוב א קליין קינד וואס פארשטייט נאך נישט די ענין פון יציאת מצרים איז עס נישט מוקצה

כ"א] חמץ נאכן סוף זמן שריפת חמץ איז מוקצה! [40]

כ"ב] מ'מעג ניצן א פסח'דיגע מצה מצרף צו זיין פאר לחם משנה. [41]

כ"ג] נאכ'ן עסן, דארף מען אויסוואשן די מויל [פיצן די ציין מיט א חמץ'דיגע ברא"ש קען מען נאר מיט 3 תנאים 1) אויב ס'מאכט נישט בליטן. 2) אויב מ'האט א מיוחד'יגע ברא"ש פאר שבת. 3) ס'רייסט נישט ארויס קיין האר פון די ברא"ש] און אפוואשן די הענט, מ'מעג ניצן רינעדיגע זייף. [43]

כ"ד] מ'בעזעמט אויף מיט די חמץ'דיגע בעזעם דארט ווי מ'האט געגעסן, און מ'לייגט די בעזעם צוזאמען מיט די חמץ'דיגע כלים וואס ווערט פארקויפט. [44]

כ"ה] מ'מעג נישט זאגן אז מ'לייגט זיך אראפ שבת כדי צו האבן כח צו זיין אויף ביים סדר, טראכטן מעג מען יא. [45]

כ"ו] פאר קליינע קינדער וואס זיי האלטן נישט ביים גיין שלאפן שבת נאכמיטאג מעג מען יא זאגן אז מ'דארף גיין שלאפן ווייל היינט נאכט איז דא א סדר! [46]

ז"ך] נאכמיטאג זאגט מען די הגדה פון עבדים היינו לפרעה, ביז לכפר על כל עוונותינו.

כ"ח] נאכ'ן זמן שריפת חמץ, טאר מען נישט האבן קיין חמץ אין זיין רשות, טאמער האט מען יא חמץ ח"ו איז מען עובר אויף בל יראה ובל ימצא.

און אפילו מ'האט עס מבטל געווען, וואס דעמאלט איז מען נישט עובר אויף בל יראה ובל ימצא, איז נאך אלץ דא א איסר מדרבנן צו האבן אינעם רשות חמץ, די פראפערטי פון א מענטש הייסט זיין רשות, דערפאר דארף מען זען אז די חמץ זאל זיין אינדרויסן פון די לאט, נאכ'ן זמן שריפת חמץ.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין היי יאר צו עסן פון די קרבן פסח אין ירושלים עיה"ק בביאת בן דוד במהרה!

שאלות ותשובות "עלה הלכה"

שאלה: פון ווען אן מעג מען נישט עסן קיין מצה?

תשובה: מצה וואס מיט דעם איז מען יוצא די מצוה פון אכילה מצה פסח ביינאכט, מעג מען נישט עסן גאנץ ערב פסח! (רמ"א: [01] אבל מצה שיוצאין בה בלילה, אסורים לאכול כל יום י"ד). די מנהג איז: אז מ'עסט נישט פון ראש חודש ניסן [02]

שאלה: לויט די מנהג אז מ'עסט נישט קיין מצה פון ר"ח, חמץ'דיגע מצה עסט מען יא?

תשובה: אודאי מעג מען! [03] מצה וואס מ'עסט ביינאכט און חמץ'דיגע מצה עסט מען דאך נישט פסח ח"ו: [04] (רמ"א)

שאלה: פאר קינדער מעג מען געבן מצה?

תשובה: יא!

שאלה: פון וועלכע יארגאנג מעג מען געבן פאר קינדער צו עסן מצה?

תשובה: פון ראש חודש וואס איז א מנהג, קען מען געבן פאר אלע יארגאנג קינדער ביז די בר/בת מצוה. [05] אבער ערב פסח, א קינד וואס פארשטייט שוין די ענין פון יציאת מצרים וואס מ'פארציילט ביינאכט מעג מען אים נישט געבן קיין מצה! (רמ"א) [06]

הערות

37) נכתב ע"ד מש"כ המחב' סעי' ד' דצרים לנקות הכלים עי"ש. 38) שו"ת כתבי אש ח"ג סט"ז: 38) משנ"ב סקכ"א בשם הפרמ"ג מש"ז סק"ו. 39) עפ"י פרמ"ג תמ"ד א"א סק"ד, וכן פרמ"ג א"א סי' ש"ו סק"י ; קצת מסופק שם, עכ"פ במצות מצוה שלנו להיום דיש לרוב, יש"ה מצות מצוה הוי ראי' לקטן, שאינו מבין בענין יציאת מצרים, דבכה"ג מותר לתת לקטן מצה לאכול, כדאי' בשו"ע סי' תע"א סעי' ב', וחמץ כשיש קטן כה"ז אינו מוקצה - משא"כ מצוות ערב פסח, שאינו נותן לקטן בשו"א אז הוי מוקצה אפי' כשיש לו קטן בביתו. 40) פשוט שאינו ראי' לכלום, שהרי אסור בהנאה. 41) פסקי באר משה, בשם שו"ת פרי השדה ח"ג סי' פ"ח עי"ש. 42) עי' בע"ת על שו"ע או"ח שכ"ז שכלל זה הכלל שם

43) שו"ת באר משה ח"ה סי' פ"ז פ"ח. 44)בסי' של"ז יוצא דלהיום שכל ריצפת הבית מרוצפין מותר לנקות מבאטאטע. 45) עי' שו"ע ה' שבת סי' ? מג"א בשם ס' חסידים. 46) כן נלענ"ד, דהדין הוא, בדבר הפסד מותר לעשות הכנה כדאי בשו"ת מנחת יצחק ?, וזה הוי דבר האבד, דכל הלילה של ליל פסח הכל בשביל התינוקות בכד שישאלו. 47) באר היטב, משנ"ב סי' ת"ל סק"ב.

01) סי' תע"א סעי' ב'. 02)הובא במשנ"ב סי' תע"א סקי"ב. 03) עי' משנת יעקב ח"ג סי' תע"א. 04)מכאן נלענ"ד דלא כמש"כ בנט"ג פ"ג אות כ"ו בשם אחיו, דש"כ בחמת מזה אסור בע"פ דהוי ספיקא דדינא דאינו חמץ גמור עי"ש, לי נראה היות דבכל אופן אינם אוכל אותם בפסח, א"כ אינו בכלל מש"כ רמ"א מצה שיוצאין בה בלילה. 05) ה' חג בחג פ' י"ד סעי' ד' הערה צו. 06) רמ"א סוף סי' תע"א

בס"ד

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו

מו"ה יקתיאל פעלדמאן הי"ו

מו"ה אשר דוב אינדארסקי הי"ו

פארן מנדב זיין

פרנס החודש ניסן

די זכות פון ארויסהעלפן דעם
הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה
בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט
פיל סייעתא דשמיא.

שטיצט אונזערע שטיצער:

FIRST CHOICE

HURLEYVILLE LEASING

*sruliHeskel

געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב

דער ראש ישיבה ביים חתונה פון בן מו"ה יואל ראטער שליט"א מנהל אין לעיקוואד

אפשערן פון בן מו"ה בנימין פאלמאן הי"ו

חדר פירן פון הילד נחמן דוד ני"ו בן מו"ה שלמה מינצברג הי"ו אין תלמוד תורה ירושלים

אנשי שלומנו רופן זיך אן מיט ווארעמע הערצער פארן בית התבשיל

דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט אנשי שלומינו

די קינדער פון תלמוד תורה אין וויליאמסבורג ביים באקן מצות

שטעטל קינדער מאכען פסח״דיג זייער רבי״ס קאר

דער ראש ישיבה אין א שמועס מיט עסקנים

א שמועס מיט אנשי שלומינו

קרעדיט: אייזיק ראטה, שמואל בלדי, שמעון פיש, נפתלי זאבעל

דער דיין שליט"א מיט די כולל אינגעלייט באטראכטן די מי גשמים
בור ביי מקוה מלכה אין שטעטל



דער ראש ישיבה שליט"א ביים באקן מצות אינעם מצה בעקעריי אין שטעטל

אין א שמועס מיט די גבאים ביים נייעם שול

דער ראש ישיבה שליט"א דאווענט מיט די קינדער

קלאסיפיידס

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה אליעזר שטריס הי"ו
וזוגתו פראדל תחי'
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה לייבי ראטה הי"ו
וזוגתו רחל תחי'
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה שמחה סאלז הי"ו
וזוגתו שרה חוה תחי'
צו די שידוך שליסן פון א טאכטער למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו
וזוגתו פערל תחי'
צו די שידוך שליסן פון בנימין זאב למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו
וזוגתו באשא תחי'
צו די שידוך שליסן פון שלום אלי' למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

ל"ג בעומר אין מירון?

מיר האבן פאר אייך א גרויסע אויסוואל פון שיינע דירות אין דרך מהדרין און אין אלע געגנטער אין מירון

רופט ישראל מאיר קרסיאנסקי
718-734-7393

אלעס אין איינער

דער מלמד ר׳ גדליה האט שוין היינט צען מאל געבעטן משה׳לה צו זיצן שיין - ער ווערט נישט פארלוירן!

דער מלמד ר׳ גדליה האט א שיעור אינעם ספר ותחיין את הילדים

זכות פרק $1000

זכות $500

קרן הדפסה

פארבינדט אייך היינט מיטן גבאי
מו״ה לייבי ראטה הי״ו

347 578 4449

*sruliHeskel

שנה ה׳
פסח
תשפ"ה
נומער 262

פאר די ברסלב'ע שטוב

יציאת מצרים 2025

א הערליכע פאנעל לכבוד זמן חרותינו ווי חשוב'ע משפחות שטעלן פאר זייער פערזענליכע געשיכטע ווי זיי זענען ארויס פון זייער אייגענע מצרים בזמן הזה

ש. טראכטער



מ. פאפענהיים:
א בליק אריין אין מצרים

ג. פעקעטע:
"ונצעק"!!!

ווארעמע
ברעסטן

אין קורצן פון פריער: הבחור יהודה לייב מייזליק ז"ל האט חתונה געהאט מיט זיין ברודער'ס טאכטער בילא און זיך באזעצט אין שטעט מאזיר. ער האט געגרונדעט לובא'ס סטאלעריי וואס איז אין פאקט געווען אן אונטער-ערדישע ישיבה. איין טאג האט די קעי. זשי. בי. אריינגעשטורעמט אין די געשעפט. מיט גרויסע ניסים האבן זיך די "ארבעטער" ארויסגעשמוגעלט באצייטנס אבער ר' יעקב איז אריינגעשליידערט געווארן אין תפיסה.

און יעצט ליינט ווייטער:

אביסל שפעטער איז ר' יעקב געשטעלט געווארן צו א געריכט. א געריכט אין רוסלאנד איז געווען א געלעכטער. עס איז פשוט געווען א שפיל צו צייגן פאר די וועלט און זיך אליינס איינרעדן אז רוסלאנד פירט זיך מיט "גערעכטיגקייט". לויט די כללים האט די רעגירונג צוגעשטעלט אן אדוואקאט וואס זאל פארטיידיגן די שולדיגער אבער רוב מאל איז עס נאר געווען א שפיל און מען האט גע'משפט דעם מענטש צו זיין אורטייל אפילו ער איז געווען אומשולדיג.

ר' יעקב איז געשטעלט געווארן צו א געריכט פאר וועלכע עס זענען געשטאנען פינף ריכטער. דריי ריכטער זענען געווען אידן, וואס דאס האט נאר שווערער געמאכט די געריכט, ווייל זיי האבן שוין געוואוסט אלע סודות, נאך בעסער ליידער ווי די נישט אידישע ריכטער.

איינע פון די שופטים, א פרייע איד נעבעך, האבן געפרעגט ר' יעקב, "פארוואס שטעלסטו אויף א סוכה און פארוואס פירסטו א ישיבה?"

ר' יעקב האט אנגעשטעלט א פנים פון אן אומוויסנדע מענטש און געזאגט מיט דרייסטקייט, "ווייל איך האב געהאפט אז איין טאג וועסטו זיך אויך אנשליסן אין מיין ישיבה."

די ריכטער האבן זיך צעשמייכלט פון די

ש. טראכטער

אומערווארטעטע תשובה און זיך איבערגעבליקט אויב דער איד וואס שטייט דא פאר זיך איז ביים קלארן דעת.

דער אדוואקאט האט געכאפט די געלעגנהייט און פראבירט צו פארטיידיגן זיין קליענט, זאגענדיג אז דער איד דא ווייזט קלארע צייכענס פון נישט זיין קלאר אין זיין מח. זיין טענה, "וועלכע נארמאלע בירגער וועט זיך מודה זיין פאר אזא הארבע עוולה אין פארנט פון פינף שופטים?"

מיט גרויסע ניסים און חסדים פון דעם אייבערשטן איז די פארטיידיגוס אנגענומען געווארן און ר' יעקב איז ארויס פריי.

ער איז ארויס פריי אבער אינגאנצן צוזאמגעבראכן. זייענדיג אין תפיסה האט מען אפגעשניטן זיין הדרת פנים, זיין בארד.

ווען ר' יעקב איז ארויס אין גאס מיט זיין שיינע לאנגע בארד האט ער אויסגעשריגן אן ווערטער פאר די גאנצע קאמיוניסטישע וועלט, "דא גייט א קינד פון באשעפער פון דער וועלט וואס בייגט זיך נישט צו סטאלין ימ"ש."

אצינד אן די בארד האט זיך ר' יעקב ממש געשעמט צו באווייזן אין גאס.

נאך די ארעסט האט ר' יעקב איינגעזעזן אז ער קען שוין נישט האלטן אפן די ישיבה, ווייל די פאליציי האט געלאקערט אויף אים טאג און נאכט.

עס איז נישט אריבער קיין לאנגע צייט און ר' יעקב איז געווארן זייער שוואך. שפירנדיג אז זיינע טעג זענען געציילטע האט ער צוזאמגערופן זיינע קינדער און גערעדט צו יעדן באזונדער און זיי איבערגעגעבן הדרכה זיך צו פירן אויף די וועגן פון אברהם, יצחק און יעקב און זיך נישט שרעקן און נישט ברעכן פון די דרוק פון די קאמיוניסטן.

א קורצע צייט דערנאך איז ר' יעקב נסתלק געווארן און איז באערדיגט געווארן אין דער אידישער בית החיים אינדערויסן פון קיעוו.

פאר זיין טאכטער ביילא, די ווייב פון ר' יהודה לייב, האט דער טאטע ר' יעקב איר אנגעזאגט אז אויב זי וועט האבן נאך א קינד זאל זי א נאמען געבן נאך אים.

האט זיין טאכטער אים געפרעגט, "און אויב איך וועל האבן א מיידל?"

האט דער טאטע ר' יעקב איר געזאגט, "דאס וועט זיין נאך בעסער, ווייל אונטער די קאמיוניסטן איז גרינגער צו ערציען א מיידל צו תורה און מצוות. אבער" האט ר' יעקב צוגעלייגט, "זאלסט איר געבן א נאמען וואס האט דעם באשעפער'ס נאמען אין זיך, אזוי וועט זי האבן א שמירה איר גאנץ לעבן און געהיטן ווערן פון די רשעים."

...

שמחת תורה תרצ"ז, בשעת ר' יהודה לייב מייזליק איז געווען אין שול און געטאנצן מיט די תורה איז איינער אריינגעלאפן אין שול מיט גרויס עקסטאז. ער איז צוגעלאפן צו ר' יהודה לייב און אים געמאלדן א פרייליכע בשורה. ר' יהודה לייב'ס ווייב בילא האט געבוירן א מיידל!

ר' יעקב האט זיך זייער דערפריידט צו די גוטע בשורה און זיך אנגערופן "אויב די בשורה איז געקומען צו מיר אינמיטן טאנצן מיט די תורה אין האנט, איז דאך זיכער אז דאס קינד וועט זיין ערליך און גיין אין די וועגן פון די תורה."

ר' יהודה לייב איז שוין דאן נישט געווען קיין אינגערמאן. ער איז שוין געווען 47 יאר אלט. די גאנצע שטעטל האט זיך מיטגעפריידט מיט ר' יהודה לייב, וואס האט שוין דאן געהאט א ווייסע בארד און איז אצינד צוריק געווארן א "אינגערמאן!"

ביילא האט געדענקט וואס איר טאטע האט איר געזאגט און א נאמען געגעבן "בתי-ה". דער נאמען איז געווען צוויי מאל פאסיג ווייל ביילא'ס באבע בתי' איז נפטר געווארן א קורצע צייט פריער.

בתי' איז געווען די אכטע קינד אין איר משפחה. אצינד זענען זיי געווען זעקס ברודער און צוויי שוועסטער.

בתי' איז אריינגעקומען אין א שטוב וואס האט איר באגאסן מיטווארימקייט און ליבשאפט, ארומגענומען מיט א פרייליכע משפחה, אבער נישט פאר לאנג.

ווען בתי' איז געווען כמעט דריי יאר אלט י"ז אלול תרצ"ט האט דייטשלאנד איינגענומען פוילן און דאן האט אויסגעבראכן די ביטערע צווייטע וועלט קריג, וואס האט געטוישט די וועלט און לעבנס פון מיליאנען אידן אויף אייביג.

לייגט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה

ג. פעקעטע

ונצעק!

"און פלוצלונג האט זיך די טיר געגעבן א בלאז אויף און ס'איז אריינגעקומען א שטארק קילע ווינט" - מאך שיין אה, שעפעלע - האט מיין מאמע געזאגט - און אריינגעלייגט נאך א לעפל פלייש מיט רייז אין די אפענע מיילער פון די דריי געבינדענע קינדער צו די סאספענספול מעשה.

אלע קינדער האבן זיך גאנץ שטארק דערשראקן פון די אפענע טיר, און געזעצן מיט אפענע מיילער ווייטער צו הערן די אינטערעסאנטע מעשה וואס מאמי דערציילט.

פארשטייט זיך, דערווייל האט מען געקענט אריינלייגן נאך אפאר לעפלעך און זעטיגן די קינדער וואס עסן קיינמאל די נאכטמאל פון זיך אליינס, אדער אפילו ווען מען פראבירט זיי אנפיטערן גייט שווערליך; אבער מיט אזא אינטערעסאנטע שפאנענדע מעשה איז גרינגער געווארן אנצופיטערן די קינדער.

"מיט יארן צוריק איז געווען א פרוי עלנד אליין, אן אלמנה, א ביטערע רחמנות. צופיל האט זי נישט פארמאגט. זי האט זיך אלץ געמוטשעט צו לייגן ברויט אויפן טיש, אבער דאסמאל האט שוין די ארעמקייט גענומען אלע עקן, זי האט זיך געטראפן מיט בלויז א קליינע זעקל מעל ביי זיך אין שטוב. מיט א געבעט צום אייבערשטן אויף אירע ליפן האט זי זיך געשטעלט איינקנעטן די ביסל מעל און וואסער וואס זי האט געשעפט ביים ברונעם, שעפשענדיג תפילות אז עס זאל געלונגען א פיינע ברויטל - לכאורה רעדט זיך עס פון א (sourdough) סאוער דאו חלה - וואס פון דעם וועט זי האבן שפייז

פאר די נעקסטע דריי טאג.

זי קנעט, מישט און פארעמט עס אויס אויף דריי באזונדערע ברויטלעך, שטעלט עס באקן, האלט א וואך אויג עס זאל נישט צוברענען, און מיט גרויס פרייד נעמט זי עס ארויס פון איר ערדענע כלים ווען ס'געענדיגט באקן. זי שטעלט עס אוועק אויפן טיש ס'זאל זיך אויסקילן.

אהא!! די געשמאקע ריח וואס איז ארויסגעקומען פון די ארעמע, פארטרוקענטע דריי שטיקלעך ברויט קען אן עושר נישט פארשטיין, אבער אן עלנדע פרוי וואס האט אזויפיל מיה געלייגט אין די דריי קליינע ברויטלעך, קוקט מיט גרויס שמחה - שוין קוים אויסווארטענדיג צו קענען מאכן אן המוציא און אריינבייסן א שטיקל.

פלוצלונג האט זיך געהערט א קלאפ אויפן טיר. די אלטע פרוי האט זיך שטאטעלעך געוואנדן צום טיר און מיט נייגער געעפנט צו זען ווער עס קלאפט. 'צופיל משפחה האב איך נישט, אן ארעמע פרוי בין איך דאך, וואס קען מען וועלן פון מיר?' קלערט זי. דארט ביים טיר שטייט אן ארעמאן.

גלייך אויפן ערשטן בליק האט זי באמערקט אז עס מוז זיין ער הונגערט שוין היבש אפאר טעג, זיין פנים האט אויסגעזען פאר'חלש'ט, זיין הענט און פיס האבן זיך געשאקלט ווי גלייך זיי ווילן זיך צאמלייגן. "איר האט אפשר עפעס פאר מיר צו עסן" - האט ער ארויסגעקראצט מיט א שטילע, טרוקענע שטימע.

די רחמנות האט זיך דערוועקט אין אונזערע ארעמע פרוי און זי קלערט צו זיך 'איך האב דאך דריי ברויטעלעך, לאמיך אוועקגעבן איינס. דער ארעמאן זעט אויס נאך ארעמער פון מיר, און איך האב מורא אויב איך וועל אים נישט געבן שוין יעצט עפעס צו עסן וועט ער חלש'ן דא אויפן ארט'. זי האט אוועקגענומען איר האנט פון הארץ און אוועקגעגעבן איינס פון איר טייערע ברויטן. "עס געזונטערהייט" האט זי אים צוגעוואונטשן און אים ארויסבאגלייט די טיר.

זי שטעלט זיך ביים אמפער פון די ביסל אנגעשעפטע וואסער, און טרוקענט זיך אירע הענט, גרייטענדיג זיך צו וואשן אויף איר שטיקל ברויט.

זי האלט שוין די טעפל אין איר האנט, ווען פלוצלונג הערט זי נאך א קלאפ אויפן טיר. 'ווער קען דאס זיין' קלערט זי צו זיך 'אפשר איז דער ארעמאן צוריקגעקומען עפעס בעטן, כ'האב דאך אבער מער נישט וואס צו געבן'. נו, לאמיר גיין זען ווער ס'איז ביים טיר.

זי מאכט אויף די טיר און פאר אירע אויגן זעט זי א קליין אינגל, טרערן גיסן זיך פון זיינע אויגן, זיין העמד און הויזן האבן שוין פיל בעסערע טעג געזען, די לעכער אויף זיין שיך האבן פארגעשטעלט פאר אונזער פרוי אז דאס קינד, אוודאי, גייט אויך אויס פאר הונגער.

א הארץ איז נישט קיין שטיין, און ווידערמאל האט זיך איר הארץ צולאזט און אן א ווארט, אן א קשה, האט זי גלייך גענומען די צווייטע ברויט, אראפגעזעצט דאס קינד, און אים אנגעטראגן צו עסן אביסל, און זיך דערמונטערן זיין פאר'חלש'טן גוף. זי האט צוגעשעפט אביסל וואסער, און אים עס געגעבן דערביי.

נאך אפאר מינוט האט מען געזען ווי די אויגן פונעם אינגל הייבן אן צו שיינען, א קאליר שפרייט זיך אויס איבער זיינע בעקעלעך, ער באדאנקט זיך ווארעמערהייט, און אין א בלינק פון אויג איז דאס קינד שוין נישטא.

די הונגער איז שוין געווען גאר גרויס, און דאסמאל נעמט שוין אונזער פרוי דאס טעפל, זי גיסט אן איר רעכטע האנט, זי גיסט אן איר לינקע האנט, הויבט אויף אירע הענט און הייבט אן זאגן: שאו... און פלוצלונג האט א שטארקע ווינט אויפגעבלאזן די טיר פון איר כאטקע, און פון די גרויסע שטורעם ווינט האט זיך איר איין ארעמע פארבליבענע ברויטעלע אויפגעהויבן, און מיטגעפלויגן מיטן ווינט, ארויס פון טיר!

די ווינט איז געגאנגען שטארק און פעסט און די ברויט איז מיטגעפלויגן מיט די שטארקע ווינט. כ'בין א אלטע אפגעשוואכטע ארעמע פרוי, צופיל כח האב איך נישט, אבער מיין לעצטע ביסן פונעם טאג, זאל איך יעצט פארלירן? זי נעמט זיך לויפן און שרייען: "מיין ברויט, מיין ברויט". זי פרובירט די שנעלסטע וואס אירע פארעלטערטע פארווייטאגטע פיס קענען נאר לויפן, זי פרובירט לויפן אין די ריכטונג ווי זי האט געזען די ברויט פליט מיט די ווינט, אבער זי האט גלייך אנערקענט אז זי וועט דאס נישט קענען מאכן.

שטאט האט זי אנגעהויבן גיין אין יענע ריכטונג, פרובירן זען צו די ווינטן וועלן זיך שטילן, און זי וועט קענען ערגעץ וואו זיך צוריק שאפן איר ברויט, כאטש היינט זאל זי עפעס אין מויל נעמען, און אויף מארגן וועט שוין דער אייבערשטער העלפן. אבער וואו נעמט מען די כוחות? זי גייט אזוי צובראכענערהייט און קען זיך נישט טרייסטן, מיין לעצטע ביס איז אוועקגענומען געווארן פון מיך, אוי, הייליגער באשעפער, וויפל איז די שיעור, איך האב דאך אוועקגעגעבן

פון מיר די לעצטע צוויי ברויטעלעך פאר דיינע קינדער צו טון א חסד, און יעצט מיין לעצטע שטיקל לחם, וואס קען מיר אביסל לעבן אריינבלאזן נעמסטו אויך אוועק פון מיר?...

אזוי שפאצירנדיג, טרעפט זי זיך נאנט צום ים, און זי זעהט פון דערווייטנ'ס ווי איר ברויט איז געפלויגן איבערן ים. זיכער איז נישטא קיין האפענונג פאר איר שטיקל ברויט. צובראכענערהייט דרייט זי זיך צוריק און וויל אהיימגיין, אבער זי קלערט צו זיך, וואס האב איך אהיימצוגיין צו א ליידיגע כאטקע און מיין הונגער וועט מיר נאר שטעכן אלץ שטערקער. לאמיר אריבערגיין צום צדיק בעטן א ברכה, בעטן הדרכה, ווי אזוי קען איך זיך שטארקן און ווייטער אנגיין היינט, ווען איך האב גארנישט געבליבן ביי מיר.

זי קלאפט אן ביים צדיק'ס טיר (מען זאגט אז די מעשה האט פאסירט ביי שלמה המלך) דער צדיק רופט איר אריין, זי גיסט זיך אויס איר צובראכן הארץ, ווי זי האט געהאט די לעצטע ביסל מעל, און זי האט זיך איינגעקנאטן א טייג, זי האט זיך געבאקן דריי ברויטעלעך איר צו האלטן ביים לעבן פאר די נעקסטע דריי טעג, און דא טרעפט זי זיך אן קיין איין שטיקל ברויט.

דער צדיק הערט איר אויס און בעט איר ארויסצוגיין אין די וַוארט שטוב. זי פילט אביסל צובראכן און צוקלאפט, זי פילט ווי אפילו דאס האט זי נישט, מען שיקט איר ארויס פון צדיק'ס שטוב. צובראכענערהייט זעצט זי זיך אוועק אויפן בענקל אינדרויסן, און זי לאזט אירע טרערן רינען. זי בעט ביים אייבערשטן ער זאל שוין רחמנות האבן אויף איר שווערע מצב, און איר שיקן א ישועה.

* * *

פארט זיך א גביר אויפן ים צו גיין מאכן ביזנעס, אויף די ווייטע רייזע האט דער גביר מיטגענומען זיין פרוי, און אסאך סחורה איינגעפאקט. ער האט זיך געגרייט אויף א לענגערע טריפ, וואו ער וועט קענען טון אסאך געשעפטן וואס וועלן פילפאכיג פארגרעסערן זיין פארמעגן.

די שיף פארט שטייט און רואיג אויף די בליטשקעדיגע בלויע וואסער, טעג און וואכן. פלוצלונג הערט זיך א רעש, מען זעט ווי די מאטראזן הייבן אן לויפן ווי פאר'סם'טע מייז. וואס איז געשען? אינטערעסירן זיך די רייכע פאסאזשירן אויפן שיף. עס האט זיך געמאכט א לאך אין דעם שיף, און וואסער קומט אריין אזוי שנעל אז מען קען עס נישט געגוג שנעל ארויסשעפן, די שיף האלט טיף אינמיטן איינזינקען.

עס איז אריבער אפאר שעה, די שיף איז געווארן שווער פון די וואג פון די וואסער וואס האט אריינגערינען, מען האט געזען די באזארגטע פנימ'ער אויף די קאפיטאן און די מאטראזן, און אלע פאסאזשירן האבן אנגעהויבן שרייען און וויינען פון גרויס פאניק און שרעק.

דער גביר איז געווען אן איש חסיד און ער האט געמאכט מיטן אייבערשטן א דיל, ער האט געבעטן ביים באשעפער: "הייליגער באשעפער, ראטעווע אפ די שיף, ראטעווע אפ די לעבן פון מיר און מיין פרוי, און אלע פאסאנדזשירן און די אלע סחורות און פארמעגנ'ס וואס געפינען זיך דא אין די שיף. הייליגער באשעפער מאך אונז א נס, און מאך אז די שיף זאל נישט איינזינקען, און מיר זאלן אנקומען צו די טרוקעניש לעבעדיג און גאנץ. באשעפער איך מאך אפ מיט דיר, איך בין גרייט אוועקצוגעבן ביז האלב פון מיין פארמעגן אז דו זאלסט מיר יעצט ראטעווען מיין לעבן". ווי נאר ער האט ארויסגעמורמלט די ווערטער, האט זיך אפגעשטעלט די קולות און די רעש אויפן שיף, און עס האט זיך געהערט א נייע שטימע פון שמחה און פרייד, אז די לאך איז בדרך נס פארשטאפט געווארן.

קיינער האט נישט פארשטאנען וואס דא האט פאסירט. די שמועות האבן זיך געהערט אז עס איז געקומען צו פליען עפעס א שטיקל טייג, וואס האט 'פונקט' אריינגעשווימען אינעם לאך, און פארדעקט די לאך. לעצט האבן אלע צוזאמען ארויסגעשעפט עמער'ס מיט וואסער פון די שיף, עס איבערגעווארפן אריין אין ים, און די שיף האט רואיג געקענט אנקערן ביים נענטסטן פארט.

דער גביר האט געהאלטן ווארט און שוין ביים אראפקומען אויף די טרוקעניש, האט ער זיך אינטערעסירט וואו דער צדיק וואוינט, און אהינגעקומען. ער קלאפט אן אויפן טיר און מען נעמט אים ווארעם אריין, ער פארציילט זיין אפקומעניש פארן צדיק און ער זאגט: "רבי, דא האב איך האלב פון מיין פארמעגן, איך ווייס עס נישט וואו צו געבן. אבער איך האב צוגעזאגט פאר דעם אייבערשטן אז איך וועל מיין פארמעגן פארטיילן פאר זיינעט וועגן. דא צדיק, נעם עס, און טוט מיט דעם ווי אזוי איר פארשטייט".

דער צדיק ווייזט מיטן פינגער, ער רופט אריין די פארוויינטע, פאראנעמטע עלטערע פרוי, וואס זיצט אינדרויסן אויפן בענקל אינגאנצן פאר'דאגה'עט, פארוויינט. קוים קוים וואס זי קען זיך אריין

ציען אינעם צימער, מיט'ן צדיק און די רייכע פארפאלק.

"דא, פארציילט די מעשה" - האט דער צדיק אויסגערופן צו די פארפאלק. און אזוי האט זיך אויסגעשטעלט דער אייבערשטער'ס וועגן זענען וואונדערליך.

מיר קענען עס נישט פארשטיין! אבער אז מען שרייט אויס צום אייבערשטן, און מען זאגט פארן אייבערשטן די פיין און די פלאג, און ווען מען האלט אויף די טיפסטע פאלץ, וואו מען שפירט זיך די מערסטע פארלאזט, פארלוירן און אליין, ווי אלעס גייט נאר טיפער און טיפער אריין אין די אפגרונד, אט דאן קומט די ישועה!!! אז די פרוי בלייבט זיך ווען מיט איר איין ארעמע ברויט, וואלט זי שלום געמאכט מיט איר מצב. אבער וויבאלד זי האט זיך געפונען אין אזא ביטערע מצב האט זי זיך געוואונדן אירע פיס טריט צום צדיק און אויסגעשריגן מיט אזא אמת'ע געוויין צום אייבערשטן אז ער זאל איר שוין העלפן, און נאר דאן האט זי געקענט זוכה זיין צו אזא ישועה, אזא וואונדערליכע נס, צו ווערן אויפגעראכטן נאך שענער ווי זי וואלט זיך אין איר לעבן געקענט פארשטעלן.

***

פארשטייט זיך אוודאי אז יעדנ'ס נאכטמאל איז שוין לאנג געענדיגט, מען האט שוין דערווייל אנגעטון פאר די קינדער די נאכט קליידער, און געברענגט נעגל וואסער, און זיי צוגעדעקט ווארעם אונטער די דעק מיט די זיסע מעשה פון א צדיק, פון אמונה אינעם אייבערשטן, און אין צדיקים. א שמייכל ארויפגעצויגן אויף די פנימ'ער פון די שלאפנדיגע קינדער האבן באשטעטיגט פאר די מאמע, אז יא, מעשיות פון צדיקים איז די וועג מיט קליינע קינדערלעך. עס פילט זיי אן מיט אזא רואיגקייט, מיט אזא שמחה, און מיט אזא שטארקייט, אז וואס עס זאל זיי נאר באטרעפן אין לעבן, ווייסן זיי אז די סוף מעשה וועט זיך אלעמאל גוט אויסלאזן, אויב לויפט מען צום צדיק און מען פאלגט זיין עצה, און מען שרייט צום אייבערשטן מיט אן אמת.

***

די פאלגנדע מעשה האבן מיר געהערט פון מוהרא"ש און פון דער ראש ישיבה, און אויף אלע גוטע פלעצער. עס איז געווען א משפחה וואס איז געווען ארעם ווי די נאכט. פאר יום טוב האבן זיי נישט געהאט א וועג פסח צו מאכן. האט די פרוי מחזק געווען איר מאן זאל גיין צום בעל שם טוב און בעטן א ברכה. נאך עטליכע מאל בעטן האט דער מאן מחליט געווען, וואס האב איך צו פארלירן, שוין, לאמיך גיין צום בעל שם טוב - אפילו ער איז נישט געווען אזא גרויסער חסיד האט ער מסכים געווען צו גיין.

דער בעל שם טוב האט אים געזאגט צו בארגן אויף יום טוב, און ווען מען האלט ביי 'ונצעק' - ביים סדר נאכט, זאל ער דארט אפשטעלן די גאנצע סדר, און ער מיט זיין גאנצע משפחה זאלן הויעך שרייען 'ונצעק' און בעטן ביים אייבערשטן

ער זאל רחמנות האבן אויף זיי און שיקן גרויס שפע.

דער מאן האט עס נישט פונקטליך געקענט פארשטיין, "איך דארף א צדיק וואס זאל מיר זאגן צו גיין בארגן?", אבער די פרוי, מיט איר שטארקע אמונה, איז געלאפן בארגן און איינגערישט א הערליכע שיינע סדר נאכט. ביי ונצעק איז שוין די גאנצע סדר געגאנגען מיט אזא רייכע טעם, אזוי שיין געדעקט די טיש, אז יעדער איז שוין געווען גוט אויפגעלייגט, און צוזאמען האט יעדער אויסגעשריגן און געוויינט 'ונצעק אל ה" הייליגער באשעפער האב רחמנות אויף אונז, און שיק אונז אונזער ישועה. די קלענער קינדער זענען איינגעשלאפן פון די לענגערע געשרייען, דער מאן און די ווייב אבער, האבן געדענקט אז דא ליגט זייער ישועה, און זיי האבן געשריגן קולי קולות טיף אין די נאכט אריין.

פלוצלונג הערט זיך א קלאפ אין טיר, א גוי א שיכור ווארפט אריין אן אוצר מיט געלט, און זאגט א מעשה אז ער האט געה'רג'עט זיין פרוי, ער דארף אנטלויפן, און ער לאזט דא זיין פארמעגן ביזדערווייל. מען קען זיך באניצן דערמיט, ביז ער וועט צוריקקומען, אויב ער וועט צוריקקומען, און אזוי איז די משפחה אויפגעראכטן געווארן בזכות פאלגן א צדיק, און וויינען און בעטן ביים אייבערשטן אויף אלע זייערע געברויכן.

לאמיר אלע נעמען די עצה פון ונצעק אל ה', און עס מיטנעמען מיט אונז נאך אסאך לענגער און שפעטער אין די נאכט אריין, פון די יעצטיגע טונקעלע גלות, און ווען עפעס דרוקט און ווען עפעס קוועטשט, און ווען מען האט נישט אויף וואס מען ברויך - האבן מיר די עצה פון פריערדיגע דורות, די עצה פון צדיקים, די איינציגסטע עצה וואס קען העלפן א מענטש. מען לויפט צום צדיק, מען נעמט א ברכה, און מען פאלגט די עצות, אפילו ווען עס שטימט נישט - אבער די עצה פון תפילה העלפט אלעמאל! מען הייבט אן שרייען צום אייבערשטן מיט אזא אמת, און דער אייבערשטער שיקט אלעמאל א ישועה.

* * *

יעצט ווען דו גרייסט די סדר, און דו ווייסט אפילו נישט פארוואס דו טוסט עס, און פארוועם דו טוסט עס, דו געדענקסט גארנישט פון די סמנים וואס ס'מיינט... אבער אז דו קאנעקסט זיך צום אייבערשטן, און די טראכסט 'איך טו עס פארן אייבערשטן, איך ווייס נישט פארוואס, איך ווייס נישט אלע טעמים פון די מצות - איך טו עס נאר פארן אייבערשטן', איז עס זייער זייער חשוב אויבן אין הימל, נאך מער ווי איינער וואס ווייסט יא אלע סודות פון יעדע שטיקל פון די הגדה. שריי פשוט'ע ווערטער וואס קומען דיר אריין ביים סדר אויף דיין פלאטשיגע לעוועל.

קדש - מען שרייט צום אייבערשטן "הייליג מיר".

ורחץ - רייניג מיר אויס, נעם מיר ארויס פון די 'אדמה', איך ווייק זיך אין 'זאלץ וואסער', און מען מאכט נישט קיין ברכה, איך דאנק דיר נישט אייבערשטער פאר אלע חסדים.

יחץ - איך בין אזוי צובראכן.

מגיד - אייבערשטער, איך האב א גאנצע 'הגדה' דיר צו פארציילן, מעשיות מיט מעשיות, פרשיות מיט פרשיות וואס גייט אויף מיר אריבער. 'מגיד מען זאגט די הגדה' קען מען זאגן ה' - איך ה'אף צו דיר. די ג' - איך ג'עדענק פון דיר. ד' - איך ד'אנק דיר. ה' - ה'ער מיר שוין אויס. מען זאגט די הגדה ביז דער אייבערשטער העלפט.

רחצה - מען וואשט אפ די טומאה, מען וואשט זיך נעגל וואסער, און מען דאנקט דעם אייבערשטן.

מוציא - נעם מיר ארויס.

מצה - פון מיינע שלעכטע מידות. דער אות צדיק איז אזוי ווי א ד', איך האב נישט קיין חכמות און איך טייטש עס אויס פאר א ד'. מצה - מדה. איך בעט דיר אייבערשטער געב מיר גוטע מידות.

מרור - העלף מיין לעבן זאל שוין נישט זיין שווער און ביטער.

כורך - אז איך וועל דיר אנהייבן יעדן טאג דאנקען, וועט עס ווערן גרינגער. מען דאנקט, מען בעט, און מען דאנקט. אדער מען טוט די דריי סטעפס, מען דאנקט און מען בעט איבער און מען בעט, ווערט עס שוין 'זכר' - מען געדענקט, 'למקדש' - זיך צו הייליגן, 'כהלל' - מיט דאנק, אזוי ווי ווען מען דאנקט.

שולחן ערוך - 'מען גרייט צום טיש', אייבערשטער איך גרייט אן פאר מיין משפחה צום טיש.

צפון - אייבערשטער, איך קוק צו דיר ארויף.

ברך - בענטש מיר.

הלל - איך זאל דיר א גאנץ לעבן לויבן.

נרצה - ווער עס טוט די אלע זאכן בפשיטות אן קיין חכמות ווי דער חכם, מען בעט דעם אייבערשטן ווי א תם, און אפילו מען ווייסט נישט וואס צו זאגן, מיט תמימות זאגט מען פשוט די הגדה, מ'טוט די סמנים פון די סדר, וואס מען קען זיך מיטנעמען פאר א גאנץ יאר א סימן - ווערט אויסגעריסן פון אים די שלעכטס, און ער איז באוויליגט ביים אייבערשטן.

ונצעק!!!!

מ. פאפענהיים

א בליק אריין אין מצרים



חָגְלָה איז געשטאנען אין הויף און אויסגעהאנגען די שניי ווייסע ליילעכער, די לאנגע יארן וואס זי האט געארבעט ביי די וועשעריי צענטער פון דערפל, האט זיך דערקענט איבער די ליילעכער וועלכע זענען געווען ציכטיג ריין אן קיין איין פלעק. אבער יעצט האט זי עס געוואשן און געטרוקנט ווי זי האט ליב, און נישט ווי לאטאַניא פארלאנגט.

די זון איז נאך געשטאנען אינמיטן הימל, ווען דער לעצטער ליילעך האט זיך שוין געשמאק געוויגט פונעם ווינטל, א מאדנער מזרח ווינט האט זיך געפילט, און חגלה איז אריין אין שטוב אביסל אויסרוען די מידע ביינער. אין הויז איז געווען שטיל און רואיג, היינט אינדערפרי נאך פארן זון אויפגאנג איז חצרון ארויסגעפארן מיט אלע קינדער צום הויפט שטאט צוֹעַן, און זי חגלה איז אויפגעשטאנען נאך פריער פון אלעמען אנצוגרייטן די עסן און לאגלען וואסער מיטצונעמען אויפן וועג. זי האט זיך געפריידט אז זיי דארפן ארויספארן אזוי פרי, נאך פאר יעדער שטייט אויף, ווייל אירע שוועסטער'ס טארן בשום אופן נישט וויסן וואו זיי פארן.

ס'הייסט אז חצרון פארט וועגן ביזנעס צוועקן, אבער די גאנצע משפחה ווייסט נישט וואס ער טוט דארט באמת. זי, חגלה, איז אויך איינמאל מיטגעפארן, דעמאלט האט זי אויך באזוכט דעם אידישן קווארטל און מיטגעהאלטן א שיעור ביי די באבע סרח אליין! זי איז צוריקגעקומען מיט אן אנדערע מח, און א אנדערע בליק אויפן לעבן און אויף די לעצטע איבערקערענישן אין לאנד. אבער זי האט עס קיינעם נישט מיטגעטיילט דא, יעצט האט זי נישט געהאט די כוחות נאכאמאל זיך אונטערצונעמען אזא שווערע וועג, אבער די קינדער האט זי גערן געשיקט, אדרבא, זאלן זיי הערן די ריכטיגע השקפה אויף די לעצטע אנטוויקלונגען אין לאנד. און בכלל, זיי קומען צוריק מענטשן, זיי פירן זיך אויף מיט דרך ארץ, און לעבן מיט אונזער איינציגער גאט אויף די ליפן.

אונזער איינציגער גאט? חגלה איז איבערראשט פון זיך אליין, אפילו איך

טראכט שוין נאר פון אונזער איינציגער גאט? יא, יא, דעמאלט ווען דער אלמעכטיגער אפגאט, דער טייך נילוס איז איבערגעקערט געווארן אויף בלוט, האבן טויזנטער פראגעס זיך אויפגעוועקט אין איר; דער טייך וואס באזארגט דעם גאנצן לאנד מיט וואסער, מיט לעבן אליין. דער טייך וואס ווען זי האט געשעפט וואסער האט זי געבעטן פאר אפגאט נילוס זאל איר שענקען דעם לעבן און געזונט, ווי אזוי האט א גאט געקענט אזוי אפטון אלע גלויביגע אין אים? און ווי אזוי האט דער אפגאט אזוי גוט דערקענט ווער עס איז א מצרי און ווער עס איז עברי? אויב דער אפגאט האט יא אזא כח, וואלט געדארפט זיין פארקערט, פאר די היכגעשעצטע הארן - די מצריים געבן וואסער, און פאר די נידריגע, שמוציגע שקלאפן - געבן בלוט.

זי האט מורא געהאט אפילו צו ברענגען די פראגעס אויפן מויל. חצרון איז פארשיקט געווארן צום שטאט פארקויפן וואסער, און אירע אינגלעך זענען געשטאנען טאג און נאכט פארקויפן וואסער פאר די מצריים פון דערפל. נאך א לאנגע איבערגעשטרענגטע וואך איז די נילוס ענדליך געווארן צוריק געווארן וואסער, און יעדער האט זיך צוריקגעקערט צום טאג טעגליכן שטייגער. חצרון איז צוריק צו די בוי ארבעט, און זי איז צוריק צום וועשעריי צענטער, זי האט געמיינט אז עס גייט איר אפווארטן א בארג ארבעט. אבער די מצרי'שע הארנטעס זענען געווען צוקלאפט אויף שטיקער, לאטאניא איז געפארן זיך 'היילן' ביי א גרויסן מכשף, און באנא איז געווען נערוועז און אנגעצויגן. די אידישע מענער וועלכע האבן געדארפט וואשן און רייבן די וועש האבן אבי אפגעטון די ארבעט. חגלה האט געציטערט אז די שולד גייט פאלן אויף איר, אזוי ווי שטענדיג. אבער באנא האט גארנישט געזען און באמערקט.

איינמאל האט זיך באנא ארויסגעכאפט אז זי ציטערט פון די פרעש וואס גייען קומען. חגלה האט נישט פארשטאנען וואס זי וויל פון איר, די וועש איז שמוציג פון פרעש? דעמאלט האט זי געהערט אז די מצריים האבן געוואוסט אז אלע וואסערן גייען ווערן בלוט, עס איז אנגעקומען איינער פון מדין - משה בן עמרם הייסט ער, ער איז אן עברי, און ער פאדערט אז דער אלמעכטיגער פרעה זאל באפרייען אלע עבריים פון זיין לאנד. פרעה לאכט פון אים, וועגן דעם איז אלעס געווארן בלוט, און יעצט רעדט ער פון פרעש.

יא, די פרעש זענען אנגעקומען!!! מחנות, מחנות פרעש, און זיי האבן געקוואקעט אין די אויערן! מ'האט געקענט טויב ווערן! אבער צוזאמען מיט די פרעש איז חצרון אהיימגעקומען, אויך זי - חגלה, האט נישט געהאט וואס צו גיין צו די ארבעט, זיי זענען געזעצן צוזאמען אינדערהיים, א טאטע, א מאמע, מיט א פולע געבענטשטע שטוב מיט זיסע קינדערלעך...

אינדערהיים איז געווען רואיג און ריין, די פרעש האבן זיך נישט געוואגט צו אנקומען נאנט צו זייער טיר, אין שטוב איז געווען א גן עדן. פלוצלונג האט זי געכאפט ווי רייך זיי זענען געווארן פון פארקויפן וואסער ביי די בלוט, און נאך עפעס האט איר געקיצלט, עפעס איז חצרון אנדערש, ער איז רואיגער, פרייליכער, ער האט עפעס א ענדלאזע געדולד צו די קינדער, ער געבט זיך אפ מיט זיי מער ווי געווענדליך. זי האט עס אנגעלייגט נאטורליך אז ער איז נישט פאריאגט פון די ארבעט, האט ער כח און מח צו טראכטן פון עפעס אנדערש.

דאן האט חנוך - דער בכור אין הויז, דער ערשטער פון די ערשטע זעקסלינג - געווארפן די באמבע, חנוך מיט זיין ערנסקייט האט געפרעגט א תמימות'דיגע שאלה פאר זיין טאטע: "טאטע, אויב דער נילוס איז א גאט, פארוואס לאזט ער צו אזעלכע שרעקעדיגע זאכן זאלן פאסירן פאר די מצריים? קודם בלוט, יעצט די פרעש איז אויך פון טייך?"

זי האט געהאלטן אינמיטן פארקנעטן א טייג, און אירע הענט זענען געלעמט געווארן אינמיטן די ארבעט. ווי אזוי וואגט זיך דער אינגל צו פרעגן הויך דאס וואס מוטשעט איר שוין אזוי לאנג? אבער חצרון האט זיך גארנישט דערשראקן, נאר פארקערט עס האט אויסגעזען אז ער

האט גאר געווארט אויף די שאלה, און ער האט געזאגט פאר חנוך: "ווילסט באמת וויסן? די תשובה איז זייער א לאנגע, האסט געדולד צו הערן?" דאס קינד איז אונטערגעשפרונגען: "יא, יא, זיכער וויל איך הערן!"

"ווייסט וואס? רוף אלע קינדער, טאטי גייט דערציילן א שיינע מעשה". יעדער איז געקומען צולויפן, די קינדער האבן זיך אויסגעזעצט אין א גרויסן רינג. חגלה איז געבליבן אין קאך, אירע הענט האבן ווייטער פלייסיג געארבעט, אבער אירע אויערן זענען געווען אנגעשפיצט און זי האט מיטגעהאלטן יעדן פיפס.

די קינדער זענען געזעצן געשפאנט, און חצרון האט דערציילט. ער האט דערציילט פון אונזערע גרויסע זיידעס אברהם, יצחק און יעקב, די אלע מעשיות האט זי גוט געקענט, אבער אינמיטן האט ער אנגעהויבן רעדן פון אונזער איינציגער גאט, דאס האט זי שוין נישט געוואוסט, אינעם נילוס האט זי שוין נישט געגלייבט, א פארשטונקענע בלוטיגע טייך איז זיכער נישט קיין גאט, אבער עס איז דא נאר איין גאט? איין אלמעכטיגער גאט וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט און ער פירט אלעס?

ווען די קינדער זענען געגאנגען שלאפן האט זי געמוזט האבן אן ענטפער, און חצרון האט איר אלעס אזוי שיין ערקלערט. פונדרויסן האט זיך געהערט די שרעקליכע קולות פון די פרעש, און אינעווייניג זענען זיי געזעצן צום שיין פון א ליכטל, מאן און ווייב און געשמועסט ביז טיף אין די נאכט אריין. חצרון האט איר מיטגעטיילט אז ווען ער איז געווען אין שטאט פארקויפן וואסער - ביי די בלוט, איז ער איין פארנאכט אנגעקומען אין א אנדערע געגנט, וואו די אינגעלייט דארטן האבן אים צוגערעדט ער זאל אריינגיין צום שיעור פון אלקנה הלוי, דארט איז אים ליכטיג געווארן פאר די אויגן, און ער האט זיך אנגעזאפט מיט די ריינע הייליגע אמונה. דו ווייסט חגלה? - האט ער איר געפרעגט - אלקנה הלוי האט געזאגט אז נאר אין דיין זכות גייט מען ארויסגיין פון מצרים...

זי איז געווען צומישט, "וואס מיינט אין מיין זכות?"

"אין דיין זכות מיינט, אז דאס וואס

אונז האבן אזא פולע ליכטיגע שטוב - חצרון האט זיך ארומגעקוקט גערירט - איז דיין קרעדיט, איך בין געווען אזוי פאריאגט, און דו ביסט מיר אנטקעגן געקומען אין פעלד מיט וואסער און מיט פישעלעך, און אזוי שווער געהארעוועט א גאנצן טאג מיט די פיצלעך אליין, און יעצט האבן אונז אזא שיינע משפחה!"

זי איז געווען זיכער אז יעצט גייט מען ווערן באפרייט. אבער די פרעש זענען געשטארבן און פרעה האט זיי נישט געלאזט ארויסגיין. צו די ארבעט זענען זיי שוין נישט צוריק, די וועשעריי צענטער האט אפיציעל באלאנגט צו באנא און לאטאניא, אבער חגלה האט עס באמת אנגעפירט, און אז זי איז נישט צוריקגעקומען האט זיך עס שטילערהייט פארמאכט.

אין א העלן טאג זענען אלע זאמד געווארן לייז, די מצריים זענען געכאפט געווארן אין שאק, ס'איז נישט געווען קיין ווארענונגען פאר דעם, אזוי ווי ביי בלוט און פרעש. חגלה האט זיך שטילערהייט געפריידט, עס איז איר געווען א עקסטערן פארגעניגן צו זען ווי די היכגעשפיצטע הארנטעס זינקען אין לייז...

שבת נאכמיטאג, ווען די גאנצע משפחה זענען זיך צאמגעקומען ביים זיידן אין הויז, ווי יעדע וואך, האט זי אויסגעדריקט איר הנאה צו זען ווי די מצריים פייניגן זיך אזוי.

אירע צוויי ברידער ימין און יכין זענען אויפגעשפרונגען פון פלאץ, "דו האסט הנאה צו זען ווי יענער פייניגט זיך?"

חגלה האט נישט פארשטאנען זייער פראבלעם, "וואס הייסט יענער? איך דארף אייך דערציילן וואס די מצרים האבן אלץ געטון צו אונז? קוק ווי דו קוקסט אויס יכין, דיין לינקע האנט איז שרעקליך פארוואונדעט און דו קענסט גארנישט טון מיט דעם, ס'איז געשען פון זיך אליין?"

יכין איז איר גארנישט שולדיג געבליבן: "אמת, איך האב זיך געפוילט אינמיטן די ארבעט האב איך נאכדעם געכאפט שרעקליכע שמיץ, אבער ווי אזוי וואגט זיך משה אזוי צו פארשוועכן די אפגעטער פון לאנד?"

"ער איז א מכשף", האט ימין צוגעלייגט.

"און דו ווייסט? ער קומט פון מדין" - האט נפתלי צוגעגעבן - "ער האט דארט איבערגעלאזט אליין זיין ווייב מיט צוויי קינדער. ווער ווייסט מיט וועמען ער האט דא צוטון"...

"און אז ער קומט פון מדין הייבט ער זיך נישט אן צו אויסקענען אין די פאליטיק פון מצרים..."

"גראדע האט ער זיך געהאדעוועט אלס קינד ביי פרעה אין פאלאץ" - האט חגלה געהערט ווי איר שוועגערין רחל רופט זיך אן שטיל, כמעט ווי צו זיך -

"אויב אזוי קען ער זיך בעסער אויס פון אונז אלעמען..."

אבער איינער פון די מענער האט זיך אנגערופן העכער, צו אלעמען: "אויב האט ער זיך נאך געהאדעוועט ביי פרעה אין פאלאץ, האט ער קיין אידישע חינוך נישט באקומען"...

"יא, און איינמאל האט אים פרעה געוואלט הרג'ענען, און דעמאלט איז ער אנטלאפן"...

"ער איז קיינמאל נישט אריבער וואס אונז זענען אריבער, ער קען אונז בכלל נישט פארשטיין, און אונז קומען זאגן וואס צו טון"...

"ער גייט צו פרעה מיט צו א שטארקע האנט, צו פרעה דארף מען רעדן א אנדערע סארט שפראך"..

"ער קען בכלל נישט גוט רעדן..."

"ער איז פשוט נישט לאגיש, ער וויל אז אלע זאלן מיטקומען מיט אים אין מדבר אריין, דינען זיין גאט".

"וואס??? ער ווייסט נישט אז פון מצרים קען מען נישט ארויסגיין? ער האט נישט געזען די שרעקליכע חיות און כישוף ביים גרעניץ???"

אזוי זענען געפלויגן אנאליזן און אפשאצונגען אויף משה, ביז דער זיידע האט זיך אנגערופן: "איך ווייס נישט וואס ער וויל, איך האב נאך געקענט דעם עלטער עלטער זיידן צֹהַר, וואס ער האט נאך געקענט דעם זיידן ראובן, דער עלטסטער זון פונעם זיידן יעקב אליין. ער האט אונז אלץ דערציילט אז יעקב איז אראפגעקומען דא אין מצרים, און מען דארף אכטונג געבן צו פאלגן וואס דער אלמעכטיגער פרעה זאגט, קיינער האט נאך קיינמאל נישט אזוי איבערגעדרייט דאס לאנד, מיר דארפן אכטונג געבן נישט צו האבן צוטון מיט אזעלכע מענטשן, און האפן צו די אפגעטער אז אלעס וועט וואס שנעלער צוריקגיין צום געווענדליכן סדר היום".

חגלה איז אהיים געקומען צושטורעמט, "פארוואס רעדט מען אויף משה אזעלכע שרעקעדיגע זאכן? איך ציטער פון די מענטשן, מען דארף שטיין ווייט פון זיי!" חצרון האט נישט געהאט קיין קלארע ענטפער'ס. עס איז קענטיג געווען אז פאר אים מוטשעט אויך די אלע לשון הרע'ס וואס מען רעדט.

דאן איז אנגעקומען א צומישעניש פון שרעקעדיגע ווילדע חיות, יעדער האט גערעדט אז עס גייט געשען, אבער אז עס זאל זיין אזוי שרעקעדיג האט זיך קיינער נישט פארגעשטעלט.

פאר חגלה האט עס אויפגעוועקט געמישטע געפילן, עס האט איר צוריקגעברענגט צו די געפערליכע טראגעדיע פון עטליכע יאר צוריק, ווען א מצרי האט געצוואונגען איר ברודער ימואל צו פאנגען א טיגער, און דער טיגער האט טראגיש פארצוקט ימואל מיט צוויי פון זיינע קינדער, איבערלאזנדיג איר שוועגערין רחל אלס א עלנדע אלמנה מיט א שטוב פון קינדערלעך... אבער עס האט איר אויך בארואיגט צו זען ווי די ווילדע חיות ווייסן אזוי גוט ווער עס איז א מצרי, און נאר פאר זיי טשעפענען זיי, ווען פאר די עבריים האבן זיי גארנישט געטון. אירע קינדער האבן עקסטער הנאה געהאט צו זען און באטראכטן און צוגיין נאנט צו די שרעקעדיגע חיות.

דעם נעקסטן שבת, ביים זיידן אין שטוב, האט זי געוואלט הערן פון רחל ווי אזוי זי האט געפילט צוזעענדיג ווי די ווילדע חיות פארצוקן דווקא די מצריים, אבער רחל איז נישט געווען דארט, דער עולם האט געשמועסט אז רחל'ס טאטע איז געווען א אויפזעהער ביי די ארבעט, און ווייל ער האט נישט ארויסגעגעבן די נעמען פון די ארבעטער וואס האבן נישט פארענדיגט די ציגל, פלעגט ער כאפן פייערדיגע שמיץ, און ער איז זייער פארוואונדעט פון דעם, וועגן דעם איז רחל געפארן מיט אים צום הויפשטאט זיך היילן.

תרצה, חגלה'ס שוועסטער פון איר זעקסלינג, האט איר שטילערהייט אריינגערוימט אין אויער: "מען שמועסט אויך אז איר טאטע איז געפארן צו משה און אהרן, און ער האלט מיט מיט זיי, און רחל גייט אויך מיט מיט אים, וועגן דעם איז זי געפארן מיט איר גאנצע משפחה, די אינגלעך גייען דארט אין חדר, און אויך צו די מיידלעך רעדט מען איין צו ארויסגיין פון מצרים, נעבעך... א עלנדע אלמנה... וועגן דעם איז זי געווארן פארכאפט... נעבעך... אבער דערצייל עס נישט איבער הויך - האט תרצה איר אנגעווארנט - ווייל אויב זיידי וועט עס הערן, קען עס אים חלילה שאטן צום געזונט"..

חגלה האט זיך שוין נישט געוואגט ארויסצורעדן א ווארט פון מויל, באלד גייט מען שוין רעדן אז אויך זי איז פארכאפט. דער שמועס ביים טיש האט זיך געדרייט ארום די לעצטע מכה, איר שוועגערין אלישבע - ימין'ס ווייב, האט זיך אפגערעדט ווי שווער עס איז איר אז די מענער ארבעטן שוין נישט, און ווי נערוועז זי ווערט ווען איר מאן דרייט זיך איר אונטער די פיס, צוזאמען מיט אלע קינדער... לפחות די לעצטע וואך איז געווען אזוי אינטערעסאנט אינדרויסן

מיט אלע חיות, און די קינדער זענען געווען אין גאס א גאנצן טאג.

אלישבע - נפתלי'ס ווייב, האט זיך אנגערופן: "נפתלי גייט ווייטער צו די ארבעט, אפילו אפיציעל שטייען שוין נישט די מצריים אויף דעם, האט ער נישט בעסערס וואס צו טון"...

"יא, אבער ימין איז זייער פארוואונדעט אויף זיין פוס, ער קען קוים גיין, ער פריידט זיך אז ער דארף שוין נישט אזוי ביטער ארבעטן"..

חגלה האט זיך געשפירט אינדרויסן פון דעם שמועס, נערוועז ווערן פון די קינדער? פונעם מאן? צוריקגיין צו די פארשקלאפטע ארבעט? זי איז אהיימגעקומען צומישט, מען טאר נישט האבן צו טון מיט אלע וואס האבן צו טון מיט משה און אהרן, אבער... פון די צווייטע זייט לעבט זי אין א גן עדן, איר מאן איז פרייליך, די קינדער זענען לעבעדיג, זיס און דרך ארץ'דיג, וואו וויל זי יא זיין?

ווען חצרון האט געזען איר פארלעגנהייט האט ער איר פארגעשלאגן איידעלערהייט: "וואס זאגסטו צו דעם פלאן? מען וועט פארן אויף עטליכע טעג קיין גושן, וועסט זען פון דערנאנט וועלכע סארטן מענטשן לעבן דארט, און אזוי וועלן מיר קענען וויסן וואס מיר האבן צו טון".

חגלה האט אויפגעציטערט פון דעם געדאנק, איך טאר עס נישט טון, איך בין צו נאנט צו מיינע שוועסטער'ס, מיין זיידע קען נאך... חס ושלום... כאפן א הארץ אטאק. אבער נאך עטליכע טעג זיך פייניגן מיט אזעלכע ספיקות, האט זי באשלאסן אז זי וויל יא פארן, זי האט געבויעט א פאנטאזירטע מעשה, אז חצרון דארף פארן וועגן די ארבעט אין שטאט אויף עטליכע וואכן, און ווייל ס'איז אסאך צייט גייט זי מיטפארן מיט אים.

אזוי זענען זיי אנגעקומען אין גושן, חצרון האט זיך באלד נאכגעפרעגט וואו און ווען ס'איז דא שיעורים, די אינגלעך זענען געגאנגען אין איינע פון די פילע חדרים דארט, און די מיידלעך האבן מיטגעהאלטן אינטערעסאנטע פראגראמען. חצרון אליין האט נישט אויסגעלאזט קיין איין שיעור אדער שמועס, און זי חגלה האט זיך געטראפן פארברענגען אסאך מיט די פילע פרויען דארט, זי האט זיך געפילט אזוי אין פלאץ, אזעלכע נארמאלע מענטשן! מען קען רעדן אפן פונעם איינציגן גאט, פון דער גאט פון אונזערע עלטערן, אזוי רואיג, אן קיין פחד אז מען גייט דיר אנקוקן א משוגענע, דער הויכפונקט איז געווען די שיעור פון סרח בת אשר אליין!

זי האט אנגעהויבן מיט א הארציגע לידעלע אויף איר פידעלע, די פידעלע מיט וועלכע זי האט נאך געשפילט פאר יעקב אבינו! און נאכדעם האט זי אזוי שיין גערעדט אז משה רבינו איז א שליח פונעם אייבערשטן אליין! אונזער גאט האט צוגעזאגט פאר אברהם אבינו אז ער גייט באשטראפן אונזערע פייניגער, און אונז אויסלייזן פון דעם שרעקליכן לאנד. משה האט איבערגעגעבן אלע סימנים וואס איז אריבער פון דור צו דור, און ער מוז זיין אונזער אויסלייזער! און אזוי ווי מען קען נישט פארשטיין דעם אייבערשטנ'ס וועגן, דאס איז די שיינקייט פון אונזער גאט, אז מען פארשטייט נישט פארוואס און פארוואן, אזוי איז אויך דא קשיות אויף די צדיקים פון יעדן דור און דור...

חגלה האט זיך שוין געשפירט באפרייט, זי האט נאר געוואלט בלייבן דארט, אבער זיי האבן געמוזט צוריקפארן אין דערפל, און פון דארטן וועלן זיי שוין ווערן אויסגעלייזט.

דער וועג צוריק איז געווען זייער א שווערע און לאנגע, און דערצו זענען זיי אנגעקומען פונקט ווען די שווערע מגיפה ביי די מצרי'שע פערד און בהמות האט זיך אנגעהויבן.

יעדער האט געוואוסט פון דעם, און יעדער האט זיך געגרייט, אבער עס איז איר געווען אזוי ביטער צו זען ווי נישט ריכטיג איר גאנצע משפחה נעמט עס אן, די גאנצע טראנספארטאציע אין מצרים האט זיך אפגעשטעלט, עס איז געווארן א הויכע מאנגל אין פערד און קעמלען, אויף מילך איז געווארן שרעקליך טייער, און דער גאנצער האנדל פון פעל, לעדער און פארמעט איז כמעט גענצליך אונטערגעגאנגען.

חגלה'ס גאנצע משפחה האט זיך גערעגט און גערעדט אויף משה: "פארוואס דארף ער אונטערברענגען די גאנצע עקאנאמיע פון לאנד? וואס איז די מעשה מיט אים? מיר ארבעטן שוין לאנג נישט ביטער, וועמען שטערט צו בלייבן דא אין זיך גוט ארויפארבעטן אין האנדלען; און אנטוויקלען דאס לאנד?"

חגלה האט געשפירט ווי זי ווערט צוריסן, זי האט שוין גוט געוואוסט וואס איז דער ריינער אמת, אבער די לאנגע שווערע וועג האט איר גוט אויסגעמאטערט, ווער זאגט איר אז זי מעג זיך אונטערנעמען אזא שווערע רייזע פון ארויסגיין פון מצרים און זיך דרייען אין מדבר? עס קענען זיך דאך ממש מאכן שאלות פון סכנות נפשות?

חצרון איז אבער געווען זייער זיכער ביי זיך, "נישטא וואס צו טראכטן בכלל, א גאט וואס קען אזוי גוט באשטראפן די וועלכע האבן אונז אזוי געפייניגט, נאר אזא גאט וויל איך דינען".

אזוי איז געקומען און געגאנגען א שווערע וואך מיט ביטערע קרעץ אויף די מצריים, און פרעה לאזט נאך אלץ נישט ארויסגיין. מיט דעם אלעם איז ביי זיי אינדערהיים די הכנות ארויסצוגיין פון לאנד געווארן שטערקער און העפטיגער, אין גושן האט זי באקומען א לאנגע פאפירוס מיט אסאך עצות און טיפ'ס וואס מען קען אלץ דארפן אויפן וועג. חצרון האט געבויעט א וועגעלע צו קענען פירן די קלענערע קינדער און בעיבי'ס, און אויפגענייט אסאך זעק צו האלטן אלע זייערע קליידער, חגלה האט אבער אלס געטראכט, זאל נאר חצרון פארן פאר דריי טעג, און איך וועל בלייבן דא...

איין טאג איז אנגעקומען דער שרעקליכער האגל, פייער און אייז צוזאמען. אלעס, אלעס איז געווארן חרוב, נאר אין גושן האט נישט געהאגלט, און די אידן זענען נישט געווארן געשעדיגט

חגלה'ס ברידער און שוועסטער האבן געקלאגט און געוויינט אויפן חורבן, חגלה האט זיך שטיל אנגערופן: "אויב אזוי איז שוין בעסער צו גיין אין מדבר". תרצה האט איר באצייטנ'ס איינגעשטילט: "ביסט שוין משוגע? מילא יונגע מענער, אבער שוואכע פרויען, קליינע קינדער און אלטע לייט? מיר וועלן זיכער אויסשטארבן דארט!"...

נאכן האגל האט חצרון נאכאמאל געוואלט אנקומען קיין גושן, אבער חגלה

האט געשפירט אז עס איז איבער אירע כוחות, און זי איז נאך אלץ נישט זיכער אז זי קען זיך אונטערנעמען ארויסצוגייען פון מצרים, די וועג איז איין זאך, אבער זיך אויך צורייסן מיט משפחה?

חצרון האט באשלאסן צו פארן קיין גושן נאר מיט די קינדער, און חגלה איז געבליבן אין שטוב מיט אירע ספיקות. א גאנצן טאג האט געבלאזן א מאדנער מזרח ווינט, נאכן אויפשטיין פרי ארויסצושיקן דעם גאנצן עולם האט חגלה באשלאסן זיך צו לייגן שלאפן מיטן זון אונטערגאנג, חצרון דארף זיין אונטערוועגנ'ס עטליכע טעג, און אז זי איז געגאנגען שלאפן פרי איז זיך אויך אויפגעשטאנען פרי, אויסגערוט, מיט א קלארע מח. זי האט באשלאסן אויסצוניצן דעם טאג מיטן וועבן א שיינער טעפיך. די שכנה יוכבד האט איר איין טאג - דעמאלט ווען די מצריים האבן זיך געפלאגט מיט די קרעץ - אויסגעלערנט א אמת'ע קונסט שטיק, ווי אזוי צו וועבן א סחורה פון יעדע זייט א אנדערע מוסטער, און זי האט געווארט אויף די געלעגנהייט עס אויסצופרובירן, זי האט געהערט שמועסן אז יוכבד איז אויך פון יענע מענטשן פון משה, אבער זי האט זיך נישט געוואגט עס ארויפצוברענגען אויפן טיש, ווייל אויב יא גייט זי האבן געפערליכע בושות..

חגלה איז ארויס צום הויף וואו עס האט זיך געטרוקנט די וואל געפארבט מיטן טייערן הימל בלוי פארב, עס דארף שוין זיין טרוקן, אזוי וועט זי קענען וועבן בלוי און פורפל צוזאמען. שטייענדיג אין הויף האט זי געהערט טריט, זי איז פארפרוירן געווארן פון שרעק, חצרון אדער די קינדער קען עס נישט זיין. אינסטינקטיוו האט זי זיך באהאלטן אונטער די לאנגע פעדעמער, באקאנטע קלאפן אויפן טיר, עס מוז זיין איינע פון אירע שוועסטער'ס! וואס טוט מען דא?! זיי טארן נישט וויסן וואו אירע קינדער געפונען זיך! זי האט זיך נישט גערירט פון פאלץ, זי האט געהערט ווי איר שוועסטער נועה וואונדערט זיך אויפן קול, וואס עס באדייט דער ליידיגער הויף, און מען עפנט נישט די טיר, וואו געפינען זיך די גאנצע משפחה? ענדליך האט זי פארלאזט דעם הויף..

חגלה האט זיך פרובירט אויפצושטעלן און אויסציען די ביינער, עס איז איר טונקל געווארן פאר די אויגן, וואס באדייט דאס? א לייכטער שווינדל איז איר באפאלן, עס איז שוין געווארן נאכט? א גאנצן טאג איז נועה געשטאנען ביים טיר? אה... ס'איז נאך בכלל נישט טונקל, נאר די ערווארטענע היישעריקן זענען אנגעקומען! א שרעקעדיגע ריזיגע וואלקן פון טויזנטער מיליאנען היישעריקן פארטונקלען דעם שיין פון די זון, און ווי וואונדערליך, די היישעריקן מיידן אויס איר הויף און פליען צו די מצרי'שע פעלדער און וועלדער, וואס ס'איז געבליבן פון דעם האגל ווערט צוריבן צווישן זייערע אייזערנע ציין..

חגלה איז געשטאנען און באוואונדערט די אויסטערלישע בילד. נאר אונזער איינציגער גאט קען אזא זאך באווייזן! עפעס רירט זיך דארט צווישן די היישעריקן, ווידעראמאל נועה? ניין! די היישעריקן צובייסן איר קלייד און פרובירן אפילו צו עסן אירע אויגן! נועה איז פארט א אידישע טאכטער, עס מוז זיין איינע פון די מצריים, אהה! עס איז באנא! זי פרובירט צו כאפן היישעריקן און עס איינזאלצן, דערווייל עסן די היישעריקן אויף אירע קליידער! גוט פאר איר! זי פלעגט מיר דאך דערגיין די יארן און מיר הייסן נאכאמאל און נאכאמאל איבערוואשן דעם קלייד, סתם פאר גארנישט! זי פלעגט מיר אויפוועקן אינמיטן נאכט, אדער הייסן בלייבן ביז פארטאג'ס איבערוואשן און איבער רייבן אירע קליידער. יעצט בלייבט זי אן גארנישט!

נאר אונזער איינציגער אידישער גאט קען אזוי נקמה נעמען פונקטליך אויף וואס מען האט אונז געפייניגט.

גרויסער באשעפער! - רייסט זיך ארויס פון איר א הארציגע תפילה - הייליגער באשעפער! איך גלייב נאר אין דיר! איך בין גרייט דיר נאכצוגיין אין מדבר, איך בין גרייט צו גיין פאר דיר אין פייער און אין וואסער! איך ווייס נישט וואס ס'וועט זיין מיט מיינע עלטערן, שוועסטער'ס און ברידער, שוואגער'ס, שוועגערנ'ס, און די גאנצע משפחה מיטן זיידן און מיט די באבע, אבער איך וויל נאר דיר נאכגיין! געב מיר די כוחות צו דעם, און העלף פאר מיין גאנצע משפחה זיי זאלן אויך וועלן דינען נאר אונזער איינציגער גאט!

עפילאג: חגלה מיט איר מאן און קינדער זענען געווען פון די גליקליכע אידן וואס זענען ארויס פון מצרים צוזאמען מיט משה רבינו.

איר בליק אויפן לעבן האט זיך אינגאנצן געטוישט, איר אמונה אינעם אייבערשטן האט באקומען א געוואלדיגע קלארקייט. נאכן שפאצירן צוזאמען מיט משה רבינו און אלע אידן צוזאמען האט זיך אירע אויגן געעפענט, זי האט אנגעהויבן שפירן אז דער אייבערשטער איז מיט איר יעדע רגע, און וואס זי דארף קען זי פון אים בעטן.

LOOK! WE'RE OPEN

OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008



יציאת מצ

ש. טראכטער



רים 2025

זי איז געווען א געלונגענע מיידל, געקומען פון א רייכע שטוב. מען האט איר אנגעטראגן די שענסטע שידוכים, עס האט איר גארנישט געפעלט. זי איז אויך געווען זייער קלוג און דערצו ערליך. ווער עס האט איר געזען האט מודה געווען אז דאס איז א מיידל א מושלם.

דאס מיידל האט אבער געלעבט מיט העכערס. זי האט געוואלט תכלית. זי האט געוואוסט אז פון א לעבן מיט געלט בלייבט גארנישט. ווען מען גייט צוריק ארויף וועט נאר נוצן תורה ותפילה. און זי האט אויף דעם כסדר געדאוונט. זי האט געוואלט זוכה זיין צו א מאן וואס לעבט מיט תורה, מיט צדיקים, מיט תכלית.

און זי האט זוכה געווען. זי האט באקומען א מאן, א צדיק, א גדול. אבער עס איז נישט געווען גרינג. איר טאטע האט געברוגזט, די שטאט האט גע'רעש'ט, דאס מיידל איז נישט מיט אלעמען, זי איז מסכים צו גיין וואוינען מיט אן ארימער בחור?

דער טאטע האט איר ארויסגעווארפן פון שטוב, ער האט איר נישט געוואלט קענען. איר משפחה האט אפגעהאקט מיט איר, עס איז איר געווען ביטער שווער, טעג און נעכט פלעגט זי זיך מתבודד זיין און וויינען צום באשעפער "הורינו ה' דרכיך" ווייז מיר אייבערשטער דיין וועג, ווייז מיר אז איך טו ריכטיג.

איר מאן איז נישט געווען אינדערהיים. זי האט אים מחזק געווען צו גיין לערנען תורה. טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, יאר נאך יאר.

זי איז געווען אויסגעשפילט. איר משפחה האט איר פארלאזט. אירע חבר'טעס האבן געשפעט. זי אליינס איז געווען צעמישט. אבער מיט אסאך תפילה און טרערן האט זי זיך דערהאלטן.

יארן זענען אריבער. זי האט זוכה געווען צו דערלעבן א גדול בתורה מיט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים. איר הייליגער מאן ר' עקיבא האט אויף איר געזאגט "שלי ושלכם שלה" אלעס וואס איך בין און אלעס וואס מיינע תלמידים דערגרייכן איז נאר אין איר זכות.

...

אויך היינט אין אונזער דור זענען פאראן שטילע העלדינס וואס מאכן נישט קיין רעש. אויך זיי זענען גרייט מיט מסירות נפש צו ערגרייכן נצחיות. די אידישע פרויען, שטיל אבער שטארק שטייען בײ די זייט פון זייערע מענער און זענען זיי מחזק צו טון וואס איז ריכטיג אפילו עס איז זייער זייער שווער.

אויך היינט שפירט זי פארשעמט, אויסגעשפילט און אפטמאל זייער צעמישט. אבער אויך היינט אזוי ווי דאן, ווייסט זי אז זי טוט וואס איז ריכטיג און וואס דער אייבערשטער וויל פון איר. זי איז אן אשה כשרה און איז מחזק איר מאן נאכצוגיין זיינע הייליגע שאיפות. זי שטייט פעסט, שטארק (און אמאל שטארק צומישט...) און איז זיך כסדר מתבודד "הורני ה' דרכיך", ווייז מיר אייבערשטער דיין וועג. איך וויל טון וואס איז ריכטיג.

און אויך היינט אזוי ווי דאן וועט זי זוכה זיין צו די ברכה און לויב "אשה יראת ה' היא תתהלל."

יעצט אין די יום טוב פון גאולה לייענט די העלדישע געשיכטעס פון פרויען וואס האבן זוכה געווען צו זאגן "ועכשיו קרבנו," און יעצט זענען מיר מקורב. הערט זייערע געשיכטעס פון לויב, פון מאפילה לאור גדול, וויאזוי זיי האבן זיך געשטארקט און אריבער (און גייען נאך אריבער) זייער פערזענליכע קריעת ים סוף.

לייענט מיט הנאה.

מ. היימליך

זייענדיג א מיידל אין די יארן פלעג איך זיך ארומקוקן און באטראכטן פארפעלקער ארום מיר. איך האב איינגעזען אז די וואס לעבן מיט א מורה דרך האבן א שיינע לעבן. אבער די וויבלעך וואס איך האב געקענט וואס האבן געלעבט מיט די אייגענע שכל זענען אנגעקומען דארט וואו איך האב נישט געוואלט אנקומען.

איך האב אסאך אריינגעטראכט וועגן דאס לעבן בכלל און איך האב געזוכט א לעבן מיט א ציל, מיט עפעס העכער. איך האב געזוכט דעם רבי'ן אבער איך האב דאס נאך דאן נישט געוואוסט.

איך האב חתונה געהאט און ב"ה מיר האבן אנגעהויבן א שיינע לעבן צוזאמען. מזמן לזמן האב איך אריינגעווארפן צו מיין מאן אז איך וואלט אזוי שטארק געוואלט לעבן מיט אן ערליכער איד, מיט א מורה דרך. מיין מאן פלעגט דאס אלץ אוועקמאכן און פארדרייען די שמועס. ער האט מיר געפרעגט/ געזאגט, "איז דען נאך היינט דא אזא זאך?"

איך בין געווארן אביסל צובראכן ביי זיך. איך האב געזען ווי מיין חלום צובלאזט זיך אזוי צווישן מיינע פינגער. וואס איך האב דאן נישט געוואוסט איז, אז מיין מאן האט יא געלעבט מיט א מורה דרך, דער ראש ישיבה שליט"א, אבער ער האט עס נאכנישט געוואלט דערציילן. ער האט נישט געוואוסט וויאזוי איך וועל דאס נעמען.

בערך צוויי מיט א האלב יאר נאך אונזער חתונה האט מיין מאן איין טאג מיר דערציילט זיין גרויסע סוד. ער האט מיר דערציילט פון זיין מלמד פון חדר וואס האט אזויפיל געריעדט פון אמונה, פון אייבערשטער און פון לעבן מיט א צדיק (ווי שוין דערציילט מער באריכות אויף די "קרעמל אפטיילונג" אויף די האטליין). איך בין געווען שאקירט אבער פרייליך. פון איין זייט האב איך זיך געפריידט, ווייל איך האב אזוי שטארק געוואלט א מורה דרך אין אונזער לעבן, אבער פון די צווייטע זייט איז די בילד געווען

אביסל אנדערש ווי איך האב ערווארטעט. איך בין אויפגעוואקסן נישט ווייט פון די ישיבה און מיין בליק אויף די ישיבה איז נישט געווען אזוי גוט.

פון די אנדערע זייט האט מיר מיין מאן געזאגט אז אלעס וואס ער איז, און אלע זיינע שיינע זאכן קומט פון דער ראש ישיבה. מיין מאן האט גערעדט מיט אזא גלאנץ און אזא חיות אז איך האב אים פשוט נישט געקענט אוועקמאכן. איך בין געווען אין א פארלעגנהייט. איך האב געזאגט פאר מיין מאן אז איך זאג נישט יא און איך זאג נישט ניין אבער איך בין מסכים דאס אויסצופראבירן.

דאן האב איך אנגעהויבן אויסהערן די שיעורים און עס האט מיר זייער געכאפט. אביסל שפעטער בין איך געגאנגען צו א שיעור פון מרת. לעסער, עס זענען דארט געווען בערך 20 פרויען. איך בין געזיצן שעמעוודיג אין די זייט און באטראכט אלעס ארום.

איך בין אהיימגעקומען גאנץ באאיינדרוקט. מרת. לעסער האט גערעדט שיינע זאכן, דברים של טעם און די פרויען האבן אויסגעזען צו זיין וואוילע נארמאלע פרויען. ווייזט אויס אז איך האב טאקע נישט געהאט די גוטע איינדרוק פון ברסלב, איך האב נאר דן געווען וואס איך האב געזען פונדרויסן - האב איך געקלערט. איך בין אהיימגעקומען זיכער מיט איין פרט. דא איז נישט קיין פלאץ פאר לײדיגייערס און משוגעים און ניין, דאס איז נישט קיין קולט.

עס איז מיר געווען שווער אפצומאכן אין מח אז איך וויל טאקע דא באלאנגען און אז יא, איך בין גרייט אנצונעמען די מורה דרך פון מיין מאן מיט א גאנצע תמימות.

איך האב געהאט אסאך קשיות און חלישות הדעת. צומאל איז מיר עס געווארן אזוי שווער אז איך האב ממש געשפירט ווי מיין מח פלאצט פון דרוקעניש. איך געדענק איינמאל ווען איך בין אנגעקומען צווישן אן עולם און איך האב זיך ארומגעקוקט מיט שטארקע בלבולים אויף וואס איך האב געזען. מרת. שניצלער איז דאן געקומען צו מיר און מיר געזאגט זייער א קלוגע שכל. זי האט מיר געזאגט אז ווען איך קום דא אריין זאל איך נישט קוקן אויף קיינעם, נאר אויפ׳ן ראש ישיבה, ווייל קיינער רעפרעזענטירט נישט "היכל הקודש", היכל הקודש איז די דיבורים פון דער ראש ישיבה, די שיעורים, די שמועסן, און די קונטרסים. דאס איז א זאך וואס האט מיר זייער אסאך געהאלפן האלטן מיין ציל פאר די אויגן.

איך בין געווען יונג און אביסל צעמישט, אבער איך האב כסדר זיך געמאכט א חשבון "וואס באקום "איך"? וואס האב איך מיט יענעם? וואס אינטערעסירט מיר בכלל א צווייטער? פארוואס קוק איך צו יענער איז יא אדער נישט אינטערעסאנט? איך האב זיך כסדר דערמאנט אז איך דארף קוקן ביי מיר אין האנט און זען וואס עס פאסירט מיט מיר ווען איך פאלג די עצות.

עס איז מיר נישט שווער געווען צו זען. ווען איך האב געפאלגט די עצות איז מיר מיין לעבן געווארן זיס און ליכטיג. אין יענע טעג איז התבודדות אזוויי דער הייליגער רבי לערנט אונז געווען פאר מיר א נייע זאך און עס האט מיר גענומען צייט ביז איך האב "געכאפט" וואס התבודדות באדייט. איך האב זיך אבער זייער שנעל צוגעכאפט צו בעטן דעם אייבערשטן אין אידיש אלעס וואס איך דארף און אזוי איז תפילה געווארן א שטארקע חלק פון מיין לעבן. אוודאי האב איך אלעמאל געדאווענט, אבער פריוואטע תפילות האט באלאנגט ביי כי אתה שומע אין שמונה עשרה. ווען איך האב פארמאכט מיין סידור האב איך פארמאכט מיין קשר מיט׳ן אייבערשטן. עס איז געווען רוחניות און גשמיות, צוויי באזונדערע זאכן. דא האט זיך מיר געעפנט א נייע וועלט פון אריינברענגען דעם אייבערשטן אינעם טאג טעגליכן לעבן.

פארשטייט זיך אז איך האב געהאט אסאך "סאושל פרעשור" און איך האב געדארפט מחליט זיין וואס איז מיר וויכטיגער, "מענטשן" אדער "לעבן." ב"ה אז איך האב געקענט אויסוועלן דאס לעבן און נאך דערצו דאס לעבן מיט א צדיק.

צו באקומען אזא שיינע לעבן קאסט א פרייז. עס איז געקומען די צייט ווען די מוסדות האט זיך געעפנט. אונזערע קינדער זענען שוין דאן געווען אין אנדערע מוסדות אבער מיר האבן זייער געוואלט קענען געבן די זיסע עצות פאר אונזערע קינדער. מיר האבן זיי פארגינען דאס וואס מיר אליינס האבן באקומען.

איך געדענק אז די טויש איז געווען שווער, נישט אז מיר זענען נישט געווען זיכער מיט אונזער באשלוס, נאר עס איז דאך שווער צו דארפן אויסשטיין צו יעדן׳ס דעות און רדיפות.

די מוסד וואו אונזערע קינדער זענען געגאנגען האט אנגעהויבן סקול אפאר טעג פאר די ברסלב׳ע מוסדות. אזוויי מיין טאכטער איז נישט אנגעקומען, איז געווארן א שטורעם. מען האט אנגעהויבן שמועסן אז מיר לייגן אריין די קינדער אין די ברסלב׳ע מוסדות. די ארומיגע האבן עס נישט אראפגעשלינגען. די פיילן האבן אנגעהויבן פליען שטארק און שנעל.

איינער האט מיר דעמאלטס געפרעגט "דו מיינסט עס ערנסט? דו לייגסט באמת אריין די קינדער אין א מוסדות וואו מען גייט אנגעטון מיט פורפל דשעקעטס, שווארצע טייטס מיט ווייסע סניקערס? דאס איז נישט קיין פלאץ פאר נארמאלע ציווילע מענטשן ווי דיר..."

פארשטייט זיך אז ווען מיר האבן געהאט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב מיר זאלן אריינלייגן די קינדער אין די מוסדות, האט דער ראש ישיבה אונז אפגערעדט, אבער דאס האט אונז נאר געמאכט נאכאמאל מאכן די חשבון פארוואס מיר ווילן זיי יא אריינלייגן און צום סוף האבן מיר עס געטון מיט א זיכערקייט.

אבער ב"ה איך בין געווען זייער זיכער אז איך טו ריכטיג. איך בין מיטגעגאנגען מיט מיין מאן 100%. איך האב געזען אן אינטערעסאנטע זאך. צוליב דעם וואס איך האב געשפירט אזוי זיכער מיט מיין שריט האב איך כמעט נישט באקומען קיין שפאט פון די ארומיגע. דאס וואס מען האט גערעדט אונטער מיין רוקן האט מיר קנאפ אינטערעסירט. פארשטייט זיך פאר די נאנטע איז עס געווען א שווערע פרשה, אבער פון די אלגעמיינע עולם האב איך ממש נישט געשפירט ביטול און שפאט.

יעדעס מאל וואס מיר האבן געהאלטן פאר׳ן נעמען א טריט ווייטער בין איך געווען זיכער אז יעצט וועט אויסברעכן די שטורעם. אבער איך האב איינגעזען איינמאל און ווידעראמאל אז דער יצר הרע מאכט זאכן אויסקוקן ווי אזא בארג אבער איינמאל מען טרעט עס אריבער איז עס בכלל נישט אזא בארג.

ב"ה אז איך האב זוכה געווען אריבערצושפרייזן די זיבן וואסערן, און היינט וואוין איך אין שטעטל וואו מען אטעמט די עצות און מיינע קינדער ווערן נתחנך אין מוסדות וואס זענען 100% אין

איינקלאנג מיט מיינע שאיפות.

דורכאויס מיין לעבן האב איך זיך געלערנט אז אויב וויל מען זוכה זיין צו מאכן די ריכטיגע און ערליכע באשלוס דארף מען אסאך תפילה און סבלנות און אויך מוז מען אריינעמען אין זיך די כלל אז איך קען נישט זיין אנגעהאנגען אין קיינעם. ווילאנג איך ווארט נאך אויף די גוט ווארט פון מיין מאמע און פאר די קאפ - שאקל פון מיין שוועסטער אדער איך האב מורא פון די קרום פון מיין שכנ'טע, איז ממש אוממעגליך צו טון וואס איז ריכטיג.

אז מען נעמט אריין די כלל אין לעבן, מיין לעבן איז איך מיט מיין מאן, און אונזער תכלית איז וואס מיר לאזן דא איבער, דאן קען מען מיט תפילה זוכה זיין צו מאכן די ריכטיגע באשלוסן.

מיר עלטערן טראגן די אחריות פון געבן פאר אונזערע קינדער די בעסטע חינוך וואס איז שייך און אויף דעם וועלן מיר דארפן אפגעבן דין וחשבון. מען ווערט מיר נישט פרעגן אויבן אויב מיין שכן אדער שוועגערין האט יא אדער נישט געהאלטן פון מיין באשלוס.

נאך א וויכטיגע כלל וואס האט מיר געהאלפן איז צו געדענקען צו האלטן מיין טיר פארמאכט. ווילאנג איך האב געלעבט אין מיינע ד' אמות מיט מיין מאן און מיינע קינדער איז מיין שטוב געווען א גן עדן. אבער ווען איך האב אריינגעלאזט די דעות פון אנדערע, דאס האט מיר געמאכט זייער צעמישט. עס איז געווען צייטן ווען איך האב פשוט נישט אויפגעהויבן די טעלאפאן פאר מענטשן. איך האב נישט געוואלט ווערן מבולבל. איך האב געוואלט זוכה זיין צו מאכן ריינע ערליכע באשלוסן אן ווערן פארדרייט פון יעדן'ס דעה.

דער ראש ישיבה זאגט כסדר (אויף די קאפיטל אין תהלים וואו דוד המלך רעדט פון מלחמת גוג ומגוג און פון די מחלוקת פון אבשלום) אז א מלחמה פון אינדרויסן, פון די וועלט איז אסאך גרינגער ווי א מלחמה וואס פאסירט אין שטוב. ווייל אויב די וועלט שטורעמט מיט א מלחמה דאן האסטו נאך א רואיגע פארזיכערטע פלאץ ביי דיר אין שטוב, וואו מען קען זיך אויסבאהאלטן.

אבער אז די מלחמה איז פון אינעווייניג אין שטוב איז דאך נישטא וואו צו אנטלויפן, דעמאלטס איז זייער זייער ביטער. אזוי איז אויך געווען ביי אונז, ווילאנג די וועלט אינדרויסן האט געקריגט אבער מיר זענען געווען בשלום איז אלעס געווען זייער פיין און זייער גוט. ביי אונז אין שטוב האט געהערשט א רואיגקייט.

אויך איז אונזער שלום בית געווארן זייער שיין און שטארק. עס איז געווארן א שטארקע קשר צווישן אונז. אזוי איז עס, אויב מען האט נישט עפעס אנדערש, אויב די ארומיגע קענען נישט און ווילן נישט פארשטיין, בויעט זיך די שטוב שטארק שיין צוזאמען.

אויך היינט דארפן מיר דאס כסדר געדענקען ווען מען איז מחנך די קינדער. די וועלט אינדרויסן בוזשעוועט מיט מלחמת היצר. איז דאך די מאמע'ס אחריות צו מאכן איר הויז פריילך, ליסטיג און מיט שלום אז עס זאל זיין א באשיצטע ווינקל פאר די קינדער.

קוקענדיג יעצט אויף צוריק קען איך זאגן "ותשחק ליום אחרון." עס איז נישט געווען גרינג, באמת נישט גרינג, עס איז געווען נעכט וואס איך בין איינגעשלאפן צו די קול פון מיין געוויין. עס איז געווען טעג וואס איך האב געשפירט אז מיין מח וועט עס נישט דערהייבן. אבער היינט צען יאר שפעטער איז נישטא קיין גליקליכערע מענטש ווי מיר. אונזער לעבן איז אזוי ליכטיג, אזוי פריילך. ווען איינער פרעגט מיר אויב איך וואלט נאך געהאט די ברירה, וואלט איך אפשר געטון אנדערש?, פארשטיי איך נישט די שאלה, איך וואלט איבערגעטון און איבערגעטון די זעלבע זאך נאכאמאל און נאכאמאל. וויאזוי איז שייך צו איבערקלערן אויב עס האט זיך געלוינט צו זוכה זיין צו א רואיגע פרייליכע לעבן מיט א תכלית און א ציל?!

איך פלעג מאכן א חשבון ביי מיר אין קאפ אז די אלע וואס מאכן מיר חלישות הדעת און שפעטן, זיי זענען נאר דא יעצט מיר אוועקצושלעפן פון אייבערשטן און פון צדיק, אבער ווען איך וועל זיך מוטשען אין לעבן און מיין שטוב, וואו וועלן זיי זיין? דעמאלטס וועלן זיי נישט זיין צום געפינען. דעמאלטס וועלן זיי מיר נישט קענען העלפן. איך האב געטראכט אז נאר איך קען זיך זארגן פאר מיין לעבן און מענטשן וועלן מיר נישט קענען העלפן. איז דאך א נארישקייט צוצוהערן צו א קול וואס וועט דיר נישט קענען העלפן אין לעבן.

ב״ה איך דאנק יעדן טאג דעם אייבערשטן אז איך האב געהאט די שכל נישט אוועקצושטופן מיין מאן מיט זיינע שאיפות נאר מיטגיין און אריינברענגען די שכינה ביי אונז אין שטוב. און אז מען גייט מיט אינאיינעם מיט די מאן קומט נאר אריין ברכה אין די שטוב און מען שניידט די פירות בזה ובבא.

מ. וועבערמאן

אין די סקריפט פון מיין לעבן איז נישט געשטאנען ברסלב. עס איז געשטאנען דארט וואוילע עלטערן, שיינע שטוב, אסאך חבר'טעס, גוטע צייכנס אין סקול, א לעבן אין קעמפ, אנפירן פלעיס, חתונה האבן, האבן א קינד בערך א יאר שפעטער... אלע נארמאלע זאכן אבער נישט ברסלב!

ווען מיין עלטסטע קינד איז געווען בערך צוויי יאר אלט זענען מיר געפארן אין די זומער באזוכן מיין שוואגער ר' אהרן וועבערמאן אויף א שבת. מיין שוואגער איז שוין דאן געווען ברסלב אבער דאס האט גארנישט געהאט מיט אונז... נו,נו... ביז יענע שבת.

ווי נאר מיר זענען אריינגעקומען אין די ״ברסלב'ע קאנטרי״ האבן מיר געשפירט א לופט וואס האט אונז געכאפט. איך האב ספעציעל באוואונדערט די שמירת עינים פון די בחורים און אויך וויאזוי אלע, גרויס און קליין האבן געלעבט מיט אמונה.

מיר האבן פארברענגט א שבת צווישן אנשי שלומינו און אנגעהויבן שפירן אז מיר ווילן אויך זוכה זיין צו די סארט לעבן. מיין מאן האט יענע שבת פארברענגט מיט דער ראש ישיבה וואס האט אים אויסגעשטעלט א פונקטליכע פלאן וויאזוי צו ווערן אן ערליכער איד.

פונקט ווי א ״נוטרישיניסט״ שטעלט דיר אויס א דיעטע אז אויב דו ווערסט עסן דאס און דאס וועסטו ביז אפאר וואכן פארלירן אזויפיל און אזויפיל פונט, אזוי האט דער ראש ישיבה אויסגעשטעלט א סדר פאר מיין מאן, וואס צו לערנען און וויאזוי זיך צו פירן אין שטוב און וויאזוי צו אויפשטעלן א שיינע שטוב.

ב״ה מיר האבן אלעמאל געהאט א שיינע לעבן אבער אצינד מיט די עצות פון דער ראש ישיבה האט אונזער לעבן אנגעהויבן צו ווערן שענער און שענער. ספעציעל אין די חלק פון אמונה, פון אריינעמען דעם אייבערשטן אין אונזער לעבן. אזוי איז אריבער א שטיק צייט וואס מיר לעבן זיך רואיג און פרייליך מיט אונזער נייע לעבנסשטייגער. אבער נישט צו לאנג האט אנגעהאלטן די רואיגקייט. אין יענע צייט האט זיך אנגעהויבן די לשון הרע'ס אויף היכל הקודש און די מצב אין גאס איז געווען זייער היציג.

איך בין ב״ה אויפגעוואקסן ביי זייער זייער טייערע און וואוילע עלטערן וואס האבן אלעמאל נאר געוואלט מיין טובה. איך האב זייער ליב מיינע עלטערן און איך האב נאר שיינע זכרונות פון מיין יוגנט.

דא איז אבער געווען אזא שווערע נסיון. מיינע עלטערן וואס האבן נאר געוואלט דאס בעסטע פאר מיר האבן געהערט אלע לשון הרע פון די גאס אבער זיי האבן נישט געשפירט די ליכטיגקייט וואס איך שפיר.

איך בין דאן געווען א יונג ווייבל פון 22 יאר אלט, צעריסן צווישן מיינע נאנטסע און טייערסטע. פון איין זייט האט מיין מאן געטראפן א וועג וואס ברענגט אונז אזוי שיין און הויעך און פון די צווייטע זייט מיינע טייערע עלטערן וועמען איך וויל אויף קיין פאל נישט וויי טון. וואס וויל דער אייבערשטער פון מיר? די שאלה האט מיר נישט געלאזט במנוחה.

איך האב אסאך טעג און נעכט אדורכגעוויינט און אסאך אסאך טרערן פארגאסן צום אייבערשטן צו וויסן וואס איז ריכטיג. ווען א מענטש איז מתפלל מיט אן אמת פארלאזט אונז נישט דער אייבערשטער. מיט די צייט האב איך געוואוסט וואס די תפקיד פון א אידישע פרוי איז, צו העלפן איר מאן שטייגן און אויפצושטעלן אן ערליכע הויז וואס לעבט מיט'ן אייבערשטן.

ווען מען האט גערעדט צו מיר אז די פלאץ איז נישט ריכטיג און מען טאר זיך דא נישט דרייען האב איך געטראכט צו זיך אז ווילאנג מיין מאן גייט נישט קעגן די תורה זאג איך נישט ניין. און פארקערט ווען איך האב געטראכט פון די רוחניות פון די יראת שמים און פון די אמונה וואס איך באקום דא. איך האב געוואוסט אז איך טו ריכטיג.

איך געדענק דעמאלטס טראכטן אז יעדער וואס גייט אריין אין ביזנעס ווייסט אז די ערשטע פינף יאר איז זייער שווער אבער נאכדעם קומט שיינע צייטן. אזוי האב איך אויך געטראכט אין יענע שווערע טעג. גם זה יעבור, אלעס גייט אריבער. עס וועט אריבערגיין די שווערע תקופה און נאכדעם וועל איך בלייבן מיט די רווחים.

היינט קען איך נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטן אז איך האב געהאט די כח און שכל אויסצואווארטן אויף שולחן ערוך, און אדורכשוויצן די ערשטע תקופה, ווייל היינט בין איך א מיליאנער, איך שנייד רווחים יעדן טאג!

איך געדענק טראכטן אז אפשר איז טאקע אפלאזן די פלאץ אדער מיין שטוב א גרינגע וועג אויף די מינוט אבער עס וועט מיר זיין לאנג און שווער און ביטער נאכדעם. איך האב אויסגעוועלט אדורכצוגיין די וועג, אפילו עס איז געווען פול מיט שטיינער און דערנער און צום סוף אנקומען צום דרך המלך.

אין יענע טעג איז נאכנישט געווען קיין פרויען שיעורים און קיין פארברענגען, איך בין געווען איינזאם. אבער אז מען האט דעם אייבערשטן דארף מען שוין נישט קיינעם. אביסל שפעטער האב איך אנגעהויבן טרעפן א פרוי דא און דארט מיט וועמען איך האב זיך מחזק געווען.

איך געדענק אז איינמאל האב איך זיך מחזק געווען מיט איינע פון די ווייבלעך (צען יאר צוריק) אז איין טאג וועלן מיר נאך

אפשר האבן די זכי' צו וואוינען אין א ברסלב'ע שטעטל ווי אונז וועלן מחנך זיין אונזערע קינדער מיט די עצות, מיט די אמונה און די שפאט פון די ארומיגע. דאס איז דאן געווען פאר אונז א ווייטע זיסע חלום, מיט וואס מיר האבן זיך אנגעווארימט אין יענע קאלטע טעג.

אזוויוי מרת. היימליך האב געשריבן איז די פלאץ פאר מיר אליינס געווען א גן עדן. ווען איך האב פארמאכט מיין שטוב בין איך געווען גליקליך און פרייליך, אבער מיין שוועריגקייט איז געווען צו זיין אנדערש. היינט קוקנדיג אויף צוריק קען איך זאגן אז די שוועריגקייטן האבן מיר נאר געבויעט און געברענגט נענטער צום אייבערשטן. איך מוז זאגן יענע יארן פון מיין אנהייב התקרבות זענען געווען מיינע שווערסטע יארן, אבער אויך יארן וואס האבן מיר געברענגט צו וואס איך בין היינט.

וואס באקומסטו אין היכל הקודש? ווילן מענטשן וויסן. וואס איז די שאלה. וואס באקומען מיר נישט? אבער די עיקר וואס איך באקום דא איז א לעבן מיט לויטערע אמונה, א לעבן וואס דער אייבערשטער איז דער עיקר און אלעס ארום איז די טפל. א לעבן וואס דרייט זיך ארום אמונה, אמונה, אמונה. דער ראש ישיבה מיט אלע חיזוק דרשות יעדן טאג געט אונז אמונה הילינג. דאס איז אונזער טעראפי.

איינער פון מיינע חבר'טעס וואס האבן געקענט מיינע נאטורן פון סקול האט מיר לעצטנס געטראפן און זעענדיג אז איך בין ב"ה אביסל אנדערש ווי זי געדענקט מיר זאגט מיר, "עס מוז זיין אז דו ביסט געווען ביי טעראפי. אנדערש קען נישט א מענטש אזוי טוישן נאטורן."

זי איז גערעכט. איך גיי טעגליך צום גרעסטן טעראפיסט. א לעבן מיט התבודדות איז טעראפי אויפ'ן העכסטן פארנעם.

ווי נאר מיר זענען אריינגעקומען אין די "ברסלב'ע קאנטרי" האבן מיר געשפירט א לופט וואס האט אונז געכאפט. איך האב ספעציעל באוואונדערט די שמירת עינים פון די בחורים און אויך וויאזוי אלע, גרויס און קליין האבן געלעבט מיט אמונה

דאס איז די מתנה וואס דער ראש ישיבה געט אונז. דער ראש ישיבה דערמאנט אונז כסדר "רעד צום באשעפער... רעד צום באשעפער... פראביר עס נאכאמאל רעד צום באשעפער... דאס איז די בעסטע טעראפי וואס איז דא... אין אלע שפראכן 24 שעה!"

ב"ה איך האב געהאט אזויפיל שכל זיך נישט צוטון צו מאכן וואס מיינע חבר'טעס מיינונג איז און דאס האט מיר גאנץ ווייניג געקימערט.

מענטשן פרעגן מיר אויב עס איז מיר שווער געווען זיך אריבערצוציען אין שטעטל. פאר מיר איז די שטעטל געווען א ישועה. פאר מיר וואלט שווער געווען צו בלייבן וואוינען צווישן מענטשן וואס פרעגן אף יעדע זאך וואס ביי מיר איז הייליג און טייער. איך האב אסאך תפילות פארגאסן צו קענען זוכה זיין אנצוקומען אין שטעטל און צו קענען געבן פאר מיינע קינדער די לויטערע חינוך.

און וואס זאל איך זאגן? די קינדער שיינען און בליען. די חינוך וואס איך האב באקומען ביי די 22 יאר און וואס איז מיר געווען אזוי אזוי שווער קונה צו זיין, באקומען זיי פון וויגעלע. די קינדער אין יעדע עלטער לעבן מיט אזא לויטערע אמונה, מיט אזא רואיגקייט און שמחה. די קינדער וואקסן דא אזוי נאטירליך(אפילו מיט וואקסינען...) אזוי געזונט און אזוי רואיג. עס איז אסאך גרינגער צו מחנך זיין קינדער אין שטוב ווען זיי ווערן אזוי נתחנך אין די מוסדות. מען שפירט אייבערשטער.

צומאל וואונדערן זיך מענטשן אויב די רואיגקייט און שמחה איז נישט קיין געמאכטע מעשיות. עס איז א שאד די צייט עס מסביר צו זיין, אדרבה טעמו וראו, קום און זיי אויך טועם א לעבן מיט'ן אייבערשטן. הייב אן טון די עצה פון התבודדות און זאג מיר וויאזוי דאס לעבן שפירט.

פארשטייט זיך אז דער יצר הרע שלאפט נישט ביי קיינעם און נישט אין ערגעץ, אפילו נישט אין שטעטל, אבער איך בין נישט אליינס אין מלחמה. איך האב די ריכטיגע געווער. מיט התבודדות און תפילה ווערט די לעבן אזוי אנדערש, ממש א גן עדן. איך האב די "טולס" וויאזוי צו מאכן סוקסעספול הילינג.

ב"ה איך האב שוין זוכה געווען צו חתונה מאכן מיין ערשטע קינד יונג און ביליג. און ב"ה אז איך בין געווען אזוי פעסט און פרייליך און זיכער מיט וואס איך טו. פארשטייט זיך אז איך בין א מענטש און עס זענען געפלויגן מיינונגען פון אלע זייטן אבער איך האב געוואוסט אז איך טו רצון ה' און דאס האט מיר געהאלטן אייזן

שטארק און איבערגליקליך. איך קען נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטן פאר זיינע חסדים. ווען איך קוק זיך ארום אויף מיינע קינדער, ווער איך ממש איבערגענומען פון שמחה אז דער אייבערשטער האט מיר אויסדערוועלט און גענומען אויף די ספעציעלע רייזע פון זוכה זיין אנצוקומען אהער. מה אשיב לה׳ כל תגמילוהו עלי!

מ. פורסט

עס איז געווען אביסל איידער קאראנע האט איינגענומען די וועלט. מיין מאן האט דאן פרובירט צו פארבעסערן די פרנסה דורך זיך אויסשפרייטן צו קענען מאכן דעכער אויף א נייע סארט וועג. א ידיד האט אים געזאגט אז ער זאל דאס אויסטשעקן אנליין, דארט וועט ער געוואויר ווערן וויאזוי מען מאכט דאס. אזוי האט ער טאקע געטון. ער האט באטראכט די אנווייזונגען אבער זייער שנעל האט ער איינגעזען אז עס שווערער ווי ער האט געמיינט און די גאנצע באלאן פון א סוקסעספול ביזנעס איז אויסגעבלאזן.

ער איז געזעצן אויפ׳ן קאוטש מיט די טעלעפאן, אינאיינעם מיט די צוקראכטע חלומות. די גוסטע אין שטוב איז געווען אביסל אומעטיג. איך האב אויך געהאט א שווערע טאג און איך בין עפעס נישט געווען אין די כלים. וואלנדיג אביסל אויפלעבן די מצב האט מיר מיין מאן געגעבן א זאג: ״געדענקסט אמאל האבן אונז געזען א שיעור פון עפעס א ברסלב׳ע ראש ישיבה, עס איז געווען פריילעך. ווילסט עס נאכאמאל זען?״

נו, ווער וויל נישט ווערן פריילעך? ווער וויל נישט אביסל שמייכלען, האב איך מסכים געווען. מיין מאן האט אריינגעטייפט אין זיין טעלעפאן און עס איז ארויפגעקומען א שיעור פון דער ראש ישיבה.

(שכח אייבערשטער מיט די שיינע שיעורים איז אונזער הויז היינט ריין און אפגעהיטן)

די שיעור האט זיך אנגעהויבן. דער ראש ישיבה האט אזוי הארציג געזינגען מיט די בחורים און דאן האט ער אנגעהויבן א שיינע ווארימע שיעור. איך בין געווען געכאפט אין א סורפרייז, איך האב נישט ערווארטעט אזא ערנסטע זאך, איך האב געמיינט איך גיי יעצט לאכן. די שיעור האט מיר אזוי געכאפט אז איך האב געבעטן מיין מאן זאל מיר ווייזן נאך איינס.

איך האב ווייטער געקוקט און עפעס האט זיך צעריסן אין מיין נשמה. איך האב אנגעהויבן זייער צו וויינען. מיין מאן האט זיך אביסל דערשראקן. ביי די אונגארישע אידן וויינט מען שנעל אבער ביי אונז, גאליציאנע און פוילישע פאסירט דאס נישט אזוי אפט.

איך האב דאן געזאגט פאר מיין מאן אז אויב דער ראש ישיבה האט געקענט מאכן א גאליציאנער אזוי וויינען ליגט דא נשמה סודות.

מיר האבן דאן באשלאסן אז מיר ווילן קשר. מיר האבן אויסגעפינען די האטליין נובער און אנגעהויבן הערן שיעורים. מיין מאן האט אנגעהויבן גיין דאנערשטאג נאכט צו שיעורים.

דאן איז געקומען קאראנע. אלע שולן און מקוואות זענען געווען פארשפארט. דער ראש ישיבה האט אבער אזויפיל גערעדט פון גיין אין מקוה און מיין מאן איז געווען צעריסן. אין די חסידות ווי מיר האבן באלאנגט איז געווען אפגעשפארט אלע בתי מדרשים און מקוואות און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון. א שטיק צייט שפעטער האט ער זיך דערוואוסט אז ביי הר״ר יצחק לעזער שליט״א אין שטוב איז כאטש דא א מנין. אויך האט ער געטראפן א מקוה פאר טייער געלט וואו ער איז געגאנגען מיט מסירת נפש.

מיין מאן האט זיך דארט אנגעהויבן דרייען און ער האט זייער ליב געהאט די חבורה. עס איז געווען א ווארעם ווינקל, א סטאבילע ווינקל אין א זמן ווען די וועלט האט זיך אזוי געשאקלט.

אין יענע זעלבע צייט האב איך אנגעהויבן האבן שטארקע חלישות הדעת. איך האב געטראכט צו מיר אז די זאך שטימט עפעס נישט. וויאזוי קען זיין אז מען זאל טרעפן א רבי אנליין? דער סאטמארער רבי, וויזניצער רבי און באבוב׳ער רבי׳ס וכו׳ געפונען זיך נישט אנליין... עפעס האט מיר נישט געפאלן די געדאנק.

פון איין זייט זע איך אן עליה ברוחניות אבער דער אופן וויאזוי מען האט דאס געטראפן האט מיר ממש נישט געפאלן. איך בין געווען זייער צעמישט. איך האב שוין געהאט געהערט גענוג שיעורים צו וויסן פון התבודדות און איך האב פארברענגט שעות זיך אויסוויינען און אויסדאווענען. איך האב נישט געוואוסט וואס איז ריכטיג. איך האב געוואלט אן ענטפער צו מיין שווערע שאלה.

פלוצלינג הער איך א קלאפ אין טיר. איך האב אזא כלל אז איך עפן נישט די טיר פאר צדקה ווען מיין מאן איז נישט אין שטוב, אבער דא האט דער אייבערשטער געפירט אז איך זאל יא עפענען די טיר.

און דארט פאר מיר שטייט נישט קיין אנדערער ווי א מפיץ! איך בין געווען אזוי שאקירט און מיט שמחה רבה איבערגענומען די עצתו אמונה וואס ער האט מיר אראפגעלייגט.

איך האב זיך צוגעכאפט ווי א דורשטיגע אין מדבר און געמישט און געמישט.

איינע פון די ערשטע בריוו האט מיר שאקירט. איינער שרייבט צום ראש ישיבה ממש מיין שאלה. ״היתכן מען מאכט ווידיאס?״

איך האב מיט דורשט געליינט די תשובה פונעם ראש ישיבה אז דאס איז טאקע פאר איינער וואס דרייט זיך דארט אז אפילו דארט זאל מען טרעפן א וועג ארויף צום אייבערשטן וכו׳.

א חלק פון יענע בריוו:

דאס וואס דו פרעגסט ווי אזוי מען קען מאכן ווידיאוס וכו׳; ביסט הונדערט פראצענט גערעכט. ווידיאוס איז נישט א זאך פאר ערליכע אידן, אפילו קוקן גוטע זאכן איז נישט כדאי, עס ברענגט נישט קיין גוטס; דאס שלעפט דעם מענטש צו קוקן נישט גוטע זאכן, עס פאר׳תמ׳ם דעם קאפ און שכל; דאס איז נאר א וועג צוריק צו ברענגען די וואס זענען נעבעך אראפגעפאלן, זיי זענען ביי זיך אזוי צעבראכן - מאכט מען דאס פאר זיי, אבער פאר ערליכע אידן איז זיכער נישט גוט צו קוקן ווידיאוס

וואויל איז דעם וואס קוקט נישט קיין ווידיאוס און קליפס, ער היט זיינע אויגן,

וועט אים זיין גוט בזה ובבא

איך בין געזיצן פארגלייזט, שאקירט און איבערגענומען פון די געוואלדיגע השגחה. איך האב שוין נישט געהאט קיין ספיקות.

אויך האב איך דארט געטראפן א תשובה צו א געוויסע מצב וואס מיט וואס מיר האבן זיך דאן געמוטשעט. דער ראש ישיבה האט דארט געגעבן הדרכה און עצות. דאס איז מיר געווען א ישועה, א נס. מיר זענען שוין געווען ביי מערערע מומחים און דאקטורים און נישט געטראפן א לעזונג.

שפעטער ווען מיר האבן דאס אמאל איבערגעשמועסט מיט'ן ראש ישיבה האט ער אונז מייעץ געווען צו רעדן צו דר. יצחק ראזענבערג וואס האט אונז אסאך ארויסגעהאלפן דערמיט.

דאן האב איך אנגעהויבן פריש צו הערן די שיעורים מיט א שטארקייט. איך האב אבער מורא געהאט צו נעמען א טריט פאראויס. מיין מאן איז שוין דאן געווען זייער שטארק מקורב און געווארט אז איך זאל מיטקומען.

איינער האט אים צוגערעדט אז אזוי ווי ער איז אצינד פריש געבוירן זאל ער ארויפגיין צו הרב שארף, אן איידעם פון ר' יצחק און נעמען חתן שיעורים ביי אים.

מיין מאן איז אהיימגעקומען און מיר געפרעגט אויב איך וואלט נישט געוואלט גיין פאר א שיעור צו מרת. שארף. איך האב אים באדאנקט און געזאגט "ביז אהער." איך בין פיין, מיר האבן א שיינע לעבן און עס פעלט נישט אויס. איך האב מורא געהאט אז איך וועל "ווערן ברסלב". איך האב הנאה פון די שיעורים און אפילו פון דעם אז מיין מאן האט א מורה דרך אבער איך האב נישט געוואלט נעמען די זאך ווייטער.

מיין מאן האט מיר געבעטן אז מיר זאלן אינאיינעם אריבערגיין און זען פון די נאנט די זאך. איך האב מסכים געווען. מיר זענען אריבער און איך האב געזען אז מענטשן פון ברסלב זענען נישט אזוי שרעקעדיג ווי איך האב געמיינט. איך האב זייער געגליכן צו פארברענגען מיט זיי.

איך בין אביסל שפעטער געגאנגען צו א שיעור וואס מרת. שארף האט געגעבן פאר פרויען. עס האט זיך מיר געעפנט א נייע וועלט. איך האב פריש אנגעהויבן לעבן.

אביסל שפעטער האט מיר מרת. שארף געענומען צו א פארטי און א שיעור. איך בין אהיימגעקומען אביסל צעמישט. עס איז שוין געווען אביסל צופיל פאר מיר. עס איז געווען דארט אסאך מענטשן. אלע זענען געווען וואויל און טייער אבער איך בין נאך געווען צו פריש עס צו קענען פארנעמען.

יענע זומער האט מיר מרת. שארף גערופן פרעגן אויב איך וויל קומען צו איר אויף א שבת אין קאנטרי. איך האב זיך צוגעכאפט דערצו.

זי רופט מיר דינסטאג און פרעגט מיר אויב איך וויל שוין קומען פון מיטוואך. איך האב איר געפרעגט פארוואס? האט זי מיר געזאגט אז עס גייט זיין א אומאן פארברענגג און זי מיינט אז איך וועל זייער הנאה האבן. איך בין אריין אין א פאניק.

אומאן? מיין מאן פארט נישט אויף אומאן. עד כאן. איך קען הערן שיעורים אפילו גיין צו א פארברענגג אבער נישט קיין אומאן.

מרת. שארף האט מיר איבערגערעדט אז איך וועל הנאה האבן אן עס האט גארנישט מיט מיין מאן'ס גיין קיין אומאן. דער עיקר, איך זאל קומען.

וואס וועל איך טון מיט די קינדער? נישט געדאגה'ט זי וועט זיי אונטערהאלטן.

שוין, מען זאגט מיר צו אזעלכע גאלדענע גליקן, האב איך געטראכט פארוואס נישט. לאמיר גיין. מיין מאן האט זיך זייער געפריידט אז איך האב מסכים געווען (זעט אויס עס איז געווען אסאך תפילות פון אים).

יענע שבת איז געווען ווי מען רופט עס א Game changer. עס האט געטוישט מיין לעבן. מיינע קינדער האבן די פאר טעג פארברענגט מיט נאך ברסלבע קינדער אין דעי קעמפ און אזוי הנאה געהאט אז ווען עס איז געקומען אהיימצוגיין האבן זיי אזוי געוויינט און פארפירט אז בשום אופן, זיי בלייבן דא.

איך האב פארברענגט א ספעציעל פריילליכע און שיינע שבת מיט משפחת שארף. עס איז געווען ווייניג גשמיות, די פלאץ איז געווען ענג מיט אסאך קינדער אבער אזויפיל שמחה און חיות אז עס מיר ממש באנומען.

איידער איך בין אהיים פרעגט מיר מרת. שארף, "דו ווייסט אז עס איז דא א ברסלבע סקול?"

"ניין."

"אפשר ווילסטו כאפן א שמועס מיט די מנהלת? זי איז דא."

"פארוואס?"

"ווועסט הנאה האבן."

מיין מח איז געלאפן. איך האב געהאט געטראכט צו מיר אז אפשר איז נישט אזוי שלעכט אריינצולייגן די קינדער אין א קליינע מוסדות ווי מען וועט זיך אפגעבן מיט זיי מער ווי אין די גרויסע סיסטעמאטישע מוסדות, נו אפשר זאל מען עס פרובירן מיט איינע פון די יונגערע קינדער.

איך האב גערופן מרת. לעסער, אבער זי האט נישט אויפגעהויבן. איך האב זיך געגרייט אהיימצוגיין קעגן די פראטעסטן פון מיינע קינדער, און דאן האט מיר מרת. לעסער צוריקגערופן.

איך האב איר געזאגט אז איך האב איר געוואלט טרעפן און זי האט מיר העפליך געלאדנט צו קומען צו איר. איך בין טאקע אנגעקומען און זי האט מיר אזוי שיין און ווארים אויפגענומען.

"פארוואס ווילסטו אריינלייגן דיינע קינדער אין ברסלב?" האט זי מיר געפרעגט.

איך האב געעפנט צוויי גרויסע אויגן. איך וויל נישט אריינלייגן. איך בין נאר געקומען שמועסן און פארברענגען.

מיר זענען דאן אריין אין א שיינע חינוך שמועס וואס האט מיר זייער באנומען. קומענדיג פון א מוסד מיט א "הויכע עדיוקעישין" האב איך געפרעגט מרת. לעסער מיט וואס מען פילט דא אן די קינדער.

זי האט מיר געזאגט אז עס איז דא מוסדות וואס זייער עיקר איז א הויכער עדיוקעישין, אונזער פאקוס איז אז די קינדער זאלן באקומען הויכע זעלבסט שאץ, און וויסן זייער חשיבות. אונזער עיקר ציל איז נישט יעצט די פאר יאר אין סקול, נאר וואס עס וועט זיין פון אונזערע תלמידות אין יארן ארום. מיר ווילן זיי זאלן זיין געזונטע ערליכע אידישע פרויען.

אונזער שמועס האט מיר זייער געכאפט. מרת. לעסער איז געווען אנדערש ווי אלע מנהלת וואס איך האב געקענט. איך האב געהאט א שיינע שמועס מיט איר און איך בין ארויס זייער באאיינדרוקט.

איך בין אריין אין קאר און געזאגט פאר מיין מאן אלעס פיין און וואויל אבער איך קען עס נישט זען געשען. איך וועל דארפן

אסאך התבודדות.

מיין מח האט שוין אנגעהויבן דרייען ארום ברסלב. און דורכאויס די נעקסטע פאר טעג האב איך אסאך אסאך געוויינט צום אייבערשטן אז איך זאל מאכן א ריכטיגע החלטה. איך האב זיך אסאך מתבודד געווען און איין טאג האב איך פלוצינג מחליט געווען אז דאס איז עס. איך וויל די חינוך פאר מיינע קינדער.

מיר האבן דאן באשלאסן אז מען וועט פרעגן דעם ראש ישיבה און טון וואס ער זאגט. (מיר האבן נאך קיינמאל פריער נישט געטראפן דעם ראש ישיבה).

מיין מאן איז אריינגעפארן אין ישיבה אבער עס האט זיך נישט אויסגעשטעלט צו טרעפן דער ראש ישיבה. מיין מאן האט אבער נישט אויפגעגעבן און איז געגאנגען טאג נאך טאג, ביז דער ראש ישיבה איז צוגעקומען און אים געפרעגט וואס ער וויל.

מיין מאן האט אים דאן געזאגט אז מיר קלערן פון אריינלייגן איין קינד אין די מוסדות ווייל א קלענערע מוסדות איז גוט פאר איר.

דער ראש ישיבה איז געווען גאנץ שארף און אים געפרעגט, "וואס איז די פלאן? וועסט מיר נוצן נאר פאר דיין באקוועמליכקייט? אויב בין איך גוט פאר איינס בין איך גוט פאר אלע און פארקערט אויך. פארוואס נאר איין קינד דארף וויסן פונעם אייבערשטן?"

מיין מאן איז אהיימגעקומען און איך בין ווידער געווארן אזוי צעמישט. רבוש"ע וואס טו איך דא? וואס טוט מען? איך וויל טון וואס איז ריכטיג. איך וויל נאכגיין מיין מאן מיט'ן גאנצן הארץ אבער עס איז אזוי שווער.

איך ווייס נישט וויאזוי בתי' האט געשפירט ווען איר האנט האט זיך אויסגעשטרעקט צו נעמען משה פון וואסער, אבער איך האב פלוצלינג געשפירט ווי מיין האנט ציעט זיך אויס צום טעלעפאן און רופט אן מרת. לעסער.

איך האב דאן געזאגט פאר מיין מאן אז אויב דער ראש ישיבה האט געקענט מאכן א גאלי־ציאנער אזוי וויינען ליגט דא נשמה סודות.

מרת. לעסער פרעגט מיר "נו וואס האסטו באשלאסן? און איך זאג איר, "איך וויל אריינלייגן מיינע אלע קינדער."

איך האב אליינס נישט געגלייבט וואס איך האב געזאגט. איך האב גלייך געוואלט צוריקרופן זאגן אז עס איז געווען א טעות, א דיבוק, אבער איך בין געבליבן געלעמט.

ווען מיין מאן איז אהיימגעקומען און איך האב אים דערציילט איז ער געווען פארפרוירן פון שמחה.

איך האב אבער נאכנישט געקענט אנרופן די אלטע מוסדות מעלדן אז מיינע קינדער קומען נישט. איך האב זיי פשוט נישט געשיקט אין סקול. ווען די ברסלב'ע ווען איז געקומען אפנעמען מיינע קינדער אפאר טעג שפעטער האב איך זיך געשפירט ווי א ראבאט, איך בין געווען פארשלאפט.

מיינע שכנים האבן מיר אנגעקוקט אין שאק און מיר געפרעגט, "ווען איז דאס געשען?"

איך האב נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן. גיי זאג זיי אז דער אייבערשטער פירט א מענטש. "איך ווייס נישט. איך מיין אז איבערנאכט." האב איך געענטפערט נישט צום זאך.

"וואס הייסט? האסט זיך אויפגעוועקט היינט צופרי און באשלאסן אריינצולייגן די קינדער אין ברסלב?"

"עפעס אזוי."

איך בין שנעל אריין צו מיר אין שטוב. איך האב געשפירט צעמישט. באמת האב איך געוואוסט אז איך טו ריכטיג און איך האב געטון וואס איך האב געוואלט. אבער איך האב נישט געהאט די כוחות צו שטיין קעגן די מענטשהייט.

איך האב געוואוסט אז ביי מיר אין שטוב איז ליכטיג און איך טו ריכטיג. איך האב נאר נישט געהאט די מח צו פארענטפערן יעדן.

אפאר טעג שפעטער האט מיר די מנהלת פון די אלטע מוסד גערופן. זי האט מיר געפרעגט "וואס גייט פאר?"

איך בין נאך אליינס געווען שאקירט און איך האב עפעס געמורמלט וועגן ברסלב און אז מיר שיקן מער נישט דא.

זי האט אויסגעזען באליידיגט. "וואס האבן מיר נישט גוט געטון?" האט זי געוואלט וויסן.

איך האב זיך באדאנקט אז זיי האבן אלעס זייער גוט געטון אבער דאס איז יעצט אונזער באשלוס.

די מנהלת האט מיר געזאגט אז די טיר איז אלעמאל אפן אויב איך באשלוס צוריקצוקומען.

פארשטייט זיך אז מיט די נאנטע ארומיגע איז געווען זייער שווער און אסאך טרערן און תפילות איז אריין אין די חינוך פון מיינע קינדער.

היינט קוקנדיג אויף צוריק דאנק איך יעדן טאג דעם אייבערשטן אויף די גרויסע נס וואס ער האט געטון מיט מיר אז איך האב געהאט די ריכטיגע שכל און פארשטאנד צו טון וואס איז ריכטיג נישט וואס אלע טוען. ב"ה היינט נאך אסאך תפילה האב איך די זכי' צו וואוינען אין שטעטל ווי די מוסדות, מיינע שכנים, מיינע פריינט זענען אלע מיט די זעלבע מיינונג און דעה. שכח אייבערשטער. דאס איז א גרויסע ישועה.

מיינט נישט, יעדן טאג דארף מען נאכאמאל בעטן זוכה צו זיין צו בלייבן פריש מקורב. דער ראש ישיבה זאגט כסדר אז אויב דו ווילסט נישט מען זאל האבן טענות אויף דיר, דאן טו גארנישט!

אזוי אויך ברוחניות, דער יצר הרע שלאפט נישט ווען א מענטש וויל טוען עפעס גוט. און ער רוט נישט איין. אויב וויל מען קומען צום רבי'ן דרייט ער אן מיט חלישות הדעת און בלבולים אבער וואויל איז דער וואס איז עקשן און שמועסט עס אויס מיט'ן אייבערשטן ביז מען איז זוכה צו באקומען א קלארע און ריינע און פרישע מח.

און אצינד ברענגען מיר אייך אפאר פרויען וואס האלטן נאך אינמיטן אדורכגיין די זיבן וואסערן. הערט פון זיי וויאזוי זיי זענען זיך מחזק צו טוען וואס איז ריכטיג.

ב. ש.

איך האב חתונה געהאט ביי די ניינצן יאר. מיר זענען געווען א גליקליך פארפאלק. ב"ה איך בין אויפגעוואקסן מיט טייערע עלטערן, א רבני'שע יחוס און א גרויסע ווארימע משפחה.

א שטיק צייט נאך אונזער חתונה האט מיין מאן אנגעהויבן הערן שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א. אין אנהייב האב איך נישט געוואוסט דערפון, ער האט נישט גערעדט דערפון. איך האב נאר אנגעהויבן באמערקן א גרויסע שינוי לטובה אין מיין מאן. ב"ה אזויווי איך האב געשריבן האבן מיר אלעמאל געהאט א שיין לעבן, מיין מאן איז א סופר, די קינדער גייען אין וואוילע מוסדות, אבער פון גוט צו בעסער איז נישטא קיין שיעור.

מיין מאן האט אנגעהויבן אהיימקומען פריער, ער האט זיך מער אפגעגעבן מיט די קינדער און מיר ארויסגעהאלפן מיט די ווירטשאפט. ער האט גערעדט צו מיר זייער שיין און ווייך און זיך אומגעגאנגען מיט יעדן זייער איידל. אויך האב איך אנגעהויבן באמערקן אז לעצטנס לערנט מיין מאן אסאך מער ווי איך געדענק. יעדע נאכט איז ער געזעצן מיט זיינע ספרים און געלערנט מיט א שטארקע חיות.

איך האב אים געהאלטן אין איין זאגן אז לעצטנס איז די הויז אזא געשמאקע גן עדן און אז ער ברענגט אריין אזא גוטע לופט אין שטוב. מיין מאן האט זיך געפריידט צו הערן אבער ער האט גארנישט מיטגעטיילט איבער די סוד וואס האט געטוישט זיין לעבן.

אויך מיין טאטע האט באמערקט אויף די נאבעלע אויפפירונג פון מיין מאן און אנגעהויבן פרעגן, "ווער איז דיין מורה דרך? וועמען הערסטו אויס? דו ביסט מיר אזוי מכבד. מער ווי אלע מיינע קינדער."

איך געדענק אז מיין מאן האט אהיימגעברענגט א בית נצחי אינדערהיים. ער האט מיר געזאגט אז עס איז געווען א גרויסע צדיק מוהרא"ש וואס האט געגעבן א הבטחה אז ווער עס וועט לערנען בית נצחי וועט זוכה זיין צו האבן א אייגענע הויז.

אין מיין מח האט זיך דאס געהערט ענליך צו מהרש"א, ממילא האב איך גלייך געטראכט אז דאס איז מן הסתם עפעס א צדיק פון יענע צייטן. איך האב נישט צוגעלייגט קאפ, נישט געפרעגט, נישט געזאגט, נאר געהערט.

א האלבע יאר איז אזוי אריבער און נאך א האלבע יאר האט מיר מיין מאן דערציילט אז א שטיק צייט פריער האט ער בטעות גערופן א האטליין און פון די טעות איז ארויסגעקומען א נייע לעבן! זייט ער האט אנגעהויבן הערן די שיעורים האט ער זיך זייער געטוישט און ער האט מיר דערציילט מיט א גלאנץ אין די אויגן אז אלעס וואס עס האט זיך געטוישט אין אונזער לעבן איז צו פארדאנקען אט די האטליין. ער האט מיר געזאגט אז אויף יעדע נושא וואס איז שייך באקומט ער שטארקע חיזוק פון די האטליין.

איך האב אויסגעהערט. פון איין זייט בין איך געווען זייער דאנקבאר אויף אלע שיינע זאכן וואס איך האב באקומען אין מיין לעבן א דאנק די שיעורים אבער פון די צווייטע זייט האב איך מורא געהאט אז עס זאל ווערן פובליק. איך האב געוואוסט אז מיינע ברודער זענען נישט ידידים פון ברסלב (מילד גערעדט). ווען עס פלעגט אריינפאלן א גליון ביי מיינע עלטערן אין שטוב האט מען גערעדט מיט קנאות אז מען מוז דאס פארברענען גלייך נאך שבת. ממילא האב איך מסכים געווען דערצו, אבער בתנאי' אז דאס וועט אלעמאל בלייבן באהאלטן און קיינער וועט נישט וויסן.

איינמאל האט מיין מאן אהיימגעברענגט א זמירות פון יבנאל. איך האב אריינגעקוקט

דערין און געזען נעמען וואס האבן מיר דערשראקן, ווי מזל טוב און סימן ברכה. איך האב אנגעהויבן טראכטן אויב דאס וועלן ווערן מיין מאן'ס נייע חברים. ווען איך האב נאך געזען אז די זמירות ענטהאלט בענטשן מיט'ן נוסח עדת מזרחי בין איך ממש אריין אין א פאניק און אים געפרעגט אויב אין ברסלב הייבט מען אן בענטשן מיט אן אנדערע נוסח...!!

איך האב געוואוסט אז איך וויל נישט זאגן ניין, ווייל איך האב אזויפיל מרוויח געווען פון די פלאץ, אבער עס איז מיר שווער געווען צו זאגן אמן ואמן.

אזוי איז אריבער א שטיק צייט. אביסל שפעטער האט מיר מיין מאן געפרעגט אויב איך וויל אויך אפשר הערן שיעורים אדער ניגונים. איך האב אריינגערופן די האטליין און אויסגעהערט די ניגונים. מיט מיין אלטע מח האב איך עס נישט געקענט נעמען. געוויסע זאכן זענען געווען צו אפן פאר מיר, אבער די שיעורים האט מיר זייער געכאפט. איך האב נישט גערופן אסאך, אפשר איינמאל א חודש.

אזוי איז אריבער נאך א לאנגע צייט. צוביסלעך האב איך אנגעהויבן הערן מער און מער שיעורים. נאך א תקופה האט מיר א ווייבל גערופן פרעגן אויב איך וויל אפשר קומען צו א פרויען צוזאמקום און מיטהאלטן א שיעור. עס איז מיר געווען זייער שווער צו גיין. איך האב געהאלטן אין איין אפשטופן יעדע וואך מיט א צווייטע תירוץ, איך האב געוואוסט ביי מיר אין מח אז באמת איז ברסלב נאר פאר שוואכע אדער מענטשן מיט א שווערע יוגנט און ב"ה איך האב געהאט א שיינע לעבן, ממילא איז עס אפשר א שטיקל טעות אז מיין מאן איז דא אנגעקומען. איך בין א גוטע פרוי, איך שטעל זיך נישט דערקעגן אבער איך זאל גיין צו שיעורים? דאס איז שוין געווען צופיל.

דערנאך איז די שפעלע אריינגעלאפן אין א טייך וואס האט אפגערייניגט זיין שמוץ און דאן האט אים דער טאטע דערקענט.

איך האב געהאט אסאך חלישות הדעת פארוואס מיין מאן האט געטראפן א פלאץ וואס איז באמת געמאכט צו מחזק זיין שוואכע מענטשן. זייענדיג פון א רבנישע שטוב האט מיין מאן נישט געהערט עמטליך צו א קהילה און דערפאר האבן מיר נישט געהאט א "רבי, א משפיע." דאס איז געווען א זאך וואס פלעגט מיר באדערן. איך האב יא געשפירט אז איך וויל האבן א מורה דרך אין אונזער לעבן. בין איך געווען אזוי אינצווישן. פון איין זייט האב איך זיך געפריידט אז מיר טרעפן א פלאץ, אבער פון די אנדערע זייט האט מיר געעגבערט אין מח פארוואס אזא פלאץ?

ב"ה איך האב זיך געשטארקט און אנגעהויבן גיין צו שיעורים. אין אנהייב בין איך נישט געקומען צופיל אבער מיט די צייט האב איך אנגעהויבן גיין מער, און היינט איז ממש נישטא א מציאות אז איך זאל פארפאסן א שיעור. דאס איז מיין לופט צו אטעמען. איך בין זיך ממש מחי' מיט די שיעור און מיט שמועסן און שיחות חברים נאך די שיעורים. אינאיינעם זענען מיר זיך מחזק ווי משפחה. עס איז זייער געשמאק.

איינע פון די זאכן וואס האט מיר זייער געכאפט ביי די שיעורים איז געווען די אויפריכטיגקייט פון אלע פרויען. דא האט קיינער נישט געשפילט די שפיל פון "פערפעקט מאמע." יעדער האט דערציילט

זייערע שוועריגקייטן וואס גייט אריבער מיט די קינדער און וויאזוי מען האט זיך געשטארקט. אינאיינעם האט מען געלאכט און זיך מחזק געווען. דאס האט מיר זייער געכאפט און אוודאי פארשטייט זיך אז נאך די ערשטע מאל האב איך אפגעאטעמט און איינגעזען אז דאס איז נישט קיין ״קולט״ און נישט קיין פלאץ פאר מענטשן וואס אנטלויפן פון די סיסטעם. איך האב זיך באקענט מיט וואוילע חסידישע, געזונטע פרויען, וואס אלע זענען געקומען פאר איין ציל, צו לעבן מיט אמת און מיט תכלית און זיך דערהאלטן אין א וועלט וואס פארט אזוי לינקס.

זייענדיג אין קימפעט פון איינע פון מיינע קינדער האט מיר אנגעכאפט אביסל א שוואכע מח און דאן בין איך אריבער זייער שטארקע בלבולים אין מח. איך האב גערוישט מיט קשיות און ספיקות. איין נאכט האב איך אויסגעפאקט פאר מיין מאן אלע מיינע צעמישטקייטן און שאלות. אסאך זענען געווען נאריש און אסאך זענען געווען מאדנע, אבער איך האב אלעס געפרעגט.

איך האב אויך געהאט א שטיקל פחד פון די פלאץ. איך האב געהאט אין מיין משפחה געוויסע מיטגלידער וואס האבן יארן געהערט צו א געוויסע קהילה וואס האט געמאכט אסאך גערודער צווישן ערליכע אידן. עס איז געווען אסאך מיסטעריע ארום זיי און שפעטער זענען א חלק פון די משפחה ארויסגעקומען פון דארט און באוויינט זייערע יארן אין די קהילה, וויאזוי זיי האבן זיך גענארט.

דאס האט מיר געמאכט שטארק דערשראקן און צעמישט. ווער זאגט אז איך באגיי נישט די זעלבע טעות? מיין מאן האט מיר אויסגעהערט און נישט אוועקגעמאכט. ער האט מיר מסביר געווען אז שקר אין לו רגלים, א זאך וואס איז שקר קען נישט בלייבן שטיין. און אז איך קוק זיך ארום וועל איך זען וויאזוי ער שטייגט אזוי שיין און ווערט נענטער צום אייבערשטן, דאס איז אמת!

נאך די שמועס מיט מיין מאן האב איך געשפירט אזויפיל לייכטער און בעסער. איך געדענק א משל וואס מיינע לערערינס פלעגן דערציילן פון א שעפעלע וואס איז געווארן פארלוירן און זיך געדרייט אין שמוץ. שפעטער האט די שעפעלע געזען זיין טאטע און איז צוגעלאפן, אבער דער טאטע האט נישט דערקענט זיין קינד. דערנאך איז די שעפעלע אריינגעלאפן אין א טייך וואס האט אפגערייניגט זיין שמוץ און דאן האט אים דער טאטע דערקענט.

איך האב זיך דעמאלטס געשפירט ווי מיין וואל איז געווארן אויסגעשווענקט און איך האב איינגעזען דעם ליכטיגן אמת.

איך האב געהאט אסאך קשיות און אסאך ספיקות אבער די ענטפער צו אלע קשיות איז געווען, ״לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו.״

מיין מאן האט מיר מסביר געווען אז איך זאל קוקן וואס איך האב אין די האנט, וויאזוי מיין לעבן איז געווארן אזא גן עדן, ווי שיין און רואיג מען באגייט זיך צו די קינדער, ווי שיין א שבת סעודה איז געווארן.

איך האב זיך אין יענע טעג אסאך מתבודד געווען און געטראכט פון אלע שיינע זאכן וואס איז געשען מיט מיר אליינס. איך האב אנגעהויבן שפירן א טעם אין הכנות צום שבת. איך האב אנגעהויבן ווארטן צו באקן חלות און אויסגענוצט די עת רצון פון לעכט. אויך האב איך זוכה געווען צו באקומען אסאך סבלנות צו די קינדער.

אין יענע ערשטע טעג ווען מיין מאן האט אנגעהויבן אריינברענגען גליונות האב איך איין טאג געזען אין עצתו אמונה א תפילה אויף כעס. איך האב דאס אויסגעשניטן און אריינגעלייגט אין מיין סידור און כסדר מתפלל געווען דערויף. ב״ה איך האב געשפירט ווי תפילה העלפט. אונזער הויז איז כסדר געווארן מער און מער אנגענעם.

איך האב שפעטער געזאגט פאר מיין מאן אז אפילו אויב איינער וועט מיר מסביר זיין אז די פלאץ איז א קולט אדער נישט גוט, וועל איך גארנישט קענען טון, ווייל די לעבן מיט די עצות פון רבי׳ן איז אזוי זיס און גוט אז איך קען דאס אויף קיין פאל נישט איבערלאזן. איך געדענק טראכטן אז מען קען מיר אלעס צונעמען אבער די איין זאך וועל איך נישט לאזן גיין - די עצות און חיזוק פון רבי׳ן.

איינמאל זייענדיג ביי מיינע עלטערן האב איך געהערט ווי מיינע ברודערס רעדן און העצן אויף די גליונות, איך האב דאן געטראכט מיט שרעק ״ווען זיי זאלן וויסן וואס עס וואלגערט זיך ביי מיר אינדערהיים...״

דאס ערשטע מאל וואס מיין מאן האט

אנגעהויבן רעדן פון אומאן איז מיר געווען זייער שווער. איך האב זייער מורא געהאט צו טראכטן וואס וועט זיין. אין מיין מח האב איך געמיינט אז די וועלט וועט צוזאמפאלן... אבער יעצט ב"ה פריי איך זיך אזוי שטארק אז איך האב זוכה געווען צוצוהעלפן אז מיין מאן זאל קענען אנקומען קיין אומאן און אז איך בין נישט געווען זיין אפהאלט. ב"ה איך האב איינגעזען אז רוב מניעות איז נאר אין מח און איינמאל מען ברעכט עס אריבער איז אסאך גרינגער.

יעדע טריט עקסטער האט אויסגעזען ווי עק וועלט. אבער למעשה ווען מענטשן זענען אביסל געוואויר געווארן איז מיר געווארן אסאך גרינגער אויפ'ן הארץ. די דרוק פון זיין באהאלטן איז זייער שווער. איינמאל איך בין געווען גענוג שטאלץ און זיכער מיט זיך איז מיר געווארן גרינגער און לייכטער און איך שפיר זייער זיכער און פריילך.

....

אין אנהייב האב איך דאס באהאלטן פון מיינע (יונגע) קינדער. איך האב נישט געוואלט זיי זאלן ליינען און זען. היינט בין איך אזוי פריילך אז זיי ליינען "נאר" דאס. קוקענדיג אין די געשעפטן מיט אלע סארט מאגאזינען בין איך אזוי זיכער און שטאלץ אז מיינע קינדער ליינען די ריינסטע און אויסגעהאלטנסטע ליין מאטריאל.

דאס ערשטע מאל וואס איך בין געפארן באזוכן אין שטעטל איז עס געווען אן איבערלעבעניש. איך האב אזוי מורא געהאט אז מען זאל מיר נישט "כאפן ביי די מעשה". אבער ברוך ה' אז מיט די צייט איז מיר געווארן גרינגער און גרינגער.

היינט קוק איך צוריק צו יענע צייטן און איך וואונדער זיך "פון וועמען און וואס האב איך מורא געהאט?" אפשר פון מיין אייגענע שאטן? אבער איך מאך עס נישט אוועק, ווייל דאס איז א חלק פון די שוועריגקייט וואס אסאך מענטשן גייען אריבער ווען מען קומט אן צום רבי'ן און אויך דאס דארף מען אדורכגיין מיט סבלנות.

מיין שווערסטע חלק איז נאך אלץ מיין משפחה. אזויווי איך האב געשריבן קום איך פון א רבנישע שטוב וואס מאכט די איבערגאנג שווערער.

אגב, ווען מיינע געשוויסטער האבן צוזאמגעשטעלט אז מיין מאן איז געווען אין אומאן איז די רעאקציע געווען אסאך מער מילד ווי איך האב זיך פארגעשטעלט.

איך באקום אזויפיל חיזוק ווען איך הער פון מיינע קליינע קינדער וויאזוי זיי האבן "מעשיות פון תפילה" און וויאזו זיי בעטן יעדע זאך פון באשעפער און דאנקען דערפאר. דאס זענען מינוטן פון נחת וואס איך בין זיך מחזק, "איך טו ריכטיג."

אויך שיקט מיר דער אייבערשטער אריין חיזוק מזמן לזמן. לעצטנס האט מיר מיין מאמע גערופן געבן א גריס אויף מיינע קינדער, ווי שיין עס איז צו זען ווי מיינע קינדער לעבן מיט אמונה. ווי אז עס צוברעכט זיך זייער מעגנעטיילס טורעם זאגן זיי "גם זו לטובה", און ווי זיי רעדן שיין איינער צום אנדערן. שכח אייבערשטער.

איינער פון מיינע קינדער האבן געהאט א שטארקע פחד פון גיין אין בעט אליינס. זי וואלט זיכער געדארפט טערעפי. אבער ברוך ה' מיט די לעכטיגע עצות, גייט זי יעדן טאג שלאפן מיט א תפילה צום באשעפער און געלויבט דעם אייבערשטן אז היינט גייט זי שלאפן רואיג און זיכער.

איך האב זייער אפט אזא השגחה אז ווען עס גייט אויף מיר איבער א שוועריגקייט, וועל איך קומען צום שיעור און הערן חיזוק פונקט אויף דעם וואס איך דארף.

נאך איידער איך האב געקענט ריכטיג אננעמען די שיעורים האב איך זיך אבער צוגעכאפט צו די זאך פון בעטן דעם אייבערשטן אויף אידיש. איך האב געבעטן אלע פריוואטע זאכן וואס איך האב נישט געקענט מיטטיילן מיט אנדערע.

דורך מיינע שטילע תפילות האב איך שוין ב"ה זוכה געווען צו פועל'ן אזויפיל שיינע זאכן. איך האב באקומען א טעם אין שבת, סבלנות אין חינוך, די מתנה פון קענען בלייבן פריילך אפילו זאכן גייען אנדערש ווי איך וויל, שמחה און אסאך מער.

מיט די צייט און מיט אסאך תפילה און התבודדות איז מיין מח אויסגעקלארט געווארן און אלע מיינע ספיקות און שאלות איז מיר ב"ה קלאר געווארן. איך בין נאר געבליבן מיט איין שאלה: "פארוואס האט מיר דער אייבערשטער געגעבן אזא זכי'?"

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב געהאט די ערליכע שכל מיטצוגיין מיט מיין מאן און אים מחזק זיין צו טון וואס איז ריכטיג. ווייל אז מען גייט נאך די וועג פון צדיקים איז מען זוכה אויפצושטעלן ערליכע דורות.

ג. ע.

איך בין אויפגעוואקסן די יונגסטע קינד אין מיין משפחה. איך האב אלעמאל געהאט א שטארקע קשר צו מיינע עלטערן. מיין טאטע איז א פארצייטישער ערליכער איד וואס לעבט מיט ערליכע אידן. איך שפיר אז דאס וואס איך האב זיך געקענט מכניע זיין און אננעמען א נייע מורה דרך אין מיין לעבן איז צו פארדאנקען מיינע עלטערן. זיי האבן אלעמאל געלעבט מיט א שטארקע ביטול און הכנעה צו ערליכע אידן און אלעמאל געשעצט צדיקים. איך האב קיינמאל נישט געהערט רעדן אויף קיין שום ערליכע איד. מיין טאטע וואלט פאר זיין רבי געגאנגען אין פייער.

מיין מאן, וועלכע איז אויפגעוואקסן וואוינענדיג ווייט פון א רבי האט געוואוסט אז פון א רבי בעט מען א ברכה פאר א שידוך אדער ביים אפשערן א קינד, נישט צופיל מער. איך האב אבער יא אלעמאל געוואלט "לעבן" מיט א מורה דרך.

מיין מאן האט געהאט א חברותא אין כולל וואס איז געווען מקורב צו היכל הקודש, ער פלעגט אסאך שמועסן מיט מיין מאן פון היכל הקודש, אבער מיין מאן האט דאס נישט געקענט נעמען. מין מאן פלעגט אים אויסהערן און גיין ווייטער. עס האט נישט געמיינט אים. ער האט געהערט און געהערט און ערגעץ אינצווישן האבן אבער די דיבורים אנגעהויבן אריינגיין אין זיין אויער.

די צווייטע יאר נאך מיין חתונה זענען מיר געפארן קין ניו העמפשיר. מיין מאן האט געבארגט א □□□ פון זיין חברותא מיט ניגונים פון דער ראש ישיבה. זיבן שעה נאכאנאנד האט די USB געזינגען ביי אונז אין קאר איבער און איבער. איך האב געהערט, הנאה געהאט אבער נישט מער.

מיין מאן איז ב"ה א מלמד. איין טאג איז צוגעקומען א יונגערמאן וואס ארבעט אין חדר און אים שטילערהייט געזאגט: "איך הער אז דו דרייסט זיך אין דאלסאן?

מיין מאן האט אנגעהויבן הערן שיעורים מער און מער. איך האב נישט געוואוסט דערפון, אדער נישט געוואלט וויסן. ב"ה מיר האבן אלעמאל געהאט א שיינע לעבן אבער מיט די צייט, מיט די שיעורים זענען זאכן געווארן שענער און שענער.

איך האב געוואלט זיין א וואוילע פרוי און דעריבער אפילו עס האט מיר נישט אזוי געשמעקט האב איך נישט אפגעהאלטן מיין מאן אפילו ווען ער האט אנגעהויבן גיין צו שיעורים. איין טאג קומט מיר מיין מאן פרעגן אויב ער מעג געבן מיין נומער פאר א פרוי אז זי זאל מיר לאדענען צו די פרויען שיעור.

איך האב אים קלאר געזאגט "ניין!" איך בין נישט געווען אינטערעסירט צו רעדן צו קיינעם, ברסלב האט נישט מיט מיר. בכלל האט מיר די גאנצע עסק אנגעהויבן שטערן. איך קום פון א געסעטלטע נארמאלע שטוב, מיין מאמע איז א היי-סקול טישטער. די גאנצע ברסלב איז דאכט זיך מיר א טעות... מיין לעבן איז גוט, עס פעלט מיר גארנישט, וואס פעלט אויס צו שאקלען א שיף ווען אלעס פארט געמיטלעך? איך האב עס נישט געקענט פארשטיין. איך בין געווען העכסט אומבאקוועם מיט די גאנצע פרשה, עס איז געווען צו שווער פאר מיינע יונגע פלייצעס, איך האב נישט געהאט כח צו שלעפן א סוד. איך האב געוואלט זיין נארמאל אזויווי יעדן. מיין מאן האט געהאט שכל און מיר קיינמאל נישט געדרוקט.

אפאר טעג שפעטער האב איך געזאגט פאר מיין מאן אינגאנצן צעמישט, הער מיך אויס, איך קען נישט מער, אדער איך אדער ברסלב...

מיין מאן האט מיר זייער שיין (היכל הקודש'ידיג) און שכל'דיג געענטפערט אז ער בלייבט מיט מיר און אוודאי קלויבט ער זיין שטוב ערשט אבער ער וויל מיר זאגן אז אלע שיינע זאכן וואס איך זע אין אים און די שיינע שלום בית וואס מיר האבן, דאס אלעס איז נאר צו פארדאנקען דער ראש ישיבה און זיינע הערליכע ליכטיגע שיעורים.

איך בין געווען צעמישט. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טראכטן. איך האב נישט געוואלט אויפגעבן אונזער שיינע לעבן. דעמאלטס האב איך באשלאסן אז א פרוי טאר טאקע נישט שטערן איר מאן'ס רוחניות אבער איך לאז זיך ארויס דערפון. איך וועל אים נישט אפהאלטן פון גיין און קומען אבער פליז לאז מיר ארויס פון די גאנצע עסק און פארשטייט זיך עס וועט בלייבן בשתיקה.

איין טאג, (לכאורה נאך אסאך וואכן פון תפילה פון מיין מאן) האב איך אנגערופן מיין מאן (איך געדענק נישט וואס האט מיר דעמאלטס געמאכט דאס טון) און אים געבעטן די נומער פון האטליין. איך האב אריינגערופן און צובּיסלעך אנגעהויבן הערן שיעורים.

היינט קוק איך צוריק אז עס איז א נס אז איך בין געגאנגען שטייט און צוביסלעך, און אז מיין מאן האט מיר נישט געשטופט ווייל עס וואלט זיך נישט גוט אויסגעלאזט. איך האב געשפירט רואיג עס אויסצופרובירן אן דרוק פון קיינעם. אזוי האב איך זיך צוביסלעך אנגעזאפט מיט שיעורים מער און מער ביז איך האב אנגעהויבן שפירן געגוג שטארק צו נעמען א טריט פאראויס. איך שרייב דאס אויך פאר ווער עס ליינט עס און גייט אריבער די זעלבע רייזע, שטופ זיך נישט. הער אויס שיעורים איינס און נאך איינס און האב סבלנות מיט דיר אליינס, מיט די צייט וועט מען הערט אסאך שיעורים און מען הייבט אן לעבן מיט די עצות אנטוויקלט מען אן אייגענע שטארקייט.

אין יענע צייט האט איינער אין די משפחה חתונה געמאכט און מיר האבן צוגעזען פון דער נאנט ווי פון א שמחה ווערט ממש א צרה. די געלט, די סטרעס, די דרוק פון געפעלן פאר מענטשן... דאס אלעס האט אונז מחזק געווען אז די שיעורים זענען די ריכטיגע און ערליכע וועג פון לעבן.

אין יענע תקופה האבן מיר אויך צוגעקוקט מיט ווייטאג ווי איינער פון די משפחה האט אנגעהויבן גליטשן שטארק אין אידישקייט. מיין מאן האט אנגענומען די שטארקייט און גערופן יענעם געבן אן עצה אז מען זאל אים אריינשיקן אין ישיבה צום ראש ישיבה. אבער דער טאטע האט נישט געוואלט, ווייל ער האט מורא געהאט אויב דער ראש ישיבה וועט אים מאכן צו פרום... צו פארכניאקט... (א רחמנות אויף אים היינט, איך וואונדער זיך אויב דער טאטע איז נאך אלץ אזוי זיכער מיט זיין באשלוס.)

האב איך געטראכט צו מיר, "נו, אפשר איז דעמאלטס ברסלב יא א פלאץ פאר חסידישע ווארעמע ווארעמע ווארענע עחשי ווארעמע?!!"

מיין מאן איז ב"ה א מלמד. איין טאג איז צוגעקומען א יונגערמאן וואס ארבעט אין חדר און אים שטילערהייט געזאגט: "איך הער אז דו דרייסט זיך אין דאלסאן? (די אלטע שול אין מאנסי)

מיין מאן האט זיך אזוי דערשראקן, ער האט געמיינט אז די חדר קוקט אים נאך און מען גייט אים ווארפן. אבער יענער האט אים בארואיגט אז ניין, ער דרייט זיך אויך דארט און ער וויל פשוט שמועסן מיט אים. פאר מיין מאן איז דאס געווען א שאק, ער האט גוט געקענט יענעם אינגערמאן און דאס איז אים געווען א שטארקע חיזוק. אויך מוז מען דא ארויסברענגען לשבח דער גבאי (וואס וואוינט שוין היינט אין שטעטל) ר' זושא פריעדמאן, וואס האט זייער שטארק צוזאמגעברענגט די מאנסי חבורה. ער האט צוזאמגענומען די שטילע באהאלטענע מקורבים און זיי צונויפגעברענגט צו האבן געשמאקע שיחות חברים. דאס איז עפעס וואס האט אונז שטארק צוגעהאלפן.

א צייט שפעטער, פרעגט מיר מיין מאן, אפשר מעג דיר א פרוי רופן איינלאדענען צו א שיעור.

"ניין" איד געווען מיין ענטפער.

מיין מאן האט מיר דאן געזאגט אז איך קען די ווייבל וואס מאכט יעצט די שיעור. איך האב איר טאקע געקענט און מסכים געווען "נאר צו רעדן."

למעשה רופט מיר יענע ווייבל און מיר שמועסן, אינצווישן זאגט זי מיר אז היינט איז דא א שיעור, אפשר וויל איך קומען. איך האב געזאגט אז איך וועל טראכטן.

עס איז געקומען די צייט פון די שיעור און איך האב נישט געקענט באשליסן וואס צו טון. איך האב געפרעגט מיין מאן וואס צו טון. ער האט מיר געזאגט אז ער זאגט מיר נישט וואס צו טון, אבער ער האלט אז איך זאל גיין.

למשעה בין איך געגאנגען. איך בין געווען זייער סקעפטיש, אבער איך האב זייער הנאה געהאט. איך האב נישט פארברענגט צופיל צייט נאך די שיעור, עס איז מיר נאך געווען שווער, אבער ב"ה פון דארט און ווייטער האב איך ממש נישט פארפאסט א שיעור.

איידער איך האב אנגעהויבן הערן די שיעורים פלעג איך אפט אויסהערן די נייעס און שטותים און האב זייער אפט געהאט א דראנג ארויסצוגיין זיך אויסלופטערן.

היינט ב"ה רוף איך כסדר די האטליין און הער וויפיל שיעורים עס גייט, אויך איז די פרויען פארברענגע היינט מיין Outing. איך קוק ארויס דערפאר א גאנצע וואך ב"ה און איך האב אזוי הנאה. דאס איז מיין חיות! די חיזוק און קלארקייט וואס מען באקומט פון די שיעורים איז עד להפליא.

די זיסטע און שענסטע מינוטן פאר מיר זענען ווען איך זע וויאזוי מיינע יונגע קינדער לעבן מיט מעשיות פון תפילה. איך שעפ נחת צו זען ווי מיינע קינדער וואקסן אויף ווי עכטע "ברסלב'ע קינדער". איך בין ספעציעל איבערגענומען געווארן ווען מיין אינגל איז געווען מיט מיין מאן ביים ציון פון סאטמארער רבי און ער האט מיר איבערדערציילט אז ער האט דארט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל גוט קענען די עברי. דאס האט מיר זייער באנומען און איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אז איך בין זוכה אריינצוליגן אין מיינע קינדער די ריינע אמונה.

א גרויסע שטופ אין מיין התקרבות איז געווען ווען איך האב געהאט די זכי' צו זיין ביים ראש ישיבה. עס איז געווען דעם פארגאנגענעם זומער ווען מיר זענען אריין צו דער ראש ישיבה. מיר האבן געהאט א שטארקע פארלעגנהייט דאן וועגן א דירה וואס מיר האבן געדארפט באשליסן אויב מיר ווילן אריינגיין דערין. די דירה איז געווען העכער מיינע עלטערן און דאס האט מיטגעברענגט אסאך ספיקות.

איך געדענק, ווען איך בין אריין צום ראש ישיבה בין איך געווארן זייער איבערגענומען. צומאל פלעג איך טראכטן ביי די שיעורים אויב די רואיגקייט פון דער ראש ישיבה איז טאקע עפעס וואס קען זיין "עכט". זייענדיג ביים ראש ישיבה האט איך געשפירט עפעס אזא העכערקייט אזא שמחה, אויך האב איך געזען "ריעל לייף" (עס איז געווען אין שטוב פון דער ראש ישיבה אין שטעטל) די שיעורים, ווי שיין און רואיג און פרייליך עס האט זיך געשפירט. עס איז שווער מסביר צו זיין. איך האב געשפירט אייבערשטער. דאס איז עפעס וואס איך וואלט מחזק געווען יעדן צו פרובירן אליינס.

מיר זענען ארויס מיט א מורא׳דיגע קלארקייט אין יעדע ענין און דער ראש ישיבה האט אונז ממש געמאכט וועלן טון וואס איז ריכטיג. אין אמת׳ן האבן מיר געוואוסט וואס מיר האבן צו טון אבער מיר זענען ארויס אזוי באנייעט און פרייליך.

אויך האב איך געזען אויסטערלישע סייעתא דשמיא מיט אלעס וואס מיר האבן מזכיר געווען, חוץ לדרך הטבע. עס האט מיר אויך זייער באנומען די ווארימקייט און צוגעלאזנקייט וואס מיר האבן געשפירט. און וויאזוי דער ראש ישיבה האט זיך שפעטער נאכגעפרעגט אויף אונזערע קינדער.

איך שפיר איינע פון די גרעסטע מתנות וואס איך האב באקומען דא איז די באנייעטע appreciation פאר כיבוד אב ואם. איך האב אלעמאל מכבד געווען מיינע עלטערן אבער יעצט טו איך עס מיט אזא שמחה און איך האב אנגעהויבן זען אז דאס איז באמת א זכי׳.

פארשטייט זיך אז אן התבודדות און תפילה גייט גארנישט. לעצטנס האב איך געהערט פון דער ראש ישיבה אז מען זאל זיך מאכן א ליסט פון וואס מען דאנקט דעם אייבערשטן און וואס מען בעט. איך האב דאס גענומען זייער ערנסט און עס איז מורא׳דיגע זאך. איך שפיר אז ווי מער מען גייט אריין אין די זאך פון התבודדות אלץ שטערקער און שענער ווערט עס.

נאך א שיינע מתנה וואס איך האב דא באקומען איז תהלים. איך האב היינט אזוי ליב צו זאגן די קאפיטלעך פון דוד המלך און אינצווישן אריינפלעכטן מיינע אייגענע תפילות. איך האב אמאל נישט געטראכט אז תהילים איז פאר א מאמע פון יונגע קינדער. היינט כאפ איך זיך צו דערצו ווי א גלעזל וואסער.

איך דאנק דעם אייבערשטן אויף זיינע חסדים, פאר׳ן מיר מקרב זיין צו אים און מיר געבן די זכי׳ צו לעבן א לעבן מיט א ציל, מיט קלארקייט, מיט אמונה און מיט צדיקים. און איך בין ווייטער מתפלל ינחנו בדרך האמת, איך זאל זיך נישט נארן און נישט ווערן מבולבל. איך ווייס נאכנישט וואס ווארט אויף מיר און איך בעט דעם אייבערשטן אויף כח. דערווייל לעב איך א חיים טובים אנדעם וואס אנדערע האלטן מיט (אזוי מיין איך...) און איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל זיך קענען דערהאלטן.

ל.י.

איך בין אויפגעוואקסן אין א וואוילע חסידישע שטוב, די עלטסטע פון א קינדער געבענטשטע משפחה. איך האב נישט קיין דראמאטישע יוגנט געשיכטע. איך האב שיינע זכרונות פון די שטוב פון מיינע עלטערן. מיינע עלטערן האבן אונז געלערנט מדות טובות, אמונה און יראת שמים.

אונזער לעבן איז ב״ה געפארן אויף שיינע וואסערן, פארשטייט זיך אז יעדער גייט אריבער כוואליעס אין לעבן, נסיונות און שוועריגקייטן און מיר זענען נישט געווען קיין אויסנאם.

סיי איך און סיי מיין מאן האבן כסדר געזוכט וויאזוי צו וואקסן און שטייגן. איך האב געהאט א שטארקע קשר מיט וואוילע פרויען וואס האבן מיר געהאלפן שטייגן אין עבודת ה׳.

מיין מאן האט א חבר וואס האט אסאך גערעדט צו אים פון די שיעורים פון דער ראש ישיבה. פאר א לאנגע תקופה פלעגט מיין מאן אהיימקומען און מיר איבערדערציילן וואס יענער האט געהאט צו פארקויפן.

מיר האבן דאס נישט אנגענומען זייער ערנסט, אפשר אפילו מיט אביסל ביטול. מיר האבן עס ״אנאליזירט״ און זיך צעשמייכלט.

אבער מיט די צייט האבן זיינע ווערטער אנגעהויבן אריינקריכן אין די אויערן פון מיין מאן. איך האב נישט געוואוסט דערפון. אין מיין מח איז ברסלב געווען א שטיקל געשפעט, א שמועס מיט וואס מיר פלעגן זיך ״ענטערטעינין״ (אונטערהאלטן).

א שטיקל צייט שפעטער האט מיין מאן געטראפן א חשוב׳ער מפיץ ר׳ יואל טייטלבוים און ער איז צוגעגאנגען צו אים און אים אנגעהויבן פרעגן אלע זיינע קשיות. מיין מאן איז באמת געווען א שטיקל עם הארץ אין ברסלב׳ע חסידות און ער האט אים געפרעגט וואס איז די מעשה? מוהרא״ש לעבט? מוהרא״ש איז דא? צו איז דאס אזויווי אין אנדערע חסידות ווי מען האלט אז דער רבי איז נאך דא? און נאך אסאך שאלות אויף די פלאץ, אויף ברסלב בכלל און היכל הקודש בפרט.

ר׳ יואל האט אים נישט אוועקגעמאכט נאר מיט הלל׳ס געדולד אלעס מסביר געווען און אזוי שיין אויסגעקלארט. מיין מאן האט אים געפרעגט וויאזוי ער קען אויסגעפינען אביסל מער וועגן ברסלב און ר׳ יואל האט אים געגעבן קונטריסים, סי. די׳ס און א קארטל מיט די האטליין נומער.

דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה אז מיין מאן האט אנגעהויבן הערן שיעורים. די שיעורים האבן זייער געכאפט זיין הארץ. צום ערשטן מאל אין לעבן האט ער געשפירט ווי זיין נשמה צעפייערט זיך. ער האט געהערט זאכן וואס ער האט נישט געהערט צווישן די פארענטשעס מיט טויזנטער חסידים. די שמועסן האבן אים געקליקט אין מח און ער האט געפונען דאס וואס ער זוכט שוין אזוי לאנג. א פייער האט אנגעהויבן ברענען אין אים. ער האט מיר אריינגעווארפן אז ער הערט אויס די שיעורים. איך בין געכאפט געווארן אין שאק.

מיר זענען נישט קיין יונגע קאפל פון 20 יאר אלט. מיר זענען שוין באלד נענטער צו טון שידוכים און וואס איז די פלאן? איך האב נישט געוואוסט אז די פייער פון ברסלב האט אנגעהויבן ברענען אין זיין הארץ...

אין אנהייב האב איך געטראכט אז דאס איז א דורכגאנג, אזויווי אסאך אנדערע זאכן, דעריבער האב איך נישט געלייגט צופיל געוויכט דערויף.

איך האב געהאט א שכן מיט וועלכע איך האב געוואוינט טיר ביי טיר פאר צען יאר. זי איז געווען ברסלב. איך האב איר זייער רעספעקטירט. זי איז געווען א וואוילע פרוי מיט גוטע שאיפות, איידל און צניעות׳דיג.

איך געדענק אז איין יאר האט זי געהאט א קינד אפאר טעג פאר ראש השנה און איר מאן איז שוין געווען אין אומאן. איך האב באוואונדערט איר העלדישקייט. איך האב אסאך געשמועסט מיט איר און געוואוסט אז דאס וואס מען זאגט אז ברסלב איז פאר אומסטאבילע איז הוילע שטותים.

פון די צווייטע זייט האב איך געוואוסט אז עס איז דא אסאך לשון הרע אין גאס און איך האב דאך געוואלט היטן אויף מיין אימעדש (בילד), ממילא האב איך געהאלטן

די "דורכגאנג" שטיל און געקלערט אז דאס איז נאך א נסיון אין די וואסער פון לעבן...

אבער מיט די צייט האב איך אנגעהויבן זען און הערן אז מיין מאן לעבט מיט די שיעורים. דא און דארט האט מיין מאן מיר געפרעגט אויב איך וויל אפשר הערן די האטליין, איך האב אריינגערופן אבער איך האב עפעס נישט געקענט דערטאפן וואס דאס האט מיט מיר.

א האלבע יאר צוריק האב איך זיך געטראפן מיט יענע שכנה און איר דערציילט אז די אור פון ברסלב האט זיך דא צעשפילט ביי מיר אינדערהיים און איך האב איר אויך דערציילט פון מיינע חלישות הדעת ווי שטארק איך שעם זיך פון אנדערע איך האב אבער געוואוסט ביי מיר כסדר די אמת אז ווען איך וועל ארויפקומען אויבן וועט מען מיר פרעגן אויב איך בין געווען אן עזר כנגדו און צוגעהאלפן מיין מאן אויספירן זיינע רצונות. איך האב געוואלט קענען ענטפערן רואיג אויף די שאלה ביים בי"ד של מעלה.

זי האט מיר דאן זייער מחזק געווען און מיר געזאגט אז מיט די עצות פון רבי'ן איז מען ווי א מיליאנער. זי האט מיר געפרעגט, "דו האלטסט אז ווען א מיליאנער שפאצירט אראפ די גאס גייט אים אן ווער

צומאל דאכט זיך פאר א בארג קריכער אז עס געשעט גארנישט פון זיין שווערע הארעוואניע, ווייל פאר א לאנגע צייט קוקט ער זיך ארום און זעט בלויז זאמד און שמוץ, אבער ער ווייסט אז באלד באלד קומט ער אן אויבן און דאן וועט ער זיין א העלד.

עס לאכט פון אים? דו ביסט א מיליאנער. עס זאל דיר נישט אנגיין וואס אנדערע זאגן אויף דיר."

אזוי איז אריבער א תקופה. איך האב זיך געהאלטן אין איין מחזק זיין אז איך טו ריכטיג. דאס איז די תפקיד פון אן ערליכע פרוי. מחזק זיין איר מאן. אבער מיט די צייט האט זיך די חלישות הדעת געשטארקט אין מיר. פארוואס דארף מיין מאן אויסוועלן א רבי אויף וואס עס איז דא אזויפיל לשון הרע?

האב איך אנגערופן א חשוב'ע פרוי, א כלה טיטשער און איר גערופן צו באקומען חיזוק אז איך טו ריכטיג. איך האב ערווארטעט צו הערן שיינע חיזוק, אבער וואס איך האב געהערט האט מיר איבערגעלאזט אנטוישט און צעמישט. די כלה טיטשער האט מיר אויסגעהערט און געטראכט א מינוט און מיר געזאגט אז זי ווייסט פון א פרוי וואס אויך איר מאן האט אנגעהויבן שעפן חיות פון א פלאץ וואס די פרוי האט נישט געשפירט אזוי באקוועם, דעריבער האט יענע פרוי געטון א "קלוגע זאך" און אראפגעשטעלט א פיס. זי האט געזאגט פאר איר מאן, "איך רעספעקטיר דיר, אבער דו רעספעקטיר מיר. איך וועל דיר נישט שטערן צו הערן, טון אדער ליינען וואס דו ווילסט, אבער נאר ביז "מיין" טיר (איך האב נישט פארשטאנען וועמען'ס טיר עס איז... לעבט מען נישט צוזאמען?) אזוי האט מיר די "חשוב'ע פרוי" גע'עצה'ט און "מחזק" געווען.

איך האב אראפגעלייגט די טעלעפאן זייער צעמישט און נישט גוט אויפגעלייגט. די שמועס האט מיר נישט געפאלן, איך האב נישט געשפירט אז דאס איז ריכטיג, וואס הייסט? וואס מיינט אן ערליכע אידישע פרוי? וואס איז די לויב פון א פרוי? מיט וואס רומען חז"ל אויס א אידישע פרוי? מיט דעם אז זי גייט מיר איר מאן, זי שעצט און העלפט אים צוקומען צו חיי נצחי.

איך האב געשפירט אז א פרוי וואס זאגט פאר איר מאן "ביז

די שטוב" אדער נאך ערגער מאכט חוזק פון א פלאץ וואו דער מאן שעפט חיות, האקט אים אפ די פליגלען פון קענען דערגרייכן. דאס איז אמת ווען עס קומט צו גשמיות און אוודאי ווען עס קומט צו רוחניות. איך האב געשפירט אז איך דארף חיזוק אז נישט נאר איר זאל אקצעפטירן און רעספעקטירן נאר מיטגיין מיט גאנצע הארץ.

איך בין געווען זייער אנטוישט אז דאס זענען די פרויען וועמען איך האב ארויפגעקוקט. דער אייבערשטער האט אויף מיר רחמנות געהאט און א צייט שפעטער האב איך פרובירט א צווייטע חשוב'ע פרוי. ברוך ה', זי איז טאקע געווען אן ערליכע פרוי און ווען זי האט געהערט וואס איך זאג האט זי מיר זייער מחזק געווען. זי האט מיר געזאגט אז איך זאל דאנקען דעם אייבערשטן אז מיין מאן ציעט צו גוטע און ערליכע פלעצער און אז איך קען מחזק זיין די רוחניות.

זי האט מיר אויך געזאגט א זאך וואס האט מיר בארואיגט אין יענע טעג. זי האט מיר געזאגט אז א ווייבל האט איר גערופן ערב ראש השנה וויינען אז איר מאן פארט אויף אומאן און זי וויל נישט. די פרוי האט דאן מחזק געווען יענע ווייבל און איר געזאגט אז דאס איז "א פארצייטישע וועג פון רעדן" היינט איז שוין ברסלב אנגענומען איבעראל. עס איז דא אין אומאן א קיבוץ פון יעדע חסידות. עס איז א וואוילע און ערליכע פלאץ און א שיינע פלאץ. זי האט דאס מיר אויך איבערגעזאגט אז איך זאל נישט טראכטן שלעכטס, ווייל יעדער איז שוין היינט מודה אז דאס איז א פלאץ פון רוחניות און מען קומט אן צו שיינע זאכן.

מיט אזעלכע חיזוק האב איך ווייער געמאכט מיין הארץ און אנגעהויבן מער ארויסהערן וואס מיין מאן דערציילט מיר. איך האב געניגט מיין רעכטע אויער אנשטאט מיין לינקע אויער...

איין טאג בין איך געווען אין קאר מיט מיין מאן און עס איז געווען אנגעצינדן א שיעור פון דער ראש ישיבה. איך האב זיך צוגעהערט און עס האט פארכאפט מיין הארץ. איך האב געבעטן מיין מאן זאל צוריקמישן. איך מוז דאס איבערהערן. איך האב דאס איבערגעהערט און איבערגעהערט און איך האב געשפירט ווי א בליץ האט מיר אויפגעשיינט אין מח. איך האב געשפירט א נקודת האמת וואס איך קען נישט אפשרייבן אויפ'ן פאפיר. איך האב געשפירט אז דא רעדט מען תכלית.

דעמאלטס האב איך אביסל אנגעהויבן הערן אביסל שיעורים. עס האט מיר זייער געכאפט דאס "מתפלל זיין אויף אידיש כסדר." איך האב זיך נאכנישט צוגעכאפט צו התבודדות, אבער צו תפילות האב איך זיך יא צוגעכאפט.

איך פלעג אלעמאל ליב האבן צו גיין אין שול. איך פלעג אסאך גיין שבתים, ימים טובים און אוודאי ימים נוראים. איך האב ליב געהאט צו דאווענען און זיך ארויסוויינען. אבער ווען איך בין ארויס פון שול און פארמאכט די מחזור האט זיך אויך פארמאכט מיין מויל. דא האב איך דאס ערשטע מאל געהערט די מושג פון "דאווענען א גאנצן טאג." איך האב דאס אריינגענומען אין מיין לעבן און אנגעהויבן זען וואונדער ממש ישועות, ווי זאכן רוקן זיך, ברוחניות און בגשמיות.

אויך האב איך אנגעהויבן באמערקן אז נאכ'ן הערן א שיעור פון דער ראש ישיבה האב איך זיך מער צוגעכאפט צו תפילה.

איינער האט מיר לעצטנס געפרעגט, "איך דארף פארשטיין, וואס האט דיין מאן'ס משפיע צו טון מיט דיר?" זי האט מיר דאן געזאגט אז איר מאן גייט אויך צו א משפיע אבער עס האט גארנישט מיט איר. איך האב אסאך געטראכט דערוועגן און געקומען צום אויספיר אז היכל הקודש איז אן אנדערע סארט לעבן. איך האב געטראכט צו מיר אז עס איז אזוי ווי איינער באשליסט אביסל ארומצוטוישן א שאפע אין קאך, לייגן די טעפ פון איין פלאץ צום צווייטן. דאס דרייט נישט איבער די לעבן, אבער ווען איינער מופט ארויס פון זיין הויז איז שוין יא מער א מצב, אפגערעדט אויב איינער מופט צו א צווייטע שטאט.

ביי רוב פלעצער ווערט נישט אזעלכע גרויסע טוישן אין לעבן, אבער דא אין ביכל הקודש, טוישט זיך די מח און דאס איז א גרויסע איבערגאנג. אלעס טוישט זיך. איך האב אנגעהויבן באטראכטן וואס איך האב אין די האנט. איין ביישפיל, איך האב קיינמאל נישט געוואוסט אז מען קען מתפלל זיין אויף שמחה. איך פלעג טראכטן אז עס איז דא געוויסע "לאקי"מענטשן וואס זיי האבן שמחה פון נאטור אויס און די איבעריגע מענטשן זיי "מאכן זיך ביז עס געלונגט אפשר?"

דא האב איך באקומען די מושג פון תפילה אויף שמחה. אויך האב איך באקומען "עלטערן!" איך האב באקומען א באנייטע כיבוד אב ואם. היינט בין איך מקיים כיבוד אב ואם מיט א לשם יחוד. אמאל האב איך גערופן מיין מאמע "ווייל אזוי קומט עס" היינט לייג איך צו קאפ אז איך בין מקיים א מצוה און איך שעץ די מצוה. עס איז מיר א באנייטע זכי' יעדן טאג. עס איז אביסל שווער אין די ראם פון אן ארטיקל דאס מסביר צו זיין אבער אויב מען האט דאס שוין טועם געווען פעלט נישט אויס הסברים.

אזוי אויך אין שלום בית, חינוך און אלעס ארום. אגב, איך האב א שטארקע קשר מיט א חשוב'ע רביצין וואס האלט דרשות איבעראל, און איך האב איר אמאל געפרעגט וועגן די האטליין, האט זי מיר געזאגט אז זי הערט אסאך די שיעורים און זי האט זייער הנאה דערפון. פון מיין קורצע שמועס מיט איר האב איך געזען אז זי איז בקי אין די שיעורים פון דער ראש ישיבה.



אזוי איז אריבער אויף מיר טעג און וואכן. ווען איך האב געליינט א גליון אדער עצתו אמונה האב איך געשפירט אזוי צעפייערט, איך האב געטראכט צו מיר אז דאס איז איין שטיק אייבערשטער און וואס איז דא צו מחולק זיין דערויף? אוודאי האב איך געטראפן זאכן וואס מיט מיין קליינע שכל האט מיר אויסגעזען ספיקות׳דיג. צו וואס פעלט אויס צו שרייבן אדער רעדן פון די נושא? אבער איך האב געשפירט אז אפילו די זאכן וואס האבן מיר געבאדערט אלץ ״צו אפן״ זענען געווארן בטול בששים אין א ים פון אמונה און דביקות ה׳.

נאכדעם בין איך ארויס צווישן געשוויסטער און פריינט און איך האב אנגעהויבן שפירן אזוי צעמישט. איך זיך געוואקלט צווישן צוויי. וועמען וויל איך געפעלן די שכינה אדער די שכנה?

איך האב ווייטער געהערט שיעורים שטילערהייט פאר א האלבע יאר. אביסל שפעטער האט מיין מאן אנגעהויבן גיין צו שיעורים און זיך דרייען צווישן אנשי שלומינו אנשטאט דאס נאר אויסהערן באהאלטענערהייט אינדערהיים.

לעצטנס האב איך גערעדט נאכאמאל צו מיין אלטע שכנ׳טע. איך האב זיך אביסל מחזק געווען מיט איר. זי האט מיר געזאגט אז סוף סוף וואס איז דער עיקר? דאס אז א פרוי גייט מיט איר מאן. דאס איז די שיינקייט פון א אידישע פרוי. דאס איז אונזער זאך. זי האט מיר דערציילט פון איר מאן וואס ער דערציילט פון זיינע חברים ווי שווער עס איז זיי ווען די ווייבער שטעלן א ווידערשטאנד. פארוואס? פארוואן? צוליב לשון הרע וואס איז נישט געפלויגן און נישט געשטויגן?

איך דאנק דעם אייבערשטן פאר׳ן מיר געבן די שכל נישט אפצוהאקן פון מיין מאן זיינע פליגלען און נישט זיין די אפהאלט פון זיינע רוחניות׳דיגע שאיפות.

אויך האט מיר דער יצר הרע כסדר פארדרייט מיט פרומע דאגות. ווער זאגט אז איך דארף זיין רחל אשת ר׳ עקיבא? אפשר דארף איך זיין די ווייב פון און בן פלת וואס שלעפט אוועק איר מאן פון א חבורה?

אויף דעם האט מיר א ווייבל פון אנשי שלומינו געזאגט אז איך זאל קוקן וואס געשעט מיט מיין שטוב ווען מען פאלגט די עצות, מען ווערט נענטער צום באשעפער אדער פארקערט און לויט דעם זען אויב מען דארף זיין רחל אשת ר׳ עקיבא אדער די ווייב פון און בן פלת...

די מינוט וואס איך האב ארויסגעקוקט פון מיינע ד׳ אמות בין איך געווארן זייער צעמישט. אין מיין אייגענע הויז איז מיין לעבן געווען אזוי שיין, איך האב געזען ווי די שיעורים טוישט מיר אזוי שטארק. איך האב אויך געשפירט אז די שפירן העלפן מיר פשוט אויספירן אלעס וואס איך האב געלערנט אלע יארן סיי ביי מיינע עלטערן און סיי אין סקול. די שיעורים האבן מיר געגעבן די בריק צאמצוקלעבן אלע שיינע שאיפות און מיט תפילה עס ארייננברענגען אין מיין לעבן.

ווען עס איז אבער געקומען צו מיר, האב איך נישט געוואלט הערן פון גיין צו שיעורים. איך האב געהאט גרויס חלישות הדעת אויף דעם וואס ברסלב איז אזא געשפעט. עס האט מיר כסדר געפלאגט די שאלה: אויב איז דא אמת פארוואס קומט נישט יעדער? און אויב איז עס אזא געשפעט פארוואס בין איך דא? פארוואס איז עס אזא אונטערערדישע זאך?

די ענטפער האב איך אויסגעקלארט מיט שיחות חברים. איך האב זיך זייער מחזק געווען און אויסגעקלארט אז אויב מען קוקט אריין אין די אידישע היסטאריע זעט מען אז אויסוועלן ערליכע דורות און זיין פארשעמט און איינזאם איז בכלל נישט קיין סתירה...

אזוי האט זיך מיין מח געוואקלט ארויף און אראפ ארויף און אראפ, הינדערטער מאל. איך האב געליינט עצתו אמונה און געווארן אנגעצינדן, געטראכט פון ״מה יאמרו הבריות״ און געווארן שוואך...

אויך איז מיר כסדר מחזק דאס וואס איך האב געהערט פון די רביצין (וואס איך האב פריער דערמאנט אז זי הערט אויך אויס די שיעורים). זי האט אמאל געזאגט אז דאס לעבן איז א הויכע בארג אבער מיר זעען נישט די שפיץ, ווייל דאס איז אויבן אין הימל. צומאל דאכט זיך פאר א בארג קריכער אז עס געשעט גארנישט פון זיין שווערע הארעוואניע, ווייל פאר א לאנגע צייט קוקט ער זיך ארום און זעט בלויז זאמד און שמוץ, אבער ער ווייסט אז באלד באלד קומט ער אן אויבן און דאן וועט ער זיין א העלד. אזוי אויך מיט אונז, אזויפיל מאל דאכט זיך אז מען קריכט און מען שוויצט אומזיסט, מען זעט נאר שמוץ און שטויב, אבער באלד באלד קומען מיר ארויף און מיר וועלן זען אז די ארבעט האט געלוינט. אמת עס איז שווער צו קריכן אין א נייע דרך, עס קאסט כוחות צו מאכן די טויש, אבער ברוך השם אז מיין פלאג איז אויף גוטע זאכן.

מיט די צייט האט מיר איינער פון די פרויען איינגעלאדנט צו קומען מיטהאלטן די שיעורים. איך האב נישט געשפירט באקוועם און דאס אפגעשטופט. איינמאל האט מיר די פרוי געגעבן א שטופ און געזאגט אז איך זאל עס קומען פרובירן. איך בין איינגעגאנגען דערויף. מען האט מיר מער קיינמאל נישט געדארפט בעטן צו גיין.

היינט איז די שיעורים מיין געזאלין פאר די וואך. דאס איז מיין חיות, מיין רוחניות׳דיגע און גשמיות׳דיג עיר-אויט (אויסלופטערונג). איך קוק אזוי ארויס דערויף. אויך האב איך אזוי הנאה צו פארברענגען מיט די פרויען. יעדער איז אזוי וואויל און גוט, א שאד אז נאכנישט יעדער האט איינגעזען אז לשון הרע אויף ברסלב איז ״אלד פעשינד...״ (פארצייטיש)

די שווערסטע חלק פאר מיר איז דאס אז איך באהאלט נאך מיין התקרבות. איך ווארט שוין זייער אז איך זאל אריבערגיין די דרגה. איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל שוין זוכה זיין דערצו. איך וויל קענען רואיג און פרייליך מעלדן פאר יעדן אז פה אשב, דא זיץ איך!

עס איז מיר זייער שווער מיט מיינע עלטערן. איך האב וואוילע עלטערן און איך וויל זיי נישט מצער זיין. לעצטנס האב איך גערעדט מיט מרת. ס. שניצלער און זי האט מיר זייער אויסגעקלארט מיין מח. זי האט מיר געזאגט אז דאס וואס פאסירט צו מיר ווען איך הער די שיעורים, די יראת שמים, די מדות, די שלום בית די התקרבות צום אייבערשטן דאס איז נישט מצער מיינע עלטערן, ממילא קען איך זיין רואיג אז מיין התקרבות צו ברסלב פארשאפט זיי נישט קיין צער.

״צער״ האט זי געזאגט, איז ווען א קינד פירט זיך נישט ערליך, דאס איז צער פאר עלטערן. סיי אויף די וועלט און אויך אויף יענע וועלט.

דאס האט מיר זייער בארואיגט און איך בין מתפלל דאס צו קענען אריינעמען אין זיך. איך בעט דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען מרבה זיין כבוד שמים. ווייל איך ווייס דאך דעם אמת אז דאס איז אלעס ״פאר דיר

פאר דיר, נאר פאר דיר...״

ברוך ה׳ אז איך האב זוכה געווען דערצו אז איך זאל העלפן מיין מאן שטייגן און נישט פארקערט.

איך בין מתפלל אז איך זאל זוכה זיין צו קענען וועלן שיקן מיין מאן אויף אומאן מיט שמחה. דאס איז א נייע זאך פאר מיר און איך דארף נאך אסאך חיזוק.

דערווייל קוק איך מיט שבח והודאה צום אייבערשטן אז ער האט מיר מזכה געווען מיט די שכל און געפיל צו קענען מיטגיין מיט מיין מאן און דערביי זוכה זיין צו אזויפיל שיינע זאכן אין מיין לעבן.

ב. ע. ל.

איך געדענק אלץ כלה בין איך געגאנגען צו שיעורים. די פרוי האט שוין גערעדט וואס עס מיינט שלום בית און זי האט אונז געזאגט אז סיי וואס דער מאן איז אינטערעסירט, אין דעם זאל איך אויך ווייזן אינטערעס. זי האט געגעבן א משל פון א פארקער פען (פאר ווער עס געדענקט) אז אויב דער מאן איז אינטערעסירט דערין זאל מען אויך זיין אינטערעסירט דערין.

איך האב גענומען די שטיקל הדרכה און עס אריינגעלייגט אין מיין קעשענע. איך וועל עס ארויסנעמען אויב עס וועט זיין נוגע.

וואס איך האב דעמאלטס נישט געוואוסט איז אז מיין פארקער פען הייסט ״היכל הקודש ברסלב״.

מיין מאן איז שוין שטילערהייט געווען מקורב נאך פאר די חתונה אבער איך האב גארנישט געוויסט דערפון.

נאך די חתונה האט ער דא און דארט אנגעהויבן רעדן פון ברסלב, היכל הקודש, ראש ישיבה, מוהרא״ש, אבער עס האט נישט צופיל געמיינט פאר מיר. איך בין ברוך ה׳ אויפגעוואקסן מיט וואוילע עלטערן און מען פלעגט נישט רעדן פאליטיק ביי אונז אין שטוב, דעריבער האב איך נישט געהאט קיין שום איינדרוק אויף היכל הקודש. (אגב אויב מען האט גערעדט פון איינעם וואס איז געווארן ברסלב האט מען צוגעלייגט ״לא עלינו...״ אבער נישט מער.)

מיין מאן פלעגט רעדן וועגן מאכן פשוט׳ע שמחות אבער פאר מיר האט עס גארנישט געמיינט. איך קום פון א בעלעבאטישע שטוב, און פשוט׳ע שמחות איז נישט עפעס וואס גייט פאסירן ביי מיר.

ווען מיין מאן האט אנגעהויבן רעדן וועגן נושאים וואס דער ראש ישיבה רעדט כסדר, ווי קדושה וכו׳, דאס האט מיר שוין געכאפט, אבער נישט צום גוטן. איך פלעג אסאך טענה׳ן און אויפווייזן מיט פאקטן אז עס קען נישט זיין ריכטיג. א שטיק צייט שפעטער האט מיר מיין מאן אויפגעשפילט א חלק פון די שיעורים.

איך האב זיך צוגעהערט, עס איז מיר געווען אינטערעסאנט, איך האב דאס נישט אוועקגעמאכט, איך האב זיך דערמאנט פון די פארקער פען און באשלאסן צו זיין א וואוילע ווייב.

איין טאג בין איך אריין אין קיאסק אראפנעמען ברסלב׳ע ניגונים. (די טויבעלע ניגון פון שלום בית האט מיר ספעציעל געכאפט.)

זייענדיג דארט האב איך שוין געקוקט אפאר זאכן, און די חלישות הדעת האט זיך אריינגעזעצט אין מיר ״פול פארס״.

איך בין אהיימגעקומען אזוי צעמישט. וואספארא סארט פלאץ האט מיין מאן געטראפן? וואס מיינט דאס?

איך בין געווען זייער צעמישט, דערשראקן און אנטוישט. פון איין זייט האב איך שוין געהערט אזויפיל שיעורים אבער פון די צווייטע זייט האב איך נישט געקענט אראפשלינגען וואס דא גייט פאר. איך האב דאס ארויסגערעדט פאר מיין מאן און מיין מאן האט מיר שיין אבער שטארק אויפגעקלערט, ״וויאזוי קענסטו רעדן אזוי אויף א פלאץ וואס גיט מיר מיין גאנצע רוחניות׳דיגע חיות? דער ראש ישיבה האט מיר אזויפיל געהאלפן אין מיין לעבן אין מיין רוחניות.״ (מיר האבן נאך קיינמאל נישט געזען דעם ראש ישיבה, נאר אויסגעהערט אלע שיעורים פאר יארן).

איך האב איינגעזען אז מיין מאן איז גערעכט און איך דארף מאכן א חשבון וואס איך באקום דא און וואס עס ווערט פון מיר און מיין משפחה און זיך נישט לאזן פארפירן פון זייטיגע חשבונות.

איך מיין אז דעמאלטס איז געווען א צייט אין מיין לעבן וואס איך קען אנרופן א ״turning point״, איך האב זיך פון דאן אויסגעדרייט און מער נישט געקוקט אויף צוריק. איך האב געוואוסט אז איך טו וואס איך ריכטיג און דארף נישט קיינעם׳ס הסכמה.

איך האב אנגעהויבן אנצינדן די שיעורים פאר מיינע קינדער. זיי לעבן מיט די מעשיות פאר די קינדער און לעבן מיט א תמימות אין אייבערשטן.

איך האב פרובירט צו רופן די האטליין. עס האט מיר עפעס נאכנישט געכאפט. איך האב נישט געזען וואס איז דארט דא וואס איז אינטערעסאנט פאר מיר.

כמעט פיר יאר צוריק בין איך געווען אין קימפעטארין היים. דארט איז געווען א פרוי וואס האט געמאכט זייער א גוטע רושם. זי איז געווען זייער פריינטליך צוגעלאזן און זייער פרייליך. זי האט גערעדט צו יעדן זייער רואיג און שיין. (שפעטער האב איך אויסגעפינען אז דאס איז געווען מרת. האלפרין). זי האט געמאכט דארט הפצה אויף זייער א שיינע אופן.

זי איז צוגעקומען צו מיר און מיר געגעבן א קארטל. איך האב איר דאן שטילערהייט דערציילט אז מיין מאן הערט די שיעורים. זי האט מיר דעמאלטס געזאגט אז איך בין זייער א לאקי פרוי און עס מוז זיין אז איך האב א שיינע שלום בית.

זייט דעמאלטס האב איך זייער געטוישט מיין בליק אויף היכל הקודש און איך האב געזוכט צו טרעפן נאך אנשי שלומינו.

אינצווישן בין איך נאכאמאל געווען אין קימפעטארין היים (ב״ה) און דארט האב איך פרובירט צו דערשמעקן אויב עס איז דא נאך איינער פון היכל הקודש. (איך האב שוין דעמאלסט אפילו אביסל מפיץ געווען און איבערגעלאזט גליונות).

צוביסלעך מיט אסאך תפילות פון מיין מאן האב איך אנגעהויבן אויפגראבן די אוצרות אויף די האטליין. די שיעורים האבן מיר פלוצלינג געכאפט און איך האב

א שמועס מיט צוויי מחשבות

ש. טראכטער

אנגעהויבן הערן שיעורים פאר שעות. איך בין געזעצן מיט א פייל פון וועש און צאמגעלייגט און געהערט און געשאקלט מיינע ליפן בשעת'ן צוהערן צו די שיעורים.

איך האב אויך אנגעהויבן אויסהערן די לאנטש ברעיק שמועסן און די בעפאר און עפטער שמועסן. איך האב זייער הנאה געהאט.

מיט די צייט, מיט אסאך אסאך שיעורים האט מיין מח אנגעהויבן טראכטן אנדערש. לעצטנס איז געווען א בילד אין די בלעטל פון א מענטש מיט צוויי מוחות. איינער פון מיינע קינדער האבן מיר געפרעגט וואס דאס איז. האב איך זיי געזאגט אז דאס איז די מח אן א צדיק און איינס מיט א צדיק. איין מח טראכט א גאנצן טאג פון דעם אייבערשטן און איין מח טראכט פון ... איך געדענק שוין נישט!

דאס איז אן אנדערע מח. און אנדערע וועלט.

א שטיק צייט שפעטער האט מען מיר געלאדנט צו קומען צו די שיעורים. דעמאלטס בין איך געווען זייער פרייליך זיך צו טרעפן מיט נאך פרויען אין מיין שיך.

די שיעורים און די פארברענג האט מיר פריש מקרב געווען און געגעבן די נויטיגע קאנפידענץ אנצוגיין און טון וואס איז ריכטיג. איך וואלט עס באמת נישט געמאכט אן די אלע געשמאקע שיחות חברים. מיינע ברסלב'ע חבר'טעס זענען געווארן ווי משפחה פאר מיר. איינאיינעם זענען מיר זיך מחי' און מחזק.

אויך דאנק איך דעם אייבערשטן אז איך האב די זכי' אריבערצוגיין די ים מיט מיין מאן! איינאיינעם זענען מיר זיך מחזק און מיר קלארן אויס וואס איז שווער.

די שווערסטע פאר אונז איז דאס אויסבאהאלטן. מיר ווארטן שוין זייער אז עס זאל ארויסקומען. איך גלייב אז דאן וועט עס ווערן אסאך אסאך גרינגער. אויך איז זייער שווער פאר אונז לגבי די חסידות אז מיין מאן איז פון די נאנטע מענטשן ביים רבי'ן און עס איז שווער די גאנצע פרשה.

אגב איך מוז צולייגן פון אייגענע ערפארונג פאר די וואס שפרייזן אריבער דעם זעלבן טייך. עס איז א שאד די כח, מח און צייט וואס מען פארשווענדט זיך אויסצובאהאלטן. עס לייגט אזויפיל איבעריגע דרוק. עס וועט סיי ווי פאסירן נאר וואס דער אייבערשטער וויל. מיר האבן לעצטנס געהאט א מעשה ווען מיין מאן האט זיך "ארויסגעכאפט" צו גיין צו א מסיבה פון דער ראש ישיבה. ער האט דאס פרובירט צו מאכן שטיל אן א רעש און קיינער זאל נישט וויסן. דער אייבערשטער האט אבער אזוי געפירט אז די מינוט וואס מיין מאן איז ארויף אויפ'ן באס צו גיין צום ראש ישיבה האט אים א משפחה מיטגליד באמערקט (איינער וואס ווייסט גוט וויאזוי צו מישן ביי יענעם). ער האט גלייך צוזאמגעשטעלט די פינטלעך און מבשר געווען די בשורה טובה פאר די גאנצע משפחה. עס איז שוין געווארן א שטיקל שטורעם...

לעצטנס איז געווען א בילד אין די בלעטל פון א מענטש מיט צוויי מוחות. איינער פון מיינע קינדער האבן מיר געפרעגט וואס דאס איז. האב איך זיי געזאגט אז דאס איז די מח אן א צדיק און איינס מיט א צדיק. איין מח טראכט א גאנצן טאג פון דעם אייבערשטן און איין מח טראכט פון ... איך געדענק שוין נישט!

אבער אין אמת'ן זענען מיר געבליבן ב"ה אין א גדלות המוחין. איך דאנק דעם אייבערשטן פאר דעם. איך האב באמערקט אז דער יצר הרע דרייט ארום מיט די מענטש "דער זעט, יענער ווייסט..." און דער מענטש אנטלויפט פון א פחד וואס עקזיסטירט נישט. און וואס איז אויב יענער זעט און הערט? אנשטאט צו זיין אזוי פארנומען מיט יענעם, ענדערש זיי פארנומען מיט פרובירן די עצות, אינוועסטיר דיין קאפ און מח דארט, עס וועט זיין אסאך בעסער!

יעצט שטייען מיר פאר אומאן. עס קומט מיר נאך טרערן אין די אויגן ווען איך טראכט דערפון. איך ווייס אפילו נישט אויב איך קען בעטן צו וועלן. נאך אסאך התבודדות האט מיין מאן מיר היינט געזאגט אז ער גייט באנייען זיין פאספארט. איך דאנק דעם אייבערשטן אויף ביז אהער אז איך האב געקענט מחזק זיין מיין מאן און איך בעט אויף ווייטער אויך אז איך זאל האבן די זכי' צו שטיצן מיין מאן צו טון וואס איז ריכטיג. ■

ש. ל. פליישמאן

אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

געווינען די LOTTERY

ווען זי האט באגעגנט,
א טאג וואס רעגנט,
אוי, האט זי געוויינט,
עס רעגנט היינט...
די טרערן געווישט,
מיט ביטערניש.

איר שירעם פרנסה,
א שיינע הכנסה.
טרויעריג אין א רעגן?
האט מען געטון פרעגן,
געבליבן א רעטעניש,
איר טיפע קלאגעניש.

א קלוגע איד געקומען,
און האט די זאך צונומען...
די באבע פון דורות צוריק,
געהאנגען וועש אויף שטריק.
זיך געטוהן דערקוויקן,
צו זעהן די וועש טריקן.

אבער, אין א טאג א נאסע,
געשטאנען אזוי א בלאסע,
אלס וועשערקע פון פאך,
האט זי געווינט גלייך,

די רעגן זאל זיך אויפהערן,
מיין משפחה קענען דערנערן.

זיי ווינען דור נאך דור,
אן א סיבה א קלאר.
ס'איז אריבער אין די בלוט,
אז רעגן איז נישט גוט.
ס'ליגט שוין אין גענעס,
"פארעגנטע סצענעס"...

~~~

"באשעפער, געבן איך וויל,
מיינע דורות דעם געפיל,
אד דאס ווארט פסח.
קומט מיט די ווארט פריילין!
איך זאל נאר זיין משפיע,
ימים טובים זענען א זכי'!"

"העלף מיר vibes פאזיטיווע,
אריינגעבן אין מיין סביבה,
אז מיינע אור אור אייניקלעך,
זאלן פילן פסח גליקליך!
איך וויל אריינבאקן אין זייער דשינס (genes),
יו"ט פסח איז א lottery געווינס!!!"
~~~

MOST INSURANCES ACCEPTED

CARE FOR AGES 1-65

nussi pinexteam

RASH PHOTO REVIEWED, PRESCRIPTION SENT!

OUR PROVIDERS ARE STANDING BY, READY TO OFFER REAL ANSWERS, QUICK DIAGNOSES, AND PRESCRIPTIONS FOR COMMON MEDICATIONS—ALL THROUGH A SIMPLE PHONE CALL. WHENEVER YOU NEED US, WE'RE HERE.

SCHEDULE YOUR SAME DAY APPOINTMENT

718.208.2030

Telehealth

Medease

WHEN A CALL IS ENOUGH

HANDFULS *of* HAPPINESS

Those bags full of bragworthy baby things are just a click away!

The search is over. Your baby's wardrobe complete with prices ever so low, efficient door to door delivery, and impeccable customer service, is now on one convenient website.

No access? No problem. Just text us what you're looking for and we'll be glad to send you our showstopping photos for you to handpick your selection.

929.210.1150 · 118 DENMAN RD babydollny.com

babydoll Boutique

dominogrp.com

קינדער בלעטל וואונטשט אלע חשוב'ע קינדער א כשר'ן פרייליכן פסח



דער

בעל שם טוב'ס נסיעה

קיין ארץ ישראל

א הערליכע פראיעקט לכבוד פסח תשפ"ה,
געברענגט צו אייך דורך מכון עצתו אמונה אין
צוזאמארבעט מיט'ן קרית ברסלב בלעטל

1

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועט מֶען הָאבְּן וָואס מֶען דַארְף

דִי זוּן הָאט נָארְוָואס אוֹיפְגֶעשַׁייְנְט, עֶס אִיז אַ שַׁיינֶע וֶועטֶער, אַ שַׁיינֶע בְּלוֹיעֶ הִימְל, עֶס בְּלָאזְט אַ וִוינְט, דִי וַואסֶער אִיז אוֹיךְ שַׁיין בְּלוֹי; שְׁטֵייט זִי אוּן קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט, וָואס וֶועט דָא זַיין? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין טַאטֶע דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, אֲפִילוּ דִי אֵיין הֶעמְד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אוֹיסְוַואשְׁן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב - אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן מִיטְן וִוינְט..."

דִי צַדֵיקֶת אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעפִינְט זִיךְ בַּיים יַם אִין טֶערְקֵיי, זִי אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיט אִיר טַאטֶע. זֵיי פָארְן יֶעצְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיף פֶּסַח זֶענֶען זֵיי אִין דִי שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל. דִי צַדֵיקֶת אָדְל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם יַם אוֹיסְוַואשְׁן אַ הֶעמְד אַז אִיר טַאטֶע זָאל הָאבְּן אַ פְרִישֶׁע הֶעמְד לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט, זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן אָן קַיין גֶעלְט אוּן אָן עֶסְן. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוארְטְן בִּיז מֶען וֶועט אַיינְפַּאקְן עֶסְן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען וִוי שְׁנֶעלֶער קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר וִויל זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים בֶּן עֲטַר, דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דִי צַדֵיקֶת אָדְל הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אוּנְז, מַאךְ אַ נֵס, עֶס אִיז שׁוֹין עֶרֶב פֶּסַח מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיר דַארְפְן מַצּוֹת, וַויין, פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ פַאר יוֹם טוֹב, הֶעלְף אוּנְז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעהֶערִיגֶע שְׁטוּבּ וואוּ צוּ זַיין".

פְּלוּצְלוּנְג זֶעט זִי וִוי עֶס קוּמְט צוּ פָארְן אַ גְרוֹיסֶער וָואגְן, דִי וָואגְן שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ, אוֹיפְן וָואגְן זִיצְט אַ פָּארְפָאלְק, אַ מַאן אוּן וַוייבּ, זֵייעֶר רַייכֶע מֶענְטְשְׁן. זֵיי פְרֶעגְן אָדְל: "מִיר זוּכְן זֵייעֶר דֶעם צַדִּיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, אֶפְשָׁר וֵוייסְט אִיר פוּן אִים צוּ זָאגְן? אֶפְשָׁר הָאט אִיר גֶעהֶערְט וואוּ עֶר אִיז?" אָדְל זָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּן דֶעם צַדִּיק, מַיין טַאטֶע זִיצְט אִין שׁוּל, עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט, וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?" זֵיי זָאגְן זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶעס פַאר יוֹם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאל אַלֶעס הָאבְּן.

דִי צַדֵיקֶת אָדְל זָאגְט גְלַייךְ: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ דַאנְק דִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מַיין טַאטֶע אוּן אִיךְ וֶועלְן הָאבְּן אַלֶעס אוֹיף יוֹם טוֹב".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן. אֲפִילוּ מֶען הָאט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מַאכְן נִיסִים, אוּן אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס פַארְלוֹירְן, עֶפֶּעס אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן הַאנְט זָאל מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל, וָואס זִי הָאט גֶעטוּן וֶוען דִי הֶעמְד אִיז אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגְן פוּן אִיר הַאנְט.

2

אִיךְ בְּלַייב גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אָדְל דִי צַדֵיקֶת גְרֵייט אָן דֶעם שֵׁיינֶעם סֵדֶר נַאכְט פַאר אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט, וִוי פוּן הִימְל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דִי פָּארְפָאלְק פוּן דֵייטְשְׁלַאנְד מִיט אַלֶע עֶסְן פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אִין שׁוּל, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָארְגְט גָארְנִישְׁט פוּן וואוּ עֶר וֶועט הָאבְּן מַצוֹת אוּן עֶסְן פַארְן סֵדֶר נַאכְט, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן. דֶער צַדִיק גֵייט אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'עֶן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק דַאוֶוענֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִינְגְט עֶר הַלֵל.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב קוּמְט אָן צוּם הֶקְדֵשׁ, דִי שְׁטוּבּ וואוּ עֶר הַאלְט זִיךְ אוֹיף אִין אִיסְטַאנְבּוּל, (אין יעדע אידישע שטאט פלעגט זיין נעבן די בית המדרש א שטיבל פאר געסט צו עסן און שלאפן, דאס האט געהייסן 'הקדש'), מֶען הוֹיבְּט אָן דֶעם סֵדֶר, אָדְל מִיט רֶבִּי צְבִי זִיצְן בַּיים סֵדֶר אִינְאֵיינֶעם מִיטְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוֹיךְ הָאט אָדְל אַיינְגֶעלַיידְנְט דִי פָּארְפָאלְק זָאלְן זַיין בַּיים סֵדֶר.

בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ שְׁמֵייכְלְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּ זַיין טָאכְטֶער אוּן פְרֶעגְט: "טָאכְטֶער לֶעבְּן, וֶוער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַצוֹת, וַויין, מִיט אַלֶע גוּטֶע עֶסְן?" אָדְל זָאגְט: "טַאטֶע, דִי פָּארְפָאלְק, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גַאנְצֶע סֵדֶר, זֵיי וִוילְן דוּ זָאלְסְט זֵיי בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ קִינְד, שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער", זָאגְט

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ זָאג צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג, אַז בִּיז אַ יָאר וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד".

עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיטְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט; דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעוָוארְן וֵוייס וִוי קַאלֶעךְ, עֶר זֶעט אוֹיס זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. מֶען הָאט אִים יֶעצְט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פוּן הִימְל אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, זַיין גַאנְצֶע גַן עֵדֶן. וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְזֵירָה אַז דִי פָּארְפָאלְק וֶועט קֵיין קִינְדֶער נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַז דֶער צַדִיק הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי פָּארְפָאלְק אַ קִינְד - וֶועט מֶען זֵיי מוּזְן גֶעבְּן אַ קִינְד, וַוייל אַ צַדִיק קֶען מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירוֹת; דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַזוֹי בְּלַאס, מֶען הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען זַיין גַן עֵדֶן.

"וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַן עֵדֶן!" שְׁרֵייט אוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, "אִיךְ בְּלַייבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעטְרֵיי, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זַיין גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ מֶען הֶערְט אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אַז מֶען וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גַן עֵדֶן - זָאל מֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים וַוייטֶער דִינֶען.

אַלֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין".

3 גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁטוּרֶעם

”רַ - א - טֶ - ע - וֶ - ו - ע-ט...!!! דִי שִׁיף גֵייט כִּמְעַט אַיינְזִינְקֶען...!!!” שְׁרֵייעֶן אַלֶע.

דִי שִׁיף שְׁפְּרִינְגְט אִין וַואסֶער אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן צוּרִיק אַרָאפּ אִין וַואסֶער, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיפְן שִׁיף מִיט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי אוּן טָאכְטֶער אָדְל, דִי גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר וִויל טְרֶעפְן דֶעם צַדִיק רֶבִּי חַיִּים בֶּן עֲטַר, דֶער הֵיילִיגֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִינְאֵיינֶעם בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ.

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְן יָם, דֶער שִׁיף גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַיינְזִינְקֶען, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם יִמַּח שְׁמוֹ וִויל דֶערְטְרֶענְקֶען דֶעם צַדִיק, עֶר וִויל נִישְׁט מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט פַאר אָדְל: ”אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אָדֶער וַוארְף אִיךְ אַרַיין אִין וַואסֶער אַלֶע מַיינֶע כְּתָבִים, מַיינֶע תּוֹרוֹת, אָדֶער זָאלְסְטוּ אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער, וַוייל נָאר אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער שְׁטוּרֶעם אָפְּשְׁטֶעלְן, אַז נִישְׁט וֶועלְן מִיר אַלֶע דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן”; דֶער צַדִיק זָאגְט פַאר אָדְל: ”אִיךְ מֵיין דוּ זָאלְסְט אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת, וֶועט זִיכֶער פַּאסִירְן מִיט דִיר אַ נֵס, דוּ וֶועסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ - מִיט מַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה - אוֹיךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן”.

אָדְל זָאגְט: ”טַאטֶע, וַוארְף אַרַיין דַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אִין וַואסֶער אוּן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאנְק טוּן, וַוייל פוּן מִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַן אֵיינִיקְל וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן שֶׁענֶערֶע אוּן בֶּעסֶערֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה”.

(גֶעמֵיינְט הָאט זִי מִיט דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אַ טָאכְטֶער פוּן אָדְל, וָואס וֶועט לִיכְטִיג מַאכְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט זַיינֶע תּוֹרוֹת, עֵצוֹת אוּן חִיזוּק).

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַ כַאפּ גֶעטוּן זַיינֶע כְּתָבִים אוּן זֵיי אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין וַואסֶער, אוּן גְלַייךְ הָאט דִי שְׁטוּרֶעם נָאכְגֶעלָאזְט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, וִוי זֵיי זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי ווִילְן בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ, אוּן וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט זֵיי שְׁטֶערְן, אוּן דָאךְ שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר וֶועלְן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

4 דִי הֵיילִיגֶע אוֹתִיוֹת פוּן דִי א׳ב׳

”רַ א טֶ ע וֶ ו ע ט . . . ! רַאטֶעוֶועט...! דֶער רֶבִּי זָאל עֶפֶּעס טוּן, מֶען גֵייט אוּנְז כִּמְעַט הַרְגְ׳עֶנֶען!”

אַלֶע לִיגְן גֶעבִּינְדְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי אוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל; אַ בַּאנְדֶע יַם רוֹיבֶּערְס הָאבְּן בַּאפַאלְן דִי שִׁיף פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען נִישְׁט פָּשׁוּטְ׳עֶ רוֹיבֶּערְס וָואס זוּכְן גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען פוּן דִי בַּאקַאנְטֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גְרוּפֶּע מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶערְס, זֵיי הַרְגְ׳עֶנֶען מֶענְטְשְׁן אוּן עֶסְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן; זֵיי זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע רוֹצְחִים.

דֶער תַּלְמִיד פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֵויינְט, עֶר זָאגְט: ”רֶבִּי טוּט עֶפֶּעס, רֶבִּי מַאכְט אַ נֵס”. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב בְּלַייבְּט שְׁטִיל, עֶר זָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט: ”אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט”, אָדְל צוּאֵוויינְט זִיךְ, זִי זָאגְט: ”טַאטֶע, רַאטֶעוֶוע אוּנְז, דִי רוֹיבֶּערְס גֵייעֶן אוּנְז שֶׁחְטְ׳ן אוּן אוּנְז אוֹיפְעֶסְן”, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: ”אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט”; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב לִיגְט גֶעבִּינְדְן אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר זָאגְט גָארְנִישְׁט, עֶר קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: ”אֶפְשָׁר גֶעדֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?” ”אִיךְ גֶעדֶענְק נָאר דִי א׳ ב׳” - עֶנְטְפֶערְט דֶער תַּלְמִיד, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: ”אוֹיבּ אַזוֹי, הוֹיבּ אָן זָאגְן אַן אוֹת נָאךְ אַן אוֹת, אִין אַ רַייעֶ פוּן דִי א׳ ב׳, אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ נָאכְזָאגְן”.

”א... ב... ג... ד...” דֶער תַּלְמִיד שְׁרֵייט דִי אוֹתִיוֹת אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט נָאךְ אוֹת בַּיי אוֹת... ”ח... ט... י...”; וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי אוֹתִיוֹת הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם זִיךְ אַלֶעס דֶערְמַאנְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מֶען הָאט פְּלוּצְלוּנְג גֶעהֶערְט וִוי שִׁיפְן פַייפְן; דִי רוֹיבֶּערְס הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן - קֶען מֶען בֶּעטְן אוֹיף דִי א׳ ב׳; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: ”הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל הָאבְּן אֶ׳מוּנָה אִין דִיר, בְּ׳טָחוֹן אִין דִיר, גְ׳לֵייבְּן אִין דִיר, דַ׳אוֶוענֶען צוּ דִיר, הָ׳אפְן צוּ דִיר” - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ■

אבג
דהוז
חטי...

דעם רבינ'ס חדר

א שיחה אין א בילד

פסח =

ברסלב'ע חידות

דער הייליגער קדושת לוי האט געזאגט: ווען מען מאכט פסח'דיג ווערט באשאפן די זעלבע הייליגע מלאכים וואס ווערן באשאפן

א. ביי תקיעת שופן ראש השנה ביינאכט

ב. ביים מאכן שלוח הקן

ג. ביים יום החופה

ד. פורים בייטאג

א שטיקעלע ספר המדות

אֱמוּנָה

א. צָרִיךְ לְהַאֲמִין בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּדֶרֶךְ אֱמוּנָה, וְלֹא בְּדֶרֶךְ מוֹפֵת.

דִי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף זַיין אוֹיף אַ וֶועג אַז מֶען גְלֵייבְּט פָּשׁוּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט דוּרְכְ'ן עֶס אוֹיפְוַוייזְן מִיט רְאַיוֹת אוּן מוֹפְתִים.

שרייב טישל

טרעף די וועג

טרעף די וועג צום
הייליגן **סדר נאכט**



טרעף די ווערטער

וויפיל מאל קענסטו
טרעפן דאס ווארט
"פסח"?

פ	פ	ס	ח	ח	פ	פ	פ	ח	פ	ל
ס	ר	ח	ל	ד	ס	ס	ס	ס	ס	ש
ח	ס	ש	ו	ח	פ	פ	ח	ח	ח	פ
פ	ס	ח	ס	ק	ס	פ	פ	פ	פ	ד
ט	ס	פ	ח	ע	ח	מ	ס	ס	ל	ח
פ	ח	ס	פ	ס	ס	פ	ס	ח	ח	פ
ט	פ	פ	פ	ל	פ	ב	ס	ס	ס	ח
פ	ס	ס	ס	ח	ח	ט	פ	ח	ס	פ
ס	ח	ח	ח	ס	י	ס	ס	פ	ח	ס
ח	פ	ס	ח	פ	ח	פ	פ	פ	ס	ח
ח	פ	פ	ז	פ	ט	ס	ח	ס	פ	ו
ס	פ	ס	ס	כ	ב	ח	פ	ח	ס	ח
פ	ס	ח	ח	ח	ס	פ	פ	פ	ס	ח
ס	ח	ח	ד	פ	ס	ה	ס	פ	ח	ס
ח	ס	ע	מ	ח	פ	ח	ח	ס	ב	פ
ס	פ	פ	ס	ח	ס	ס	פ	פ	ס	ח
פ	ס	צ	פ	ס	ח	פ	ח	פ	ס	ח
ס	ח	ב	ח	ס	פ	ס	ס	ח	ח	ס
ח	ס	פ	ס	ח	פ	ח	פ	ס	ס	פ
ח	פ	ס	ח	פ	ס	ח	פ	ח	ס	פ
ח	ס	ח	פ	פ	ח	ח	ס	ח	כ	ח
ס	ח	פ	ס	ח	ס	פ	פ	ח	ס	ל
פ	פ	פ	ח	פ	ז	ס	ס	פ	ז	פ
ס	ס	ס	ח	ס	ח	פ	ס	ח	ס	פ
ח	ח	ס	פ	ח	ע	ח	ס	פ	מ	ב

לאמיר שפילן

ווער שפילט

פָּרִיץ - דַּיֵּינוּ - ר' מֹשֶׁה - ר' מֹשֶׁה'ס וַוייבּ - חַיִּים (ר' מֹשֶׁה'ס זוהן) - אֶסְתֵּר'ל (ר' מֹשֶׁה'ס טָאכְטֶער) - נָתָן (ר' מֹשֶׁה'ס אֵיידֶעם) - אַלֶעקְס און בְּאָרִיס (בַּאדִינֶערְס)

סצענע 1

(אִין קֶענִיגְס פַּאלַאץ)

פָּרִיץ: בָּארִיס און אַלֶעקְס!

אַלֶעקְס און בְּאָרִיס: יָא מַיין הֶער.

פָּרִיץ: קוּמְט אַהֶער!

אַלֶעקְס און בָּארִיס: צוּם בַּאפֶעל!

פָּרִיץ: הֶערְט מִיר אוֹיס, אַ גֶעפֶערְלִיכֶע גְנֵיבָה אִיז דָא פָארְגֶעקוּמֶען און אִיךְ שְׁטֶעל אַייךְ אַלְס דִי שׁוֹמְרִים אָנְצוּפִירְן מִיט דִי זוּךְ אַקְצִיֶע. מַיין טֵייעֶרֶע רִינְגְל אִיז פַארְשְׁוואוּנְדֶען...!!

אַלֶעקְס און בָּארִיס: (שָׁאקִירְט) הַא? מִיר קֶענֶען עֶס נִישְׁט גְלֵייבְּן!!

אַלֶעקְס: וֶוער הָאט עֶס גֶעקֶענְט נֶעמֶען?

בָּארִיס: אַ חוּצְפָּה... מִיר וֶועלְן אִים שׁוֹין אָנְלֶערְנֶען!

סְצֶענֶע צְוֵויי:

(אַן אֲסִיפָה אִין קֶענִיגְלִיכְן הוֹיז, אַלֶעקְס בָּארִיס, דֶער פָּרִיץ און דַּיֵּינוּ)

אַלֶעקְס און בָּארִיס: לָאמִיר אִיבֶּערְקוּקְן דִי לִיסְטֶע. שִׁמְשִׁי, עֶר זִיכֶער נִישְׁט. דֶער מִיסְט קֶערֶער אִיז אוֹיךְ נִישְׁט שַׁיָּיךְ. אֶפְשָׁר דֶער וָואס רוֹימְט אוֹיף דֶעם פָּרִיץ׳ס שְׁטוּבּ?

אַלֶעקְס: נֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעקוּקְט זַיינֶע טַאשְׁן.

בָּארִיס: אֶפְשָׁר דִי קֶענִיגְלִיכֶע שְׁנַיידֶער?

אַלֶעקְס: נֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין דָאס אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט!

בָּארִיס: מְמְ.מְמְמְ...אִיז וֶוער יָא?

קֶענִיג: אִיךְ הָאבּ אַ בֵּייפַאל, לָאמִיר אוֹיסְרוּפְן אַז וֶוער עֶס אִיז מַסְכִּים צוּ הֶעלְפְן זוּכְן מַיין רִינְגְל וֶועט וֶוערְן גוּט בַּאצָאלְט. אִיךְ וֶועל פוּן פָארְאוֹיס צָאלְן גֶעלְט אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן צוּכַאפְּן דֶערְצוּ.

בָּארִיס און אַלֶעקְס רוּפְן אוֹיס אִין דִי גַאסְן: אַלֶע מֶענְטְשְׁן... אַלֶע מֶענְטְשְׁן!! הֶערְט אוֹיס! דֶער קֶענִיג טֵיילְט גֶעלְט. וֶוער עֶס אִיז גְרֵייט זִיךְ אוּנְטֶערְצוּנֶעמֶען צוּ זוּכְן דֶעם קֶענִיגְ׳ס רִינְגְל קֶען שׁוֹין הַיינְט קוּמֶען און אָפְּנֶעמֶען אַן אַיינְגַאבֶּע פוּן אַסַאךְ גֶעלְט, און וֶוער עֶס וֶועט טְרֶעפְן דִי גֶעלְט וֶועט אַוודַאי וֶוערְן גוּט בַּאלוֹינְט.

...

סצענע 2

בַּיי ר׳ מֹשֶׁה אִינְדֶערְהֵיים

דַּיֵּינוּ

ש. טראכטער

וַוייבּ: מֹשֶׁה, מַיין טַייעֶרער מַאן, וָואס וֶועט זַיין? דֶער יוֹם טוֹב דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ אוּן אִיךְ דַארְף אָנְהֵייבְּן קָאכְן אוּן צוּגְרֵייטְן דֶעם יוֹם טוֹב, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט, וָואס וֶועט זַיין?

מֹשֶׁה: זָארְג נִישְׁט, עֶס וֶועט זַיין גוּט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן. לָאמִיר נָאר וַוייטֶער דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב מִיט אַ שֶׁפַע.

אַלֶע מִשְׁפָּחָה מִיטְגְלִידֶער: הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט צוּ קֶענֶען צוּגְרֵייטְן אוֹיף יוֹם טוֹב.

מֹשֶׁה: אֵיין מִינוּט קִינְדֶער, אִיךְ הֶער עֶפֶּעס אוֹיסְרוּפְן אִין גַאס...

(מֶען הֶערְט נָאכְאַמָאל דִי אוֹיסְרוּף פוּן דִי קֶענִיגְס בַּאדִינֶערְס.)

בָּארִיס אוּן אַלֶעקְס רוּפְן אוֹיס אִין דִי גַאסְן: אַלֶע מֶענְטְשְׁן... אַלֶע מֶענְטְשְׁן!! הֶערְט אוֹיס! דֶער קֶענִיג טֵיילְט גֶעלְט. וֶוער עֶס אִיז גְרֵייט זִיךְ אוּנְטֶערְצוּנֶעמֶען צוּ זוּכְן דֶעם קֶענִיגְ׳ס רִינְגְל קֶען שׁוֹין הַיינְט קוּמֶען אוּן אָפְּנֶעמֶען אַן אַיינְגַאבֶּע פוּן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן וֶוער עֶס וֶועט טְרֶעפְן דִי גֶעלְט וֶועט אַוַודַאי וֶוערְן גוּט בַּאלוֹינְט.

מֹשֶׁה: אִיךְ הָאבּ אַ פְּלַאן! אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם קֶענִיג אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבְּן צוּ זוּכְן דִי רִינְגְל, אַזוֹי וֶועלְן מִיר הָאבְּן גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח, אוּן נָאךְ פֶּסַח וֶועט מֶען שׁוֹין פְּרָאבִּירְן צוּ זוּכְן דִי רִינְגְל.

...

סצענע 3

אִין פַּאלַאץ:

בָּארִיס: מִיט וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?

מֹשֶׁה: אִיךְ וִויל הֶעלְפְן זוּכְן דִי רִינְגְל.

אַלֶעקְס: דָא הָאט אִיר אַ פֶּעקְל גֶעלְט, זַייט מַצְלִיחַ.

בָּארִיס: אָבֶּער גֶעדֶענְק... זוּךְ דָאס רִינְגְל אוּן זוּךְ נִישְׁט קַיין צָרוֹת!

מֹשֶׁה: יְיַשֶׁר כֹּחַ.

(אִינְדְרוֹיסְן)

מֹשֶׁה: שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעלְט צוּ קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן פַאר יוֹם טוֹב מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט.

...

סצענע 4

בַּיי ר׳ מֹשֶׁה אִין שְׁטוּבּ

וַוייבּ: שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר קֶענֶען קָאכְן אוּן צוּגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט.

מֹשֶׁה: דִי קִינְדֶער הֶעלְפְן?

וַוייבּ: אַוַודַאי, זֵיי הֶעלְפְן אַזוֹי שֵׁיין.

(בִּיז דֶערְוַוייל זֶעט מֶען דִי קִינְדֶער הֶעלְפְן אוּן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ.)

וַוייבּ: מֹשֶׁה מִיר הָאבְּן אַזוֹיפִיל עֶסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ מַיין אַז מֶען קֶען אֲפִילוּ רוּפְן גֶעסְט אוֹיף פֶּסַח.

מֹשֶׁה: טַאקֶע? שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוֹיבּ אַזוֹי וִויל אִיךְ טַאקֶע רוּפְן אוֹרְחִים, אִיךְ וֶועל גֵיין זֶען וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט וואוּ צוּ עֶסְן אוּן זֵיי לַאדֶענֶען.

...

סצענע 5

פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיי ר׳ מֹשֶׁה. מֶען זִיצְט אַרוּם אַ שֵׁיינֶע טִישׁ מִיט אַסַאךְ גֶעסְט אוּן יֶעדֶער אִיז זַייעֶר פְרֵיילִיךְ. אִינְצְוִוישְׁן זֶעט מֶען דֶער גַלָח ׳דַּיֵּינוּ׳ קוּקְט אַרַיין פוּן פֶענְסְטֶער מִיט שְׁפִּיזִיגֶע אוֹיגְן.

דַּיֵּינוּ: קוּק וָואס דָא גֵייט פָאר! ר׳ מֹשֶׁה זִיצְט זִיךְ בַּיי אַ רַייכֶע טִישׁ מִיט אַזוֹיפִיל גֶעסְט. פוּן וואוּ הָאט עֶר גֶעלְט? עֶר הָאט גֶענוּצְט דִי קֶענִיגְ׳ס גֶעלְט נִישְׁט פַאר דִי אוֹיסְפָארְשׁוּנְג, נָאר צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע אוּן שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב. אִיךְ מוּז שׁוֹין גֵיין דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן קֶענִיג וָואס דָא קוּמְט פָאר.

(אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער קוּמְט דַּיֵּינוּ צוּרִיק מִיט אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶע פָּרִיץ וָואס קוּמְט אוּן קוּקְט צוּ בֵּייז וִויאַזוֹי מֹשֶׁה פִירְט אַ רַייכֶע סֵדֶר טִישׁ אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן. זֵיי קוּקְן זִיךְ צוּ בִּשְׁעַת ר׳ מֹשֶׁה רֶעכְט אָפּ אַ שֵׁיינֶע סֵדֶר.)

ר׳ מֹשֶׁה: זָאג נָאר נָתָן וָואס אִיז פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם בַּעַל הַגָּדָה?

נָתָן: הֲרֵי אֲנִי כְּבֶן שִׁבְעִים שָׁנָה.

דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען 70 יָאר, נָאר עֶס אִיז אִים אַרוֹיסְגֶעוַואקְסְן 18 רֵייעֶס מִיט וַוייסֶע הָאר...

ר׳ מֹשֶׁה: רִיכְטִיג!

ר׳ מֹשֶׁה: קִינְדֶערְלֶעךְ מֶען גֵייט שׁוֹין פְרֶעגְן דִי פִיר קַשְׁיוֹת.

אֶסְתֵּר׳ל: טַאטֶע אִיךְ מֶעג שׁוֹין פְרֶעגְן?

ר׳ מֹשֶׁה: זִיכֶער מַיין טַייעֶר קִינְד.

ר׳ מֹשֶׁה: נוּ, הֵייבּ אָן...

אֶסְתֵּר׳ל: טַאטֶע לֶעבְּן, אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן פִיר....

ר׳ מֹשֶׁה: הֶערְלִיךְ אֶסְתֵּר׳ל אוּן יֶעצְט חַיִּים.

חַיִּים: טַאטֶע לֶעבְּן...

ר׳ מֹשֶׁה: אוּן דֶער תֵּירוּץ אִיז...עֲבָדִים הָיִינוּ... (מֶען מִישְׁט וַוייטֶער אִין דִי הַגָּדָה אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט פָאר.)

ר׳ מֹשֶׁה: יֶעצְט קִינְדֶערְלֶעךְ גֵייעֶן מִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעטוּעֶן! פַאר יֶעדֶע חֶסֶד אַלֵיינְס דַּיֵּינוּ, וָואלְט גֶענוּג גֶעוֶוען.

אִלּוּ... וֶוען עֶר וָואלְט אוּנְז נָאר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם אוּן נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַכּוֹת אוֹיף דִי מִצְרַיִּים... דַּיֵּינוּ! וָואלְט אוּנְז אוֹיךְ גֶענוּג גֶעוֶוען!!

(דֶער פָּרִיץ מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אָן אוּן שְׁטֶעלְן זִיךְ אוּנְטֶער דִי פֶּעסְטֶער אוּן קוּקְן שְׁטִיל אַרַיין אוּן הֶערְן אוֹיס.)

ר׳ מֹשֶׁה: אוּן וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואלְט אוּנְז אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן פוּן מִצְרַיִּם אוּן אוּנְז נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט דֶעם יַם...

קִינְדֶער: (הוֹיעֶךְ) דַּיֵּינוּ...

ר׳ מֹשֶׁה: אוּן וֶוען עֶר פִירְט אוּנְז אַרִיבֶּער דִי יַם אוּן עֶר טְרָאגְט אוּנְז נִישְׁט אִין מִדְבָּר...

אַלֶע: דַּיֵּינוּ

ר׳ מֹשֶׁה: אוּן וֶוער עֶר טְרָאגְט אוּנְז אִין מִדְבָּר אוּן גִיט אוּנְז נִישְׁט אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן...

אַלֶע: דַּיֵּינוּ

(יֶעצְט דְרֵייְדְט מֶען זִיךְ צוּ דִי גַאס וואוּ דֶער פָּרִיץ מִיט דַּיֵּינוּ שְׁטֵייעֶן)

פָּרִיץ: דַּיֵּינוּ...אִיךְ הֶער צוּפִיל מָאל דַיין נָאמֶען...! וָואס מֵיינְט דָאס? אִיךְ הָאבּ מוֹרָא דָאס הָאט עֶפֶּעס צוּ טוּן מִיט דִי אוֹיסְפָארְשׁוּנְג.

דַּיֵּינוּ: (וַואקְלְט זִיךְ פוּן שְׁרֶעק) אִיך... וֵוי...וֵו...וֵוייס נִישְׁט!!

פָּרִיץ: וָואס וֵוייסְטוּ נִישְׁט? אִיךְ וֵוייס יָא? וואוּ אִיז מַיין רִינְגְל? שׁוֹין זָאלְסְטוּ זָאגְן!!

דַּיֵּינוּ: (עֶר וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן הֵייבְּט אָן וֵויינֶען...) דֶער קֶענִיג זָאל מִיר נִישְׁט שְׁטְרָאפְן... אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט... נִישְׁט גֶעמֵיינְט... נִישְׁט גֶעוואוּסְט... זַיי מִיר מוֹחֵל!!!

פָּרִיץ: אַזוֹי?! אוּן דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט ר׳ מֹשֶׁה זָאל מֶען דֶערְפַאר לֵייגְן אִין תְּפִיסָה?! בַּאדִינֶערְס! שׁוֹין נֶעמְט אִים אוּן פִירְט אִים אַרַיין אִין תְּפִיסָה, אוּן פַאר מֹשֶׁה וֶועל אִיךְ אִים גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט אַלְץ אַ דַאנְק פַארְ׳ן מַאכְן אַזַא גוּטֶע אוּן גְרִינְטְלִיכֶע אוֹיסְפָארְשׁוּנְג אוּן מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְדֶעקְן וֶוער עֶס אִיז דִי גַנָּב!

ענדע

דֶער אֲפִּיקוֹמָן

חַיִּים (דֶער גְּבִיר), זָרַח (דֶער אָרִימַאן) מַאמֶע (זָרַח'ס ווייבּ - דִי קִינְדֶערְלֶעךְ פוּן זָרַח, דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי אַרְבֶּעטֶער, בֶּערְל (דֶער חָבֵר)

סצענע 1

מַצָּה בֶּעקֶערַיי

יֶעדֶער בַּאקְט אוּן וֶועלְגֶערְט אוּן דֶער גְּבִיר ר' חַיִּים קוּמְט אַרַיין.

חַיִּים: עֶס אִיז מִיר פַארְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעוָוארְן אַ גָאר טַייעֶרֶע מַטְבֵּעַ. אַ צֶען רוּבְּלְדִיגֶע מַטְבֵּעַ! גֶעוַואלְד! וואוּ הָאט עֶס גֶעקֶענְט אַהִינְקוּמֶען?

(יֶעדֶער קוּקְט זִיךְ אַרוּם דֶערְשְׁרָאקְן אוּן לָאזְט אָפּ דִי אַרְבֶּעט)

עֶרְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ: מִיר וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן זוּכְן.

(יֶעדֶער הֵייבְּט אָן זוּכְן)

צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ: נֵיין, דָא אִיז עֶס נִישְׁט. וַוייזְט אוֹיס אַז אֵיינֶער הָאט דִיר בַּא'גַנְבְ'ט.

חַיִּים: אָבֶער אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעהַאט וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען דָא. אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט אַרוֹיס. יֶעצְט לֵייג אִיךְ מַיין הַאנְט אִין טַאשׁ אוּן אִיךְ בַּאמֶערְק אַז עֶס אִיז פַארְשְׁווּאוּנְדְן.

דְרִיטֶער מֶענְטְשׁ: וַוייזְט אוֹיס אַז יֶענֶער אִיז אַ גֶענִיטֶע גַנָב. דוּ הָאסְט נִיטְאַמָאל גֶעפִילְט וִוי מֶען שְׁלֶעפְּט עֶס דִיר אַרוֹיס.

(דֶער עוֹלָם זוּכְט וַוייטֶער אָבֶער אָן עֶרְפָאלְג)

עֶרְשְׁטֶע מֶענְטְשׁ: שׁוֹין, אִיךְ מֵיין אַז מֶען זָאל אוֹיפְגֶעבְן. עֶס אִיז אַזוֹיוִוי צוּ זוּכְן דִי נֶעכְטִיגֶע ווִינְט!

צְוֵוייטֶע מֶענְטְשׁ: יָא, דֶער פֶּסַח וֶועט נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אוּנְז אוּן מִיר דַארְפְן נָאךְ פִיל מַצּוֹת אָפְּבַּאקְן.

חַיִּים: זָאל זַיין אַ כַּפָּרָה.

דְרִיטֶע מֶענְטְשׁ: זָאל דָאס זַיין דַיין גְרֶעסְטֶע אָפְּקוּמֶענִישׁ.

חַיִּים: דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אַז דָאס גֶעלְט זָאל כָאטְשׁ אַרַיינְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן אַן אֶמֶתְ'עֶ נִצְרָךְ.

סצענע 2

זָרַח, דֶער אָרִימַאן דְרֵייט זִיךְ אַרוּם זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן. זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער רוּמֶען דֶערְוַוייל אוֹיף פַארְ'ן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

זָרַח: אוֹי! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. הַיינְט נַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ מַאכְן יוֹם טוֹב. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן מַצּוֹת...! אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר הָאבְּן גֶעלְט פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

זָרַח לַאכְט צוּ זִיךְ: דֶער אָרִימַאן פוּן שְׁטָאט קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן אָרִימֶע בְּרוֹיט!!

זָרַח: אָהָ, עֶס אִיז מִיר יֶעצְט בֵּייגֶעפַאלְן. אִיךְ הָאבּ נָאךְ אֵיין זַאךְ אִין מַיין בַּאזִיץ. אִיךְ הָאבּ נָאךְ מַיין גֶעטְרֵייעֶ פֶערְדְל. אִיךְ וֶועל אִיר פַארְ'מַשְׁכָּן'עֶן בִּיז אִיבֶּער יוֹם טוֹב אוּן מִיט דִי גֶעלְט וֶועל אִיךְ אַיינְקוֹיפְן פוּן אַלֶעם גוּטְן.

(בֶּערְל גֵייט פּוּנְקְט אַרִיבֶּער)

זָרַח: אָהָ, בֶּערְל מַיין חַבֵר! אַ גוּטְן עֶרֶב יוֹם טוֹב.

בֶּערְל: אַ גוּטְן עֶרֶב יוֹם טוֹב צוּ דִיר. ווִיאַזוֹי גֵייעֶן דִי הֲכָנוֹת?

זָרַח: (קְרֶעכְץ) עֶס גֵייט נָאכְנִישְׁט. מֶען וַוארְט אוֹיף גֶעלְט אִין שְׁטוּבּ. זָאג בֶּערְל, קֶען אִיךְ דִיר פַארְבָּארְגְן מַיין פֶערְדְל אוּן דוּ וֶועסְט מִיר לֵייעֶן גֶעלְט אוֹיף הוֹצָאוֹת יוֹם טוֹב?

בֶּערְל: אָהָ, זִיכֶער. זִיכֶער. אִיךְ הָאבּ פּוּנְקְט יֶעצְט גֶעלְט אוֹיף מִיר.

(זֵיי טוֹישְׁן אוֹיף אוּן מֶען מַאכְט אַ גֶעשֶׁעפְט. זָרַח גֶעט אִים דִי פֶערְדְל אוּן בֶּערְל גִיט אִים דִי גֶעלְט.)

(זָרַח גֵייט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ)

זָרַח: קִינְדֶערְלֶעךְ, לֶעבֶּעדִיג. עֶס אִיז עֶרֶב יוֹם טוֹב.

(דִי קִינְדֶער זִיצְן שְׁטִיל אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן. זָרַח גֵייט צוּ דִי מַאמֶע אוּן גֶעט אִיר דָאס גֶעלְט. דִי געמִיטער שַׁיינֶען

אויף.)

מַאמֶע: אָה. הודו לַה׳. אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַארְלָאזְן. קִינְדֶער גֶעשְׁוואוּנְד, עֶס אִיז שׁוֹין בַּאלְד יוֹם טוֹב.

(אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן מִיט שִׂמְחָה צוּ הֶעלְפְן קָאכְן אוּן בַּאקְן.)

קִינְד 1: מַאמִי, שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן עֶסְן אויף יוֹם טוֹב.

מַאמֶע: פֶּסַח אִיז דָאךְ אוּנְזֶער יוֹם טוֹב פוּן אֱמוּנָה. מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְט אוּנְז אַלֶעמָאל, אַזוֹיוִוי עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אִין מִצְרַיִם.

(זָרַח בְּרֶענְגְט אַרַיין מַצּוֹת)

קִינְד 2: אָה, מִצְוַת! טַאטִי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פֵיינֶע פְרִישֶׁע מַצּוֹת.

סצענע 3

סֵדֶר טִישׁ

(אַלֶע קִינְדֶער זִיצְן אַרוּם אוּן זָאגְן דִי הַגָּדָה.)

זָרַח: קִינְדֶערְלֶעךְ זִיסֶע, אוּנְזֶער לִיבֶּער טַאטֶע הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן מִיט אַ יָד חֲזָקָה, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַאנְט אוּן אוּנְז גֶעוִויזְן נִסִים וְנִפְלָאוֹת. יוּסְל, הֵייבּ אָן ׳טַאטֶע לֶעבְן׳.

יוּסְל (קִינְד אֵיינְס): טַאטֶע לֶעבְן אִיךְ וִויל דִיר פִיר קַשְׁיוֹת פְרֶעגְן...

זָרַח: (פַארְצֵיילְט אַבִּיסְל ווּאוּנְדֶער פוּן הַגָּדָה.)

(מֶען וַואשְׁט זִיךְ צוּ רָחְצָה אוּן זָרַח צֶעטֵיילְט דִי מַצָּה פַאר יֶעדְן. יֶעדֶער עֶסְט אוּן מֶען הָאט אַ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב. דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶע׳גַנְבֶ׳ט דִי אֲפִיקוֹמָן.)

זָרַח: צָפוּן! וואוּ אִיז מַיין אֲפִיקוֹמָן?! אֵיינֶער הָאט דָאס גֶע׳גַנְבֶ׳ט. מַאמִי, הָאסְט גֶעזֶען דֶעם גַנָב?

מַאמֶע: נֵיין, וַוייזְט אוֹיס אַז זֵיי זֶענֶען גֶעלֶערְנְטֶע גַנָבִים.

(דִי קִינְדֶער לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער.)

קִינְד צְוֵויי: טַאטֶע, אִיךְ וֵייס וואוּ דִי גְנֵיבָה לִיגְט, אָבֶער אִיךְ דַארְף אַן אוֹיסְלֵייז מַתָּנָה.

זָרַח: זִיכֶער זִיכֶער...! וָואס ווִילְסְטוּ טֵייעֶרֶע קִינְד מַיינְס?

קִינְד צְוֵויי: אִיךְ וִויל נַייעֶ חוּמְשִׁים.

זָרַח: (קְרֶעכְץ) אוֹי, הַלְוַאי, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט מִיר גֶעבְּן גֶעלְט וֶועל אִיךְ קֶענֶען אוֹיסְלֵייזְן דִי פֶערְדְל אוּן אוֹיךְ אַייךְ קוֹיפְן דֶעם אֲפִיקוֹמָן.

(דִי קִינְדֶער אוּן דִי מוּטֶער לָאזְן אַרָאפּ דִי קָאפּ אוּן אַ טְרֶער גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַרוֹיס.)

זָרַח: (כַאפְּט זִיךְ צוּרִיק) אָבֶער קִינְדֶער יֶעצְט אִיז יוֹם טוֹב אוּן מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג. אוּן מִיר הָאבְּן מְקוּבָּל פוּן אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אַז אַוֶועקְצוּלֵייגְן אַ שְׁטִיקְל פוּן דֶעם אֲפִיקוֹמָן אִיז אַ סְגוּלָה צוּ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה. פְרֵיילִיךְ קִינְדֶער. מֶען גֵייט צוּ בֵּרַךְ!

קִינְדֶער: בֵּרַךְ... מֶען גִיסְט אָן דִי דְרִיטֶע כּוֹס אוּן מֶען בֶּענְטְשְׁט.

סצענע 4

חוֹל הַמוֹעֵד

זָרַח: יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט כַאפְּט מִיר אַרוּם אָן אוּמֶעטִיגְקֵייט וֶוען אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִי אָרִימְקֵייט אוּן נוֹיט. אוּן וֶוען אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל חִיזוּק גֵיי אִיךְ צוּ מַיין שְׁמִירָה מַצָּה אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק אוּן דֶערְבֵּיי בֶּעט אִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל אוּנְז שֶׁענְקְן שֶׁפַע.

(עֶר גֵייט צוּ צוּם שַׁאנְק וְוִי דִי מַצָּה לִיגְט אוּן נֶעמְט עֶס אַרוֹיס אוּן גְלֶעט עֶס.)

זָרַח: מַצָּה הֵייסְט דָאךְ אַ מַאֲכָל אֱמוּנָה. עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר טַאקֶע אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אַ גַאנְץ לֶעבְן.

(פְּלוּצְלִינְג פַאלְט דִי מַצָּה אַרוֹיס אוּן צוּקְרַאכְט זִיךְ.)

זָרַח: אוֹי, גֶעוַואלְד!

(קִינְדֶער קוּמֶען צוּ לוֹיפְן)

קִינְדֶער, מַאמֶע: וָואס הָאט פַּאסִירְט טַאטֶע?

זָרַח: אוֹי, מַיין שְׁמִירָה מַצָּה הָאט זִיךְ צֶעפִּיצְלְט. (זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג)

(קִינְדֶער קוּקְן זִיךְ צוּ מִיט שְׁרֶעק.)

מַאמֶע: אָבֶער וָואס בְּלִיטְשְׁקֶעט דָארְט?

(יֶעדֶער בֵּייגְט זִיךְ צוּ)

טַאטֶע: דָאס אִיז... דָאס אִיז... אַ טֵייעֶרֶע רוּבְּל! דָאס אִיז אַ צֶען רוּבְּלְ׳דִיגֶע מַטְבֵּעַ!

קִינְדֶער: אָה! בָּרוּךְ הַשֵּׁם!!! אַזַא נֵס. דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אִין זְכוּת פוּנֶעם אֲפִיקוֹמָן.

מַאמֶע: יֶעצְט הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶענוּג פַאר אַלֶעם וָואס מִיר דַארְפְן!!

קִינְדֶער אוּן טַאטֶע: הוֹדוּ לַשֵּׁם!!!

ענדע

געמאלן

א מעשה פון תפלה

מַיין
שְׁוועסְטֶער
וויינְט אָן
אוֹיפְהֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף
זִי זָאל זִיךְ בַּארוּאִיגְן

שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
זִי אִיז
אַיינְגֶעשְׁלָאפְן

געמאלן דורך:
פייגי אינדיג תחי'
קרית ברסלב

ס'וֶוערְט שוֹין
וַוארֶעם, אִיךְ
הָאב נִישְׁט קֵיין
סְוֶועטֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף אִיךְ
זָאל הָאבְּן
אַ סְוֶועטֶער
אָנְצוּטוּן

שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
מְ'הָאט גֶעטְרָאפְן
אִינְדֶערְהֵיים
אַ סְוֶועטֶער
אַוֶועקְגֶעלֵייגְט

געמאלן דורך:
רבקה וועבערמאן תחי'
בית פיגא קרית ברסלב

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

ש. טראכטער

אַ כָּשֵׁר'ן פֶּסַח אִין ווינֶעצִיֶע

אלֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט פוּן דוֹן יִצְחָק אַבַּרְבַּנֵאל. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי אָנְגֶעזֶעעֶנֶע בַּיי דִי אִידְן אוּן לְהַבְדִּיל בַּיי רֶעגִירוּנְג אִין שְׁפַּאנְיֶע צוּגְלַייךְ. דוֹן יִצְחָק הָאט פִיל גֶע'שְׁתַּדְלְ'ט אוּן גֶעהָאלְפְן זַיינֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער, הָאבְּנְדִיג אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיף דִי רֶעגִירוּנְג.

מִיט דֶער צַייט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְץ דִי פִינַאנְץ מִינִיסְטֶער אִין קֶענִיגְלִיכְן הוֹיף.

ב' נִיסָן שְׁנַת רנ"ב, הָאט דֶער קֶענִיג פִירְדִינַאנְד מִיט זַיין מַלְכָּה אִיזִיבֶּעלָא ימ"ש אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דִי בִּיטֶערֶע גֵרוּשׁ גְזֵירָה. עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ'ן דֶעקְרֶעט אַז בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב מוּזְן אַלֶע אִידְן זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁפַּאנְיֶע. דָאס אֵיינְצִיגְסְטֶע אוֹפָן וְויאַזוֹי זֵיי זֶענֶען עֶרְלוֹיבְּט צוּ בְּלַייבְּן אִיז נָאר אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ שְׁמַדְ'ן רַחֵ"ל.

דוֹן יִצְחָק הָאט אָנְגֶעוָואנְדְן אַלֶע זַיינֶע כֹּחוֹת אוּן קָאנְטַאקְטְן אָפְּצוּשַׁאפְן דִי גְזֵירָה, אָבֶּער זֶעעֶנְדִיג אַז דֶער קֶענִיג וֶועט נִישְׁט טוֹישְׁן זַיין מֵיינוּנְג הָאט עֶר מִיט שְׁטַארְקְקֵייט אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעמָאלְדְן פַארְ'ן קֶענִיג אַז עֶר גֵייט אוֹיךְ.

דֶער קֶענִיג הָאט אִים אָפְּגֶעהַאלְטְן זָאגֶענְדִיג אַז דִי גֵרוּשׁ מֵיינְט נִישְׁט אִים אוּן עֶר קֶען פַארְבְּלַייבְּן, אָבֶּער דוֹן יִצְחָק הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְלָאזְן זַיינֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער, אוּן אִינְאֵיינֶעם מִיט נָאךְ 300,000 אִידְן הָאבְּן זֵיי אַלֶע אַרוֹיסְגֶעוַואנְדֶערְט אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב עַל אַדְמַת נֵכָר, כְּדֵי צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעטְרֵיי.

זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיטְנֶעמֶען צוּפִיל זַאכְן, אוּן דִי רֶעגִירוּנְג הָאט קַאנְפָּאסְקִירְט זֵייעֶרֶע גֶעלְט, אַזוֹי אַז דֶער גְרוֹיסֶע גְבִיר דוֹן יִצְחָק אִיז אַרוֹיס וְוִי אַן אָרִימַאן אוּן פַארְלוֹירְן זַיין רִיזִיגֶע פַארְמֶעגְן.

אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעוַואנְדֶערְט אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיטַאלְיֶע אִין דִי שְׁטֶעטְל ווינֶעצְיֶע. דוֹן יִצְחָק הָאט זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פְּרָאבִּירְט אָנְצוּהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ. פוּן זַיין רֵייכְטוּם אִיז אִים אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז אֵיין זַאךְ, אַ הֶערְלִיכֶע כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ, וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶענוּצְט צוּם סֵדֶר אוּן אוֹיךְ וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית.

וֶוען דוֹן יִצְחָק אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, הָאט זַיין זוּן דוֹן יְהוּדָה גֶע'יַרְשְׁ'נְט דֶעם בֶּעכֶער. אֵיין טָאג הָאט אַ גֶעוִויסֶע שַׂר בַּאזוּכְט בַּיי דוֹן יְהוּדָה אוּן בַּאמֶערְקְט דִי הֶערְלִיכֶע בֶּעכֶער. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן עֶס צוּ זֶען, אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס בַּאטְרַאכְט פוּן דֶער

נאָנט האָט ער באַמערקט, "דאָס איז אַ הערלִיכע בעכער, וואָס וואָלט געפּאַסט פאַר'ן קעניג."

עס איז אַריבער געציילטע טעג און דון יְהוּדָה האָט באַקומען אַ באַפעל פון קעניג אַז ער וויל זען דעם בעכער. דון יְהוּדָה האָט נישט געהאַט קיין בְּרֵירָה און האָט געטראָגן דעם בעכער און עס געוויזן צום קעניג. דער קעניג האָט אָנגעהויבן גלוסטן צום בעכער און פאַרלאַנגט פון דון יְהוּדָה אַז ער זאָל אים פאַרקויפן דעם בעכער פאַר סיי וועלכן פּרייז.

דון יְהוּדָה האָט אים אָבער מַסְבִּיר געווען אַז עס איז אוממעגליך צו פאַרקויפן דעם בעכער צוליב איר קְדוּשָׁה, און אַז זיין טאַטע האָט זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ געווען פאַר אָט די בעכער און דערפאַר קען ער עס נישט אַוועקגעבן פאַר קיין שׁוּם פּרייז.

דער קעניג איז געוואָרן מָלֵא כַּעַס און באַפוילן אַז ביז דריי טעג זאָל דון יְהוּדָה טראַכטן וויפיל ער וויל דערפאַר און דער בעכער וועט געהערן צום קעניג.

דון יְהוּדָה איז אַהיים זייער צעבראָכן. ער האָט צוריקגעשטעלט דעם בעכער אין איר קעסטל און מיט טרערן האָט ער געבעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באַשעפער, איך בעט דיר, דאָס איז אַ בעכער פון קְדוּשָׁה, ביז היינט איז דער בעכער באַנוצט געוואָרן פאַר הייליגע צוועקן, אַצינד וויל עס דער קעניג נעמען פאַר זיינע טָמֵא'נֶע הֲנָאוֹת, איך בעט דיר נעם אַוועק דעם בעכער."

אַ וואונדערליכע נֵס איז געשען און דער בעכער איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

נאָך דריי טעג זענען די קעניג'ס שְׁלוּחִים געקומען אָפּנעמען די בעכער, אָבער דון יְהוּדָה האָט עס נישט געהאַט און ער האָט זיי דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט.

ווען דער קעניג האָט געהערט וואָס עס האָט פּאַסירט איז ער געוואָרן גאָר אויפגערעגט און אַרויסגעגעבן אַ גְזֵירָה אַז נאָך פֶּסַח דאַרפן אַלע אידן פאַרלאָזן ווינעציע.

דון יְהוּדָה איז געווען דערפון זייער צעבראָכן, ווי אויך אַלע אידן וועלכע האָבן געזען פאַר זיך אַ גרויסע סַכָּנָה, זיי האָבן ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן פון די צָרָה.

יענע נאַכט איז געקומען אַן אַלטער איד אין חָלוֹם צום קעניג און אים אָנגעהויבן שלאָגן מיט שווערע קלעפּ. דער קעניג האָט געשריגן און אים געפרעגט, "וואָס ווילסטו?"

דער אַלטער האָט אים פאָרגעהאַלטן און אָנגעשריגן, "צוליב אַ בעכער פאַרטרייבסטו אַלע אידן? וואָס גייט פאָר מיט דיר?"

דער אַלטער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט צוגעזאָגט צוריקצוציען פון די גְזֵירָה.

נאָך איינער האָט געהאַט אַ שרעקליכע חָלוֹם יענע נאַכט...

דער קעניג פירדינאַנד פון שפּאַניע שלאָפט זיך געמיטלעך. אינמיטן שלאָף קומט צו אים דון יִצְחָק זיין אַלטער פינאַנץ מיניסטער און ער הייבט אים אָן צו טיילן שטאַרקע קלעפּ.

"פאַרוואָס שלאָגסטו מיר? וואָס האָב איך דיר שלעכטס געטון?" שרייט דער קעניג אין שלאָף.

דון יִצְחָק האָט אים נאָכמער געשלאָגן, "דו מאַכסט זיך אומשולדיג!! האָסטו נישט פאַרטריבן אַלע אידן און גענומען זייערע פאַרמעגנס? און נאָכדערצו, מיין זון שטייט יעצט פאַר פֶּסַח און ער האָט נישט געלט פון וואו צו מאַכן דעם יוֹם טוֹב. איך פאַרלאַנג פון דיר אַז דו זאָלסט שוין צוזאַמערעכענען מיין גאַנצע געלט וואָס דו האָסט גענומען און עס אָפּטראָגן צו מיין זון אין ווינעציע."

דער קעניג האָט זיך אויפגעוועקט און זיך געוואָלט אויסלאַכן, אָבער פלוצלינג האָט ער געזען אַז עס גיסט אים בלוט פון אַלע זייטן פון די קלעפּ וואָס ער האָט געכאַפּט. ער האָט אָבער נאָך אַלץ באַשלאָסן זיך נישט וואוסענדיג צו מאַכן.

די נעקסטע נאַכט איז דון יִצְחָק ווידער געקומען צו אים און אים געוואָרנט, "איך זע אַז דו לאַכסט זיך אויס, אויב וועסטו מיר נישט צוהערן וועסטו שלעכט אָפּשניידן."

דאָס מאָל האָט זיך פירדינאַנד דערשראָקן און זיך אונטערגענומען די נְסִיעָה קיין ווינעציע. ער האָט איינגעפּאַקט אַלע געלט אין אַ קאַסטן און זיך אַרויסגעלאָזט קיין איטאַליע.

אָנקומענדיג אַהין איז ער אַריין צום קעניג און אָנגעהויבן צו שמועסן מיט אים. עס האָט אים נישט געפּאַסט צו פאַרציילן אַז ער האָט געכאַפּט שלעק אינמיטן שלאָף, דעריבער האָט ער פּשוּט געפרעגט צו מען קען רופן דון יְהוּדָה אין פּאַלאַץ.

דער קעניג האָט אים געלאָזט רופן און ווען דון יְהוּדָה האָט געזען די צוויי רְשָׁעִים פאַר זיך האָט ער געשטאַרקט זיין האַרץ מיט אֱמוּנָה און זיך פאַרלאָזט נאָר אויפן אייבערשטן. ער האָט זיך נישט דערשראָקן. דאַן האָט פירדינאַנד אים געפרעגט, "דו ביסט דון יִצְחָק'ס זון?"

"יאָ מיין האַר."

"אויב אַזוי, נעם דעם קעסטל, דיין טאַטע האָט מיט געהייסן איך זאָל דיר עס אָפּגעבן."

און דאַן איז פירדינאַנד אַהיימגעפאָרן.

יענע פֶּסַח האָט דון יְהוּדָה געהאַט גענוג פַּרְנָסָה אַהערצושטעלן אַ הערליכע יוֹם טוֹב. נאָר איין זאַך האָט אים געפעלט, דער כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ!

פֶּסַח ביינאַכט נאָכ'ן דאַווענען האָט דון יְהוּדָה געזען אַ גאַסט אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

"איר האָט שוין וואו צו עסן?" האָט ער אים געפרעגט

ווען דער גאַסט האָט געענטפערט אַז נישט, האָט אים דון יְהוּדָה איינגעלאַדנט צו זיך אַהיים.

ווי נאָר דער גאַסט איז אַריין אין שטוב האָט די גאַנצע שטוב אויפגעלאַכטן. דער עוֹלָם האָט זיך געגרייט צום סֵדֶר, און פלוצלינג האָט מען געזען אַז דער גאַסט איז נישט דאָ. אָבער אינמיטן טיש האָט מען געזען ליגן אויפן טיש... דער כּוֹס שֶׁל אֵלִיָּהוּ!

שפּעטער ביי שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ איז דער "גאַסט" אָנגעקומען און זיי געפרעגט אויב אַצינד ווייסן זיי שוין ווער ער איז... אויך האָט ער זיי דאַן דערציילט די גאַנצע מַעֲשֶׂה מיט די קלעפּ וואָס פירדינאַנד האָט געכאַפּט.

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא האָט אים אויך באַפוילן אַז נאָך פֶּסַח זאָל דון יְהוּדָה גיין צום קעניג און פרעגן אויב ער וויל נאָך די בעכער.

נאָך פֶּסַח איז דון יִצְחָק געגאַנגען צום קעניג און אים דערציילט די מַעֲשֶׂה. אויך האָט ער אים געפרעגט אויב ער דאַרף נאָך דעם בעכער. דער קעניג האָט זיך אָפּגעזאָגט און אים פאַרשפּראָכן אַז ער האָט צוריקגעצויגן דעם גֵרוּשׁ און די אידן זענען פריי!

וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם!

מענטשערליך

דאס יָאר, וֶועל אִיךְ גַנָבְ'עֶן דִי אֲפִּיקוֹמָן אוּן אִיךְ גֵיי בֶּעטְן אַ מֶעכְטִיגֶע בֵּייק" דָוִד הָאט פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט גֶעדְרֵייט דִי merry-go-ronund אוּן זַיין קְלֵיינֶער בְּרוּדֶער יוּדֶעלֶע הָאט שְׁטַארְק אָנְגֶעכַאפְּט דִי הֶענְטְל מִיט אֵיין הַאנְט אוּן זַיין קַאפְּל מִיט דִי אַנְדֶערֶע.

"דַיין טַאטֶע גֵייט דִיר עֶס קוֹיפְן?" הָאט זַיין שָׁכֵן אַרִי גֶעפְרֶעגְט מִיט נֵייגֶער, "אִיךְ וֶועל עֶס בֶּעטְן פוּן מַיין טַאטֶע בַּיים סֵדֶר, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועל אִיךְ מוּטְשֶׁעןֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בִּיז אִיךְ וֶועל עֶס בַּאקוּמֶען".

"דוּ הָאסְט שׁוֹין דִי לֶעצְטֶע יָאר גֶעגַנֶבְ'עֶט דִי אֲפִּיקוֹמָן, דָאס מָאל וֶועל אִיךְ עֶס כַאפְּן", שָׁלוֹם דָוִד'ס עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער אִיז אַרָאפְּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט נֶעבְּן זֵיי. "אִיךְ וֶועל בֶּעטְן אַ סֶעט מִשְׁנַיוֹת, מַיין טַאטֶע וֶועט מִיר עֶס זִיכֶער קוֹיפְן, עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אִיךְ זָאג מִשְׁנַיוֹת," הָאט עֶר עֶרְקְלֶערְט פַאר אַרִי.

יוּדֶעלֶע הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ זֵייעֶרֶע פְּלֶענֶער אוּן זִיךְ וַוייטֶער גֶעדְרֵייט פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט, זָאל זֵיי זִיךְ טַעְנָה'ן הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, דִי אֲפִּיקוֹמָן אִיז מַיינְס דָאס יָאר, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף, אִיךְ גֵיי בֶּעטְן זֵייעֶר אַ וֶוערְדְפוּלֶע זַאךְ - אוּן טַאטִי וֶועט מִיר עֶס זִיכֶער גֶעבְּן.

"יַחַץ מֶען נֶעמְט דִי מִיטְלְסְטֶע מַצָה... אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזֶעצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַרוּם דִי הֶערְלִיךְ גֶעדֶעקְטֶע סֵדֶר טִישׁ. דֶער טַאטֶע הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי מַצָה אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל "וֶועלְכֶע אִיז גְרֶעסֶער?"

יוּדֶעלֶע אִיז צוּגֶעלָאפְן צוּ זַיין טַאטֶע אוּן גֶעוִויזְן, "דָאס אִיז דִי גְרֶעסֶערֶע."

"זֵייעֶר פֵיין, וואוּ זָאל אִיךְ עֶס לֵייגְן?"

יוּדֶעלֶע הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט אַז זַיין פְּלַאן אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דִי זֶעקְל אָפְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי מַצָה, דֶערְנָאךְ הָאט דֶער טַאטֶע בַּאהַאלְטְן דִי אֲפִּיקוֹמָן אוֹיף זַיין לִינְקֶע זַייט, אוּנְטֶער זַיין גְרוֹיסֶע פֶּסַח קִישְׁן.

זֵייעֶר פְלִינְק אוּן שְׁטִיל אִיז יוּדֶעלֶע גֶעלָאפְן צוּ דִי פֶּסַח שַׁאפֶע מִיט דִי אֲפִּיקוֹמָן אוּן זַיין הַאנְט, עֶס גֶעלֵייגְט אוֹיף דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶערְגְרַייכְן, אוּן וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן "מַגִיד" אִיז שׁוֹין יוּדֶעלֶע גֶעוֶוען צוּרִיק אוֹיף זַיין פְּלַאץ.

"צָפוּן מֶען נֶעמְט אַפִּיר דֶעם בַּאהַאלְטֶענֶעם אֲפִּיקוֹמָן ... "דֶער טַאטֶע זוּכְט אוּנְטֶער דִי קִישְׁן, דִי אֲפִּיקוֹמָן אִיז נִישְׁט דָא, וֶוער הָאט עֶס גֶע'גַנֶבְ'עֶט?" הָאט דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט שְׁטְרֶענְג, מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

ח. שטיינבערג

"ניִשְׁט אִיךְ", הָאט יְהוּדִית גֶעזָאגְט אַנְטוֹישְׁט..

"ניִשְׁט אִיךְ", הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ ווִידֶער קוֹל פוּן פְּרִימִי, שָׁלוֹם און דָוִד.

"אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעזוּכְט בַּיי רָחְצָה און אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן".

דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיקְט פַארְוואוּנְדֶערְט, וֶוער הָאט גֶע'גַנֶבְ'עֶט דִי אֲפִיקוֹמָן?

"אִיךְ הָאבּ עֶס! אִיךְ הָאבּ עֶס!" יוּדֶעלֶע אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין שַׁבָּת שְׁטוּבּ מִיט דִי אֲפִיקוֹמָן און זַיין הַאנְט.

"אָה יוּדֶעלֶע, גֶעבּ עֶס אַהֶער", הָאט דֶער טַאטֶע פְּרָאבִּירְט.

"אִיךְ גֶעבּ עֶס נִישְׁט צוּרִיק נָאר אוֹיבּ דִי גֵייסְט מִיר גֶעבְּן וָואס אִיךְ גֵיי בֶּעטְן".

"מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף", הָאט דֶער טַאטֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וָואס ווִילְסְטוּ? אַ בּוּךְ? אַ קַארֶעלֶע? לָאמִיר עֶס מַאכְן שְׁנֶעל, עֶס אִיז שׁוֹין כִּמְעַט חֲצוֹת".

"טַאטִי, אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט מִיר בֶּענְטְשְׁן אִיךְ זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ תַּלְמִיד חָכָם".

דִי צִימֶער אִיז גֶעוָוארְן שְׁטִיל.

"יוּדֶעלֶע וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר?" הָאט זִיךְ דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי זַיין יוּנְג קִינְד, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ רָב אָדֶער אַ דַיָין אָדֶער אַ כּוֹלֵל יוּנְגֶערְמַאן, אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּטְעֶר אַרְבֶּעטֶער, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיר בֶּענְטְשְׁן?"

יוּדֶעלֶע הָאט פֶּעסְט אָנְגֶעכַאפְּט דִי אֲפִיקוֹמָן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער אִינְגְל און עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען דִי וֶוערְד פוּן אַ טַאטֶע'ס בְּרָכָה, "טַאטֶע בִּיטֶע בֶּענְטְשׁ מִיר און אִיךְ וֶועל עֶס גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעבְּן.

אַ שְׁנֶעלֶע בְּלִיק אוֹיפְן זֵייגֶער הָאט גֶעשְׁלָאסְן דָאס גֶעשֶׁעפְט. דֶער טַאטֶע הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף יוּדֶעלֶע'ס קָאפּ און אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם און אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

"אָמֵן" הָאט יוּדֶעלֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט הוֹיעךְ, "שְׁ'כֹּחַ טַאטִי!" עֶר הָאט צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי אֲפִיקוֹמָן פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט.

עֶס זֶענֶען אַדוּרְךְ פִיל יָארְן פוּן יֶענֶעם סֵדֶר נַאכְט, יוּדֶעלֶע אִיז טַאקֶע אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיט אַסַאךְ תַּלְמִידִים.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל, יֶעדֶע בְּרִיוו אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ. וֶועלְכֶע גֶעלוּנְגֶענֶע אֲפִיקוֹמָן קֶען אִיךְ בֶּעטְן דָאס יָאר?

קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

משפחת אינדיג - מצה באקן

בית פיגא ירושלים ערשטע קלאס

חי' אסתר יאקאבאוויטש



יהושע היימליך



אליעזר שלמה שטראססער
הלל אויפן דאך

נעסי און רחי איינהארן

יושע ווערטהיימער

טויבי מיט רבקי מינצבערג